STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06998

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גי דע מאָפּאַסאַן'ס

געזאַמעלטע ווערק

אונזער האַרץ

(ראָמאַן)

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין

XV

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
1919

I

איינמאָל רופט זיך אָן דער מוזיקער מאסיוואל, דער בעריהמטער קאָמפּאָניסט פון „רעבעקא״, וועלכער איז שוין זייט פינף און צוואַנציג יאָהר בעקאנט געווען אַלס „דער יונגער און גרויסער מייסטער״, צו זיין פריינד מאַריאָל:

— פאר וואָס האָסטו זיך נאָך ביז היינט ניט פאָרגעשטעלט פאַר מאַדאַם מישעל דע־ברון? אַ שאָד, זאָג איך דיר, זי איז איינע פון די עלעגאַנטעסטע פרויען אין פּאַריז.

— ווייל איך פּאַס ניט איהר קרייז.

— אָה, דו האָסט אַ טעות, מיין פריינד. איהר סאַלאָן איז אמת אָריגינאַל, מאָדערן, קינסטלעריש און זעהר אינטערעסאַנט. מען הערט דאָרט די בעסטע מוזיק און מען אונטערהאַלט זיך דאָרט במעט אַזוי גוט ווי אין די בעסטע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנס פון פאָריגען יאָהרהונדערט. איך גלויב, דו וואָלסט דאָרט זעהר גוט אויפגענומען געוואָרען; ערשטענס, ווייל דו שפּיעלסט אויסגעצייכענט אויף'ן פּיעדעל, צווייטענס, ווייל מען האָט דאָרט וועגען דיר אַ הויכע מיינונג און, דריטענס, ווייל מען ווייס, אז דו געהסט ניט אַבי וואו, אז דו קומסט נור אריין אין די אויסגעוועהלטעסטע קרייזען.

מאַריאָל האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט, אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקעלט, געלאָזט זיך בעטען. ער איז געווען זי־

בער, אז די יונגע פרוי האָט עס געהייסען זיין פריינד, ער זאָל איהם איינלאַדען. ער האָט געענטפערט:

— אך, ווער וועט געהן אהין!

אָבער אין דעם טאָן פון זיין ענטפער האָט זיך שוין געפיהלט, אז ער רעכענט צו געהן אהין.

מאַסיוואַל האָט ווידער אָנגעהויבען:

— וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל דיך פאָרשטעלען פאר איהר? ווען ווילסטו געהן אהין? די וואָך, קומענדיגע וואָך? זי קאָן דיך שוין. מיר, די אינטימע פריינד איהרע, האָבען איהר גענוג דערצעהלט וועגען דיר. זי איז זעהר א שעהנע פרוי, אכט און צוואַנציג יאָהר אַלט, זעהר קלוג און וויל ניט א צווייטען מאָל חתונה האָבען, ווייל מיט דעם ערשטען מאן האָט זי זעהר אונגליקליך געלעבט. ביי איהר טרעפט מען אַלץ אנשטענדיגע לייט. זי וועט זיך געוויס פרעהען, ווען איך וועל דיך ברענגען.

מאַריאַל האָט זיך מעהר ניט געלאָזט בעטען און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט... פון מיינטוועגען, איך קאָן מיט דיר געהן צו איהר. גוט, קומענדיגע וואָך.

אם אָנפאַנג פון דער נעקסטער וואָך איז דער קאָמפאַניסט געקומען צו איהם און האָט געפרעגט:

— האָסטו מאָרגען צייט?

— געוויס.

— גוט. אַלזאָ מאָרגען געהען מיר עסען מיטאָג צו מאַדאַם דע־ברון. זי האָט מיר געזאָגט, איך זאָל דיך איינלאַדען.

פון אנשטענדיגקייט וועגען האָט מאַריאַל גלייך ניט געענטפערט, נור ער האָט זיך פריהער א ווייַלע כלומר׳שט איבערלעגט און ערשט דערנאָך געזאָגט:

— גוט, איך געה מיט דיר.

אַנדרע מאַריאַל איז געווען אַן ערך א יאהר זיעבען און דרייסיג אַלט, אַן אַלטער בחור, אָהן א בעשעפטיגונג. ער איז געווען גענוג רייך, אום צו לעבען, ווי ער האָט געוואָלט, צו רייזען און

זאָגאר צו פערשאפען זיך א טהייערע זאמלונג פון מאָדערנע ביל־דער און פון אנדערע טהייערע אנטיקען. מען האָט איהם געהאל־טען פאר אן אינטעליגענטען מענשען, פאר אביסעלע א פאנטא־זיאָר, אביסעלע א קאפריזנעם, פאר אביסעלע צו שטאָלץ, וועלכער צוליעב זיין גרויסער גאוה האלט זיך פון וויימען פון דער גרויסער וועלט פון מענשען.

ער איז געווען זעהר בעגאבט, זעהר טאַלענטירט, נור פויל. ער וואָלט געקאָנט וואָס אויפטהאָן און אפשר גאָר גרויסעס, אָבער ער האָט זיך בענוגענט צו געניסען דאָס לעבען ווי א צוקוקער אָדער ריכטיגער, ווי א דילעטאנט. וואָלט ער קיין געלד ניט געהאט, וואָלט פון איהם זיכער ארויסגעקומען עפּעס רעכטס, אפשר זעהר א בעריהמטער מאַן. אזוי אָבער, אין רייכטום געבאָרען, האָט ער זיך נור שטענדיג פאָרגעווארפען, פארוואס ער האָט ניט אויפגע־טהאָן עפּעס, וואס זאל איהם א נאָמען פערשאפען.

אמת, ער האָט שוין עטליכע מאָל געפּרובט ארויסטרעטען, דאָ אלס ליטעראַט, דאָ אלס מוזיקער און דאָ אלס סקולפּטאָר, אָבער יעדער ארויסטריט זיינער איז געווען אָהן דער נויטיגער קראפט. אפריהער האָט ער געדרוקט א בוך פון גוט־בעשריבענע רייזע־איינ־דריקען; דערנאָך איז ער ארויסגעטראָטען אלס וויאָלין־שפּיעלער און האָט שטארק אויסגענומען אפילו ביי די פּראָפעסיאָנעלע מו־זיקער אלס זעהר פעהיגער דילעטאַנט. דערנאָך האָט ער פּאָריגען יאָהר ארויסגעשטעלט זיינע א סטאַטוע, וועלכע איז אויך גאָר ניש־קשה'דיג געפעלען געווארען.

ער איז געווען אן אויסגעצייכענטער רייטער, און מען האָט דערצעהלט, אז א פעכטער איז ער אויך געווען איינער פון די בעס־טע, כאָטש ער האָט זיך עפּענטליך קיינמאָל ניט געפאָכטען, אפשר מחמת דעם זעלביגען געפיהל פון אונזיכערקייט, וואס האָט איהם אָפּגעהאלטען צו פערקעהרען אין דער גרויסער וועלט, וואו ער האָט געדארפט מורא האָבען פאר ערנסטע קאָנקורענטען, וועלכע וואָל־טען איהם מיט זייערע בעסערע פעהיגקייטען פערדונקעלט.

אָבער זיינע פריינד, אַלע אָהן אויסנאהם, האָבען איהם גע־שעצט, געליבט איהם אין טאָג אריין, אפשר דערפאר, ווייל ער איז זיי אין וועג נישט געשטאַנען, ווייל זיי האָבען נישט געדאַרפט מורא האָבען, ער זאָל זיי נישט פערדונקלען. אַזוי צי אַזוי, מען האָט איהם געהאַלטען פאר א גוטען, געטרייען פריינד און פאר א סימפּאַטישע פּערזאָן.

ער איז געווען הויך און מאָגער, האָט געטראָגען א שווארצע, אויף די באַקען קורץ־געשאָרענע באָרד, וועלכע האָט זיך פער־ענדיגט מיט א שפּיץ. זיינע האָר, וואָס האָבען שוין אָנגעהויבען גרוי צו ווערען, זיינען געווען געקרויזט. זיינע ברויגע, קלאָרע אויגען האָבען געקוקט פערדעכטיג און הארט.

די מייסטע פון זיינע נאָהענטע, אינטימע פריינד זיינען גע־ווען קינסטלער: דער ראָמאַנען־שרייבער גאסטאָן דע לאַמאַרטי, דער קאָמפּאַניסט מאסיוואַל און די מאַהלער זשאָבין, ריוואָלע און דע מאַנדאָו. זיי אַלע האָבען כלומר׳שט פיעל געהאַלטען פון זיין פערשטאַנד, זיין פריינדשאַפט, זיין געשמאַק און זיינע מבינות, נור אין דער אמת׳ן האָבען זיי טיעף ביי זיך אין הארצען איהם געהאַלטען נור פאר א זעהר ליעבענסווירדיגען, קלוגען דילעטאַנט.

ער, דאַכט זיך, האָט מיט שטאָלצער צוריקהאַלטונג גערעדט:
„איך בין גאָר נישט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט עפּעס זיין.”

ער האָט פאַרקעהרט אין אן ענגען קרייז און אויסגעמידען די בעקענטע סאַלאָנס, וואו אַנדערע וואָלטען זיך מעהר אָנגעזעהן, ווי ער, און וואו ער וואָלט געווען אן אונבעדייטענדער נומער.

ער האָט נור געוואָלט פאַרקעהר׳ען דאָרט, וואו מען האָט זיי־נע פערבאָרגענע אייגענשאַפטען געשעצט, און דערפאַר האָט ער אויך איינגעוויליגט צו געהן צו מאַדאַם דע בורן, ווייל ביי איהר האָבען פאַרקעהרט די בעסטע פריינד זייגע, וועלכע האָבען זיינע מעלות אומעדום געליבט.

מאַדאַם דע בורן האָט בעוואָהנט א שעהנע הויז אויף דער רי דו זשענעראַל פאַי, הינטער דער קירכע פון סענט אויגוסטין. צוויי

צימערען זיינען ארויסגעגאנגען צו דער גאס צו, דאס עס־צימער און א סאלאן, וואו זי האט געסט אויפגענומען. צוויי אנדערע האבען ארויסגעקוקט אויף א שעהנעם גארטען, וואס איז אבער בענוצט געווען פון דעם אייגענטימער פון דעם הויז. איינס פון די לעצטע צוויי צימערען איז געווען א צווייטער סאלאן, זעהר גרויס, טיעפער ווי ברייט, מיט דריי פענסטער, אן וועלכע די צווייגען פון די ביימער פונ׳ם גארטען האבען זיך אנגעקלאפט. דארט, אין יענעם סאלאן, זיינען געשטאנען זעהר טהייערע, אבער איינפאכע זאכען און מעבעל, וואס האבען ארויסגעוויזען זעהר א גוטען געשמאק. די שטוהלען, די טישען, די קליינע שראנקען און עטאזשערקעס, די בילדער, די פעכער, די פארצעלייענע פיגור־רען, די וואזען, די סטאטוען, דער גרויסער זייגער, קורץ, די גאנ־צע בעפוצונג פון דער יונגער פרוי׳ם סאלאן האט פערכאפט און בעצויבערט דאס אויג דורך איהרע פארמען, אלטער און עלע־גאנץ.

אום די דאזיגע וואהנונג איינצוריכטען, אויף וועלכע זי איז כמעט אזוי שטאלץ געווען ווי אויף זיך אליין, האט זי זיך בע־נוצט מיט דער פריינדשאפט און מבינות פון אלע קינסטלער, וואס זי האט נור געקאנט. זיי האבען פאר איהר, וועלכע איז גע־ווען רייך און האט גוט בעצאהלט, געקראגען אזוינע אנטיקען, וואס האבען ארויסגעוויזען מעהר ווי דעם געוועהנליכען ליעבהאבער־געשמאק. און מיט זייער הילף האט זי זיך אזא הויז איינגעשאפט, אין וועלכען, ווי מען האט גערעדט, ניט יעדער האט געקאנט הא־בען די זכיה אריינצוקומען און וואו, ווי זי האט גערענקט, מען אונטערהאלט זיך בעסער ווי אין די אנדערע הייזער פון דער גע־זעלשאפט.

זי האט, ווי שוין געזאגט, שטאלצירט אויף איהר הויז און זאגאר געהאט וועגען דעם איהר ליעבלינגס־טהעאריע. זי האט געזאגט, אז דער קאליר פון די וועגט און די שטאפען, די בע־קוועמליכקייט פון די זיצע, די שעהנקייט פון פארם, דער רייץ

פונ'ם גאנצען, פערכאפען, בעצויבערען דאס אויג, פונקט ווי א פרויען־שמייכעל. סימפאטישע אדער אונסימפאטישע צימערען, מעגען זיי זיין רייך צי ארים — האט זי געזאגט — ציהען צו אדער שטויסען אפ, פונקט ווי די מענשען, וואס וואהנען אין זיי. זיי וועקען אויף די געפיהלען אדער שלעפערען זיי איין. ווארעמען אדער קיהלען די געדאנקען, מאכען דעם מענשען צו ריידען אדער צו שווייגען, מאכען איהם טרויעריג אדער לוסטיג, קורץ, ערוועקען גלייך ביי יעדען בעזוכער דעם חשק צו בלייבען אדער אוועקצוגעהן.

אין מיטען פון דעם דאזיגען לאנגען, דונקעל־בעלויכטענעם צימער, איז געשטאנען א גרויסע פיאנא צווישען צוויי טהייערע פארצעלייענע וואזאנעס מיט לעבעדיגע בלומען. הינטער די דאזיגע וואזאנעס האט א הויכע טיר געפיהרט אין דאס שלאף־צימער, וואס איז ווידער פערבונדען געווען מיט א טואלעטען־צימער, וועלכעס איז אויך געווען גרויס און עלעגאנט, מיט פערסישען לייוועגד אויף די ווענט, ווי א סאלאן פון א רייכער זומער־וואהנונג. דא האט מאדאם דע בורן זיך געוועהנליך אויפגעהאלטען, ווען זי האט ניט געהאט קיין געסט.

זי איז געווען פערהייראט פאר א מאן א שלעכטען מענשען, מיט אויסערליכע גוטע מאנירען, פאר איינעם פון יענע הויז־טיראנען, פאר וועלכע אלע און אלצדינג מוזען זיך בויגען אין דרייען, און זי איז געווען זעהר אונגליקליך. פינף יאהר כסדר האט זי איבערגעטראגען די פאדערונגען, די אייפערזוכט און זאגאר די ברוטאליטעטען פון דעם דאזיגען אונערטרעגליכען מענשען. זי איז געווען אזוי דערשלאגען, דאס זי האט אפילו ניט פראטעסטירט נעגען אזא פאמיליען־לעבען, גאנץ דערשטיקט פון דער שלעכטקייט און ברוטאליטעט פון דעם דאזיגען מאן, וועמעס קרבן זי איז געווארען.

און איינמאל ביינאכט, ווען ער איז אהיים געגאנגען, האט ער בעקומען א בלוט־שטורץ און איז געשטארבען. און ווען מען

האָט דעם קערפּער פון איהר מאַן אריינגעטראגען, אין א דעקע איינגעוויקעלט, האָט זי איהם אָנגעקוקט און גאָר ניט געקאָנט גלויבען, אז זי איז ווירקליך בעפרייט. דאָס הארץ האָט ביי איהר געטאַנצט פאַר פרייד און גליק, אבער דערביי האָט זי שרעקליך מורא געהאַט, מען זאָל עס ניט בעמערקען.

זי איז געוועזן פון דער נאַטור א פרעהליכע, אַן אונאַבהענגיגע, האָט געקאָנט זיין זאָגאר אויסגעלאַסען, אנציהענד און פּערפיהרעריש, געקאָנט זאָגען א געפּעפּערטען וויץ, פון יענעם סאָרט וויצען, וואס געוויסע יונגע פאַריזער מיידלאַך זאָגען, יענע מיידלאַך, וועלכע האָבען פון זייער יוגענד אָן אין זיך ארייגעזויגט דעם שאַרפען הויך פון די בולוואַרען, וואו יעדען אבענד האָט זיך דורך די אָפענע טירען פון די טהעאַטערס געלאָזט הערען דער גערוך פון די שטיקער, וואס מען האָט אַפּלאָדירט אדער אויסגעפייפט.

פונדעסטוועגען האָט זי פון איהר פינף יאָהריגער שקלאַפעריי איינגעהאַלטען א געוויסע ניט־דרייסטקייט, וועלכע האָט זיך אויף א מערקווירדיגען באַזונדערן אופן אויסגעמישט מיט איהר פריהערדיגער געוואַגטקייט. זי האָט מורא געהאַט, צו פיעל צו זאָגען, צו פיעל צו טהאָן און גלייכצייטיג האָט זי זיך געריסען מיט א ברען צו אונאָבהענגיגקייט, איז גרייט געוועזן צו ברעכען אַלע צוימען און האָט פעסט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אויף קיין פאַל ניט צו פאַרבינדען זיך נאָך אמאָל מיט א מאַן.

איהר מאַן, א מענש פון דער געזעלשאַפט, האָט זי ערצויגען, אויפצונעהמען זיינע געסט, ווי א שטומע, עלעגאַנטע, העפליכע, אוסיגעפוצטע שקלאַפין.

צווישען די פריינד פון דעם דאָזיגען טיראַן זיינען געוועזן א סך קינסטלער, וועלכע זי האָט נייגעריג אויפגענומען און צו וועמעס געשפּרעכען זי האָט זיך מיט פרייד צוגעהערט. און קיינמאָל האָט זי ניט געוואַגט, זיי ארויסצוצייגען, אז זי האָט זיי פאַרשטאַנען און געשעצט.

ווען זי האָט אויסגעטאָן די טרויער, האָט זי איין אבענד איינ־געלאדען צו זיך אויף א מיטאָג עטליכע פון די קינסטלער. צוויי האָבען זיך ענטשולדיגט, דריי האָבען אָנגענומען און ווי ער־שטוינט זיינען זיי געווארען, ווען זיי האָבען געפונען א יונגע פרוי מיט רייצענדע מאַנירען און מיט פיינעם, אינטעליגענטען געשמאַק. זיי האָבען זיך געפיהלט אנגענעהם אין איהר געזעל־שאַפט, בעצויבערט פון איהר ליעבענסווירדיגקייט און פיינעם פערשטאַנד.

אויף אזא'ן אופן האָבען ביי איהר אינ'ם הויז ווידער אָנגעהויבען צו פערקעהרען די פריהערדיגע בעקאַנטע, וועלכע האָבען זי פריהער נישט פערשטאַנען אָדער אין גאַנצען זי פריהער נישט בעמערקט. זי האָט זיך געהאַלטען מיט זיי ווי אַן אלמנה, וועלכע איז נישט מחויב קיינעם אָפצוגעבען קיין רעכנונג, אָבער וועלכע וויל אונבעדינגט בלייבען אַן אנשטענדיגע פרוי. די בע־ריהמטסטע מענער פון פאַריז האָבען איהר הויז בעזוכט, פרויען ווייניג. כדי צו האָבען די זכיה צו זיין איינער פון איהרע געסט, האָט מען געמוזט האָבען א בעריהמטען נאָמען, וועניגסטענס א טיטול.

איהר פאָטער, דע פּראדאן, וועלכער האָט געוואוינט אין איהר הויז, איז שטענדיג געווען איהר בעגלייטער. אַן עלטערער, עלעגאַנטער, גייסטרייכער קאַוואַליער, האָט ער זי בעהאַנדעלט מעהר ווי א דאַמע, איידער ווי זיין טאָכטער, און אויף איהרע דינערס, וואָס זיי זיינען געגעבען געוואָרען ביי איהר אינ'ם הויז, יעדען דאָנערשטאג, איז ער דער פאָרזיצענדער געווען.

איהר הויז איז בעריהמט געוואָרען, און אַלץ מעהר מענשען האָבען געזוכט פאָרגעשטעלט צו ווערען פאַר איהר און אין איהר הויז איינגעלאַדען צו ווערען. קלוגע ווערטלאַך, וועלכע זיינען אין איהר הויז אַרויסגערעדט געוואָרען, האָבען זיך דערנאָך צו־טראָגען איבער דער שטאָדט. יונגע שוישפּיעלער, דיכטער און קינסטלער האָבען צוערשט אנערקענונג ביי איהר און איהר קרייז

געזוכט, איידער זיי זיינען פאר דאס גרויס פובליקום ארויסגע־טראטען. יונגע פיאנא־קינסטלער מיט לאנגע האר, וועלכע גאס־טאן דע לאמארט האט אהין געבראכט, האבען געוויזען זייער קונסט אויף דער פיאנא און באלד נאך זיי זיינען ארויסגעטראטען די אונגארישע וויאלינניסטען, וועלכע מאסיוואל האט געבראכט, צי גאר אויסלענדישע באלעט־טענצערינס, וועלכע האבען דארט געוויזען זייערע גראציעזע בעוועגונגען, איידער זיי זיינען ארויסגעטראטען אינ'ם עדען טהעאטער אדער אין פאלי־בערזשע.

מאדאם דע בורן, וועגען וועלכע איהרע פריינד האבען געהאט אן אונאנגענעהמע עראינערונג פון יענער צייט, ווען זי האט גע־לעבט מיט איהר מאן דעם טיראן, איז געווען גענוג קלוג, ניט צו פערגרעסערען צופיעל דעם קרייז פון איהרע בעקאנטע. זייענדיג צופריעדען מיט איהר איצטיגען לעבען, האט זי זיך גלייכצייטיג געהיט פון בייזע צינגער און זיך אפגעגעבען איהר פרעהליכען לעבען נור מיט א מאס, מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט. זי האט אפגעהיט איהר גוטען נאמען, זיך בענומען זעהר פארזיכטיג און טאקטפול מיט איהרע פריינד און זיך געהיט, אז דער מינד־סטער פערדאכט וועגען עפעס א ליעבע, עפעס אן אינטריגע זאל ניט פאלען אויף איהר.

אלע איהרע פריינד האבען חשק געהאט צו איהר, געזוכט זי צו געווינען, און, עס האט געהייסען, אז קיינעם פון זיי האט ניט געגליקט. זיי האבען זיך אליין אין דעם מודה געווען איינער דעם אנדערען מיט פערוואונדערונג, ווארים די מענער גלויבען ניט אין די צניעות פון אן אונאבהענגיגער פרוי, אפשר זיינען זיי גערעכט אויך. מען האט גערעדט, אז איהר מאן האט באלד נאך דער חתונה איהר אזוינע פארדערונגען געשטעלט, דאס זי איז אויסגע־היילט געווארען אויף אלע מאל פון דער ליעבע צו א מאן. איהרע פריינד האבען אפט וועגען דעם גערעדט און צום סוף זיינען זיי געקומען צום שלוס, אז א יונגע מיידעל, וואס איז ערצויגען אזוי,

דאָס זי שטעלט זיך פאָר דעם טרוים פון די צוקונפטיגע צערטליכקייטען, די ערקלעהרונג פון איהר מיידעלשער געהיימניס, ווי עטוואָס אונריינעס, אונאַנשטענדיגעס, אָבער דאָך זעהר אַנגענעהמעס און ענטציקענדעס, מוז זיין דערנאָך זעהר ענטוישט און פערצווייפעלט, ווען אַ ווילדע, ברוטאַלע בעשעפעניש האָט פאַר איהר די ווירקליכקייט פון דעם פאַמיליען־לעבען אויפגעדעקט.

זשאָרזש דע מאַלטרי, דער פילאָזאָף, פלעגט דערביי אַ שמייכעל טהאָן און זאָגען:

— זייט נור רוהיג, איהר שטונדע וועט שוין קומען. וואָס שפּעטער, אַלץ שטורמישער וועט איהר שטונדע קומען. ביי איהר קינסטלערישען געשמאַק וועט זי נאָך אַריינפאַלען צו אַ זינגער אָדער צו אַ פּיאַנאָ שפּיעלער.

גאַסטאָן דע לאַמאַרט האָט אַן אַנדער מיינונג געהאַט. אַלס ראָמאַן־שרייבער, בעאָבאַכטער און פּסיכאָלאָג, וואָס האָט געשטודירט די מענשען פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכע, אגב, ער האָט געגעבען זעהר לעבעדיגע פּאָרטרעטען, האָט ער בעהויפּטעט, אַז ער קאָן די פרויען צו גוט, אַז ער קאָן אין זיי קיין טעות ניט האָבען. ער האָט צוגערעכענט מאַדאַם דע בורן צו די אונרוהיגע פרויען פון דער נייער צייט, וואָס איינע פון זיי האָט ער אַרויסגעשטעלט אין זיין אינטערעסאַנטען ראָמאַן „איינע פון זיי”. ער האָט דער ערשטער געשילדערט די „נייע פרוי”, וועלכע איז אין גאַנצען פון איהרע היסטערישע נערווען בעהערשט און פון טויזענד ווידערשפּרעכענדיגע קאַפּריזען, ניט ווירקליכע פערלאַנגען געקוועלט. דער דאָזיגער פּראָדוקט פון דער היינטיגער אָרדנונג, פון דער איבערגאַנגס־צייט, פון דער געגענוואַרט, פון דעם מאָדערנעם ראָמאַן, די דאָזיגע נייע פרוי, וואָס איז ענטטוישט פון אַלסדינג אינ'ם לעבען, איידער זי האָט וואָס פערזוכט פונ'ם לעבען, די דאָזיגע נייע פרוי אָהן בעגייסטערונג, אָהן היגרייסונג פעראייניגט אין זיך די קאַפּריזען פון אַ צובאַלעוועטע קינד און די קאַלטקייט און אויסגערעכענטקייט פון אַ סקעפּטישען גרייז.

ווי אַלע אַנדערע, האָט ער אויך ביי מאַדאַם דע בורן ליעבע געזוכט און איז אויך דורכגעפאַלען.

יעדער פון זיי האָט ביי איהר ליעבע געזוכט און יעדער פון זיי איז געבליבען מיט אַ נאָז, ווי מען זאָגט. דאָך האָט קיינער פון זיי זי ניט פערלאָזען און אַלע זיינען איהר געבליבען איבערגעבען, איינער מעהר, אַן אַנדער וועניגער. ביסלעכווייז האָבען זיי געבילדעט אַ מין קירכע, וואו זי איז געווען דאָס היילינע בילד. פון איהר האָבען זיי גערעדט, זי האָבען זיי געלויבט, געפייערט, גע־קריטיזירט, ווי אמאָל; עס האָט זיך אין גאַנצען געווענדעט פון דעם, ווי זי האָט זיך אין דעם טאָג בענומען געגען זיי, פון דער מינע, וואָס זי האָט זיי געוויזען.

זיי זיינען כסדר געווען אייפערזיכטיג איינער אויפ'ן אַנדערען, האָבען איינער דעם אַנדערען נאָכגעשפּיאָנירט, אָבער אין איין זאַך זיינען זיי געווען אייניג: ניט אריינצולאָזען קיין געפעהרליכען קאָנקורענט.

די הויפּט־פריינד פון דעם דאָזיגען הויז זיינען געווען די פאָלגענדע פּערזאָנען: מאַסיוואַל, גאַסטאָן דע לאַמאַרט, דער די־קער פרענזעל, דער יונגער מאָדע־פילאָזאָף און עלעגאַנטער וועלט־מענש, זשאָרזש דע מאַלטרי, וועלכער איז בעריהמט געווען דורך זיינע פּאַראַדאָקסען, זיין בעלעזענהייט, זיין שעהן־רעדען און זיין עלעגאַנטען אויסזעהן. צו די דאָזיגע העררען, וואָס זי אַליין האָט אויסגעוועהלט, זיינען דערנאָך צוגעקומען נאָך אַ פּאָר העררען פון דער הויכער געזעלשאַפט: גראַף מאַראַנטין, באַראָן גראַוויל און נאָך אַ צוויי־דריי אַנדערע.

מאַסיוואַל און לאַמאַרט זיינען איהר הפנים געפעלען געווען מעהר ווי די איבריגע. מיט זיי האָט זי זיך בעסער אונטערהאַל־טען. איהר איז געפעלען געווען אין זיי זייער קינסטלערישע ניט־צערעמאָניען־זיך מיט קיינעם און מיט קיין זאַך ניט, ווי זיי האָבען גערעדט, ווי זיי האָבען זיך געקאָנט לוסטיג מאַכען איבער יעדען מענשען און אַמאָל זאָגאַר איבער איהר אַליין. אָבער מחמת איהר

פאַרזיכטיגקייט, צי אַ נאַטירליכע צי אַ געמאַכטע, האָט זי מורא גע־האַט אַרויסצואַווייזן איינעם פון איהרע פערעהרער מעהר פריינד־שאַפט ווי די אַנדערע, און דערפאַר האָט זיך אין איהר פריינד־שאַפט צו זיי געפיהלט אַ געוויסער מין פריינדליכקייט, וואָס האָט זייער אונטערהאַלטונג נאָך מעהר אינטערעסאַנט געמאַכט.

עס האָט געטראָפען אַמאָל, אַז איינער פון זיי האָט געוואָלט אָפּטהאָן אַ שפּיצעל, האָט ער געבראַכט צו פיהרען עפּעס אַ פריינד און פאַרגעשטעלט; אָבער אַזוי ווי דער דאָזיגער פריינד פלעגט קיינמאָל ניט זיין קיין זעהר בעדייטענדער אָדער זעהר אינטערע־סאַנטער מאַן, האָבען די איבריגע, וואָס זיינען געווען געגען איהם פעראייניגט, זיך געקווענקעלט, איהם אויסצושליסען.

אַזוי האָט מאַסיוואַל אויך איינגעפיהרט זיין פריינד אין דאָס דאָזיגע הויז.

דער דיענער אין אַ שוואַרצען פראַק האָט אויסגערופען:

— הערר מאַסיוואַל!

— הערר מאַריאָל!

אונטער אַ וואָלקען פון ראָזעווער זייד, אַ גוואַלדיג־גרויסען לאָמפּ־שירם, וואָס האָט געוואָרפען אויף אַ פיער־עקיגען טיש פון גוטען מאַרמאָר דאָס שטראַהלענדיגע ליכט פון אַ גרויסען לאָמפּ, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ הויכען בראָנזענעם זייל, האָט מען געזעהן אַ פרויען־קאָפּ און פיער מענער איבער אַן אַלבאָם גע־בויגט, וועלכען לאַמאַרט האָט געבראַכט מיט זיך. דער ראָמאַן־שרייבער איז געשטאַנען צווישען זיי, האָט געבלעטערט און ער־קלערט.

איינער פון די קעפּ האָט זיך אומגעדרעהט, און מאַריאָל, וועלכער איז נעהענטער צוגעטראָטען, האָט דערזעהן אַ העלען, בלאָנדען, עטוואָס רויטליכען פנים מיט רויטע לאָקען, ווי פלאַמען אויף די שלייפען. די פיינע אַביסעל פעררייסענע נאָז, דער מויל מיט די שעהנע ליפּען, די חן־גריבעלאַך אויף די באַקען, די גע־טיילטע מאַרדעטשקע, אַביסעל מיט אַ גיידער, האָבען איהם גע־

געבען אביסעל א שמייכעלדיגען, שפּאָטישען אויסדרוק, וועהרענד די אויגען, פערקעהרט, האָבען געהאַט אין זיך עטוואָס מעלאנכאָ־לישעס. זיי זיינען געווען בלאָה, פון א מאַטער, טויטער בלאָהקייט, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי געוואַשען, פּאָלירט און אָבגענוצט, און אין מיטען האָבען געלויכטען א פּאָר רונדע שווארץ־אַפּעלס. דער אונגעוועהליכער גלאַנץ פון איהר בליק האָט געמאַכט זיך צו דער־מאָנען אָן מאָרפיום אָדער אָן בעלאַדאָננאַ.

מאַדאַם דע בורן איז אויפגעשטאַנען, האָט אויסגעשטרעקט איהם די האַנד אנטקעגען, בעגריסט איהם און בעדאַנקט, וואָס ער איז געקומען.

— איך האָב מיינע פריינד שוין לאַנג געבעטען, זיי זאָלען אייך ברענגען — האָט זי געזאָגט — אָבער אַזוינע זאַכען טהוען זיי ניט גערן פאַר מיר. איך מוז זיי דערמאָנען נאָך אַמאָל, איידער זיי טהוען עס פאַר מיר.

זי איז געווען הויך, עלעגאַנט, אביסעלע צו לאַנגזאַם אין איהרע בעוועגונגען, דעקאָלטירט מיט א מאָס, אַזוי, דאָס מען האָט קוים געזעהן דעם אויבערשטען טהייל פון איהרע שעהנע שולטערען, די שולטערען פון דער רויט־האָריגער פרוי, וואָס האָבען וואונדערפול געלויכטען אין דעם העלען ליכט. און דאָך זיינען איהרע האָר ניט געווען רויט, נור פון יענער אונבעשרייבליכער פאַרב, וועלכע פערוועלקטע בלעטער האָבען אין הערבסט.

זי האָט מאַריאָל׳ן פאָרגעשטעלט איהר פאָטער, וועלכער האָט איהם די האַנד דערלאַנגט.

די הערען זיינען געשטאַנען אין דריי גרופּען און האָבען גערעדט. זיי האָבען זיך געפיהלט ווייזט אוים ווי אין דער היים.

דער דיקער פרענזעל האָט געשמועסט מיט גראַף מאַדאַנטין. זיינע אָפטע וויזיטען אין דאָס דאָזיגע הויז און די בעזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט, וואָס מאַדאַם דע בורן האָט איהם געשענקט, האָט מאַנכעסמאָל זיינע פריינד געערגערט. ער איז געווען נאָך יונג, אָבער שוין פעט, אויפגעבלאָזען און האָט געליטען אויף קורצען

אָטהעם. קיין באָרד האָט ער ניט געהאַט און אויפ'ן קאָפּ זיינען איהם געוואַקסען אונבעשטימטע צופּלאָנטערטע, העלע האָר. א גאַנץ געוועהנליכער און לאַנגווייליגער מענש, האָט ער אין די אויגען פון דער יונגער פרוי געהאַט איין פּערדיענסט, וועלכע איז פאַר איהם געוועזען זעהר וויכטיג, אָבער פאַר די אַנדערע זעהר אונאַנ־גענעהם: ער האָט זי בלינד געליעבט, הייסער און מעהר ווי אַלע אַנדערע צוזאַמען. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען דער ים־הונד. ער איז געווען פערהייראַט, אָבער קיינמאָל האָט ער ניט מיטגעבראַכט זיין פרוי, וועלכע, ווי מען האָט דערצעהלט, איז גע־וועזען שרעקליך אייפערזיכטיג צו איהם.

בעזונדערס האָבען לאַמאַרט און מאַסיוואַל זיך געערגערט איבער דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס זייער יונגע פריינדין האָט איהם געשענקט. און ווען זיי האָבען זיך ניט געקענט איינהאַל־טען און איהר פאַרגעוואָרפען איהר שלעכטען געשמאַק, האָט זי זיך צולאַכט און געענטפערט:

— איך האָב איהם ליעב ווי אַ טרייען הונד.

גאַסטאָן דע לאַמאַרט האָט גערעדט מיט זשאַרזש דע מאַלטרי וועגען די נייעסטע, נאָך ניט גאַנץ זיכערע ענטדעקונג פון די ביאָלאָגען.

מאַלטרי האָט ארומגעטראַכט יעדעס וואָרט, יעדען געדאַנק, איידער ער האָט איהם ארויסגעזאָגט, און דער ראָמאַן־שרייבער לאַמאַרט האָט, פערקעהרט, גערעדט לייכט מיט היץ, ווי ער פלעגט, אגב, ריידען וועגען יעדע זאַך, וואָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען צו זיין אָריגינעל און נייע.

דער פילאָזאָף פון דער „הויכער געזעלשאַפט„ ווי מען האָט מאַלטרי'ן גערופען, איז געווען שמאָל און הויך, האָט געטראָגען אַ פראַק, אין וועלכען ער איז געווען ווי איינגעשנורעוועט. ער האָט געהאַט אַ שעהנעם קאָפּ מיט בלאָנדע האָר, וואָס זיינען געלעגען גלאַט און גלייך, ווי צוגעקלעבט אויף איהם.

לאַמאַרט, גאַסטאָן דע לאַמאַרט, פון ווען מען האָט גערעדט,

אז ער האלט זיך פאר א שטאָלצען אריסטאָקראט און שטאָלצירט אויף זיין בעקאנטשאפט מיט די מענשען פון דער הויבער געזעל־שאפט, איז פריהער פון אלסדינג געווען מיט אן אויג, וואס האָט אויפגעכאפט די בילדער, די שטעלונגען, די בעוועגונגען מיט דער פלינקייט און גענויאיגקייט פון א פאָטאָגראַפישען אפאראט. בע־גאבט מיט א נאטירליכען אינסטינקט פאר דאָס אינטערעסאנטסטע אינ׳ם לעבען, האָט ער פון אין דער פריה ביז ביינאכט געזאמעלט שטאָף פאר זיינע ראָמאנען. און האָבענדיג נאָך דערצו א קלאָרען בליק אויף זאכען, האָבען זיינע ווערק געמאכט דעם איינדרוק. ווי שטיקער פון דער צופעליגער ווירקליכקייט, ארויסגעריסען פון דער נשמה און גוף פון דעם לעבען אליין.

יעדעסמאָל, ווען זיינער א ראָמאן איז ערשיענען, האָט זיך אין דער געזעלשאפט געטומעלט; מען האָט געלאכט, געקאָכט זיך, געפרובט טרעפען, וועמען האָט ער געמיינט, וועמען האָט ער גע־שילדערט, ווייל עס האָט זיך אלעמאָל אויסגעוויזען. אז אין זיינע געשילדערטע העלדען דערקאָנט מען בעקאנטע פערזאָנען. און שטענדיג, ווען ער האָט זיך אין א סאלאָן בעוויזען, האָט ער ארויס־גערופען אן אונרוהיגקייט צווישען די געסט. אגב האָט ער שוין אמאָל פערעפענטליכט א באנד פון אינטימע עראינערונגען, אין וועלכען גאָר פיעל פון זיינע בעקאנטע דאמען און הערען האָבען זיך דערזעהן ווי אין א קלאָרען שפיעגעל. ער האָט דערביי קיין שלעכטס ניט געמיינט, אָבער ער האָט זיי געשילדערט אזוי שארף און קלאָר, דאָס זיי אלע זיינען געווען פערביטערט געגען איהם. איינער האָט איהם א צונעמעניש געגעבען: „היט זיך פאר דיינע פריינד".

זיין זעלע איז פאר אלעמען געווען א רעטזעל, זיין הארץ פער־שלאָסען, און מען האָט גערעדט, אז ער האָט איינמאָל פריהער זעהר ליידענשאפטליך געליעבט א פרוי, וועלכע האָט איהם פיעל ליידען פערשאפט, דערפאר רעכענט ער זיך איצט אָפּ מיט אלעמען.

מאסיוואל און ער האָבען זיך זעהר גוט פערשטאנען, כאָטש

דער קאמפאניסט איז געווען א מענש מיט א גאנץ אנדער נאטור. ער איז געווען אן אפענער און אויסערליך איינדרוקספולער. ער האט צוערשט געהאט צוויי גרויסע ערפאלגען מיט צוויי אפעראס, וועלכע זיינען געשפיעלט געווארען אין ברוסעל און אין פאריז. זיי האבען איהם פערשאפט א גרויסען נאמען און מען איז איבערציינגט געווען, אז מען האט פאר זיך א גרויסען טאלאנט. דאן אבער איז ער מיט אמאל שטיל געווארען, ווי די מייסטע פון די לעבעדיגע קינסטלער. זיי עלטערען זיך ניט אין זייער רוהם און ערפאלג ווי אמאל זייערע עלטערען, נור אין די בעסטע יאהרען פערלירען זיי זייער קראפט, זייער שאפונגס קראפט, ווערען ווי גייסטיג פאראליזירט.

לאמארט פלעגט זאגען: „אין פראנקרייך זיינען היינט דא א סך בעריהמטע שטערען, וועלכע לייכטען שוין לאנג ניט".

גראד איצט איז מאסיוואל געווען בעזונדערס שטארק פערליעבט אין מאדאם דע בורן, און צווישען די פריינד האט מען פון דעם גערעדט. ווען ער האט איצט איהר האנד געקושט, מיט א מינע פון פערגעטערונג האבען איהם אלע אנגעקוקט.

ער האט געפרעגט:

— האבען מיר פערשפעטיגט?

זי האט געענטפערט:

— ניין. איך ערווארט נאך באראן גראוויל און די מארקיזע רע בראטאן.

— אה, די מארקיזע קומט? זעהר שעהן. דאן וועלען מיר היינט האבען אביסעל מוזיק.

— איך האף אזוי.

די ביידע, וואס האבען געפעהלט, זיינען אריינגעקומען. די מארקיזע האט אויסגעזעהן אביסעלע צו קורץ, ווייל זי איז געווען זעהר דיק. זי איז געווען א געבוירענע איטאליענערען, פול לעבען, מיט שווארצע אויגען, שווארצע ברעמען, שווארצע אויגען־לעדעלאך, שווארצע האר, וואס זיינען אזוי געדיכט געווען, דאס זיי

האבען פערדעקט איהר שטערן ביז צו די אויגען. פון אלע דאמען פון דער הויכער געזעלשאפט האט זי געהאט די שעהנסטע שטימע.

דער באראן איז געווען אן עלעגאנטער מאן, מיט א שמאלער ברוסט, מיט א גרויסען קאפ און אהן זיין טשעלא האט ער א טראט ניט געטהאן. ער איז געווען א ליידענשאפטליכער מוזיקער און איז געגאנגען נור אהין, וואו מען האט מוזיק געשפיעלט.

מען האט געמעלדעט, אז דער טיש איז שוין געגרייט. מאדאם דע בורן האט גענומען מאריאל'ן אונטער דער האנד און האט גע־לאזט די געסט פערבייגעהן פערביי איהר. דערנאך, ווען זיי זיינען געבליבען די לעצטע אינ'ם סאלאן, האט זי אויף מאריאל'ן געווארפען א שטילען בליק, א בליק, אין וועלכען עס האט זיך געפיהלט מעהר ווי דער געוועהנליכער אינטערעס, וואס א שעהנע דאמע האט צו איהר גאסט, וועלכען זי זעהט צום ערשטען מאל. דער דינער איז געווען אביסעלע לאנגווייליג און איינטאניג. לאמארט איז געווען נערוועז און האט זיך, קענטיג, מיט די איבריגע געסט ניט גערעכענט. אמת, ער האט אפען צו קיינעם קיין פיינדשאפט ניט ארויסגעוויזען, ווארים ער האט געהאלטען פון גוטע מאנירען, אבער ער איז געווען אזוי שלעכט אויפגעלעגט, דאס די אונטערהאלטונג צווישען איהם און די אנדערע האט זיך ניט געקלעבט. מאסיוואל איז געווען צוטראגען, האט ווייניג געגעסען און כסדר געווארפען פער'גנב'עטע בליקען אויף די בעל־הבית'טע פונ'ם הויז, וועלכע איז עפעס אויך געווען גאר צודרומשקעט. זי האט ניט געהערט, וואס מען האט גערעדט צו איהר, געשמייכעלט צוטראגען און געלאכט, קענטיג, ווענען עפעס, וואס האט זי זעהר אינטערעסירט. פון צייט־צו־צייט האט זי זיך פון דעסטוועגען א כאפ געטהאן און זיך געסטארעט צו זיין ליעבענסווירדיג, בעזונדערס מיט דער מאר־קיזע דע בראטאן און מיט מאריאל'ן. באלד אבער האט זי זיך ווידער פערטראכט.

פרענזעל און דע מאלטרי האבען דיסקוטירט איבער די פאעזיע פון דער היינטיגער צייט. מאריאל האט עטליכע מאל

געוואָרפען בליקען אויף די יונגע בעל־הבית'טע פונ'ם הויז און זי אויף איהם. איהרע בליקען אָבער זיינען איצט, דאכט זיך, געווען ווענינער בעשטימט, ווענינער נייגעריג. נור די מארקיזע דע בראטאן, גראף מאראטין און באראָן גראוויל האָבען געפיהרט צווישען זיך א לאנגען שמועס, אין וועלכען זיי זיינען, קענטיג, געווען שטארק פעראינטערעסירט.

נאָך דינער האָט זיך מאסיוואל, וועלכער איז געוואָרען אלץ מעלאנכאָלישער, זיך געזעצט ביים קלאוויר און געלאָזט הערען א פּאָר טענער. מאדאם דע בורן האָט זיך, ווייזט אויס, אָטשוכעט און גלייך צונויפגעשטעלט א קליין פּראָגראם פון איהרע ליעבלינג־שטיקער.

דער מארקיזע'ס שטימע איז היינט געווען בעזונדערס ריין, און אזוי ווי זי האָט זיך נאָך געוואָלט ארויסווייזען פאר מאסי־וואל'ן, האָט זי געזונגען ווי אָן עכטע קינסטלערין. דער קאָמפּאָ־ניסט האָט זי בעגלייט מיט יענער מעלאנכאָלישער מינע, וואָס מען האָט אלע מאָל אויף זיין פּנים געזעהן, בעת ער האָט געשפּיעלט. זיינע לאנגע האָר האָבען דערגרייכט ביז'ן קראגען פון זיין ראָק און פון דאָרט האָבען זיי זיך בעהעפט מיט זיין געלאָקטער, פיינער, לייכטענדיגער באָרד. ער איז געליעבט געווען פון פיעל פרויען און מען האָט גערעדט, אז נאָך איצט זיינען איהם א סך פרויען נאָכגעלאָפען.

מאדאם דע בורן איז געזעסען נאָהענט נעבען קלאוויר, האָט מיט התפעלות זיך צוגעהערט, געקוקט אויף דעם שפּיעלער און גלייכצייטיג איהם דאכט זיך ניט געזעהן. און מאריאָל איז געווען אויף מאסיוואל'ן אביסעלע אייפערזיכטיג, אייפערזיכטיג ניט אויף די אינטימע פריינדשאפט, וואָס איז געווען צווישען איהם און דער יונגער פרוי, נור אויף דעם, וואָס מאסיוואל האָט אזוי אויסגענומען ביי איהר מיט זיין שפּיעלען, וואָס זי האָט זיך צוגעהערט צו איהם מיט אזא בעגייסטערונג. דעם דאָזיגען געפיהל האָט ער אָפט געהאט, ווען ער איז געקומען אין בעריהרונג מיט בעריהמ־

טע מענער אין אַ געזעלשאַפט, וואו ער אַליין האָט זיך געוואָלט אַנזעהן און וואו ער האָט זיך ניט אָנגעזעהן צוליעב די בעריהמטע מענער.

אזייגער צעהן זיינען אָנגעקומען נאָך אנדערע געסט, אפריהער די באַראָנעסע פריימין און דערנאָך צוויי רייכע אידישע דאַמען. מען האָט גערעדט פון אַ חתונה, וואָס דאַרף באַלד זיין, און פון אַ גט, וואס דאַרף אין גיכען פארקומען.

מאַריאָל האָט געקוקט אויף מאַדאַם דע בורן, וואָס איז איצט געזעסען אונטער אַ זייל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען זעהר אַ גרויסער לאָמפּ.

איהר פיינע, אביסעל פעררויסענע נאָז, די חן־גריבעלאַך אויף די באַקען און די מאָרדעטשקע, וואָס איז געווען אין מיטען ווי צו־טיילט, האָבען צוגעגעבען איהם פּנים כמעט אַ קינדערשען אויס־זעהן, כאָטש זי איז ניט ווייט פון דרייסיג יאָהר אַלט געווען און גאַנץ קליינע קנייטשעלאַך זיינען שוין געלעגען ארום איהרע אויגען. אונטער דעם העלען שיין פונ'ם לאָמפּ האָט איהר הויט אויסגעזעהן ווי וויים־געלער סאַמעט און איהרע האָר האָבען אָבגעשלאָגען רויט און גלאַנציג.

זי האָט דערפיהלט אויף זיך מאַריאָל'ס בליק פון דעם אַנ־דערען עק פונ'ם צימער, איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו איהם מיט אַ שמייכעל און געזאָגט:

— אייך איז געווים לאַנגווייליג. ביז מען געוועהנט זיך צו צו אַ הויז, פיהלט מען זיך דאָרט לאַנגווייליג.

ער האָט געלייקענט, אז איהם איז לאַנגווייליג.

זי האָט זיך ארונטערגעלאָזט נעבען איהם אויף אַ שטוהל און באַלד האָט זיך פערפיהרט צווישען זיי אַ שמועס. ווי אַ פייער, וואָס האָט אויפגעפלאַמט, ווי נור מען האָט עס בעריהרט מיט אַ שוועבעלע, אזוי האָבען זיך זיי ביידע גלייך אָנגעכאַפּט. עס האָט זיך אויסגעדראַכט, אזוי ווי זיי וואָלטען שוין לאַנג בעקאַנט געווען איינער מיט'ן אַנדערענס אנזיכטען, איינער מיט'ן אַנדערענס גע־

דאנקען, אזוי ווי זיי וואָלטען ביידע גלייכע נאַטורען געהאַט, גלייכע בילדונג, די זעלביגע נייגונגען, דעם זעלביגען געשמאַק.

אפשר איז די יונגע פרוי ניט אין גאַנצען געווען מיט איהם אויפריכטיג, אָבער ער אַליין איז געווען גליקליך, וואָס זי האָט איהם אויסגעהערט, וואָס זי האָט איהם פערשטאַנען. אויסערדעם האָט ער זיך געפיהלט געשמייכעלט פון דער אויפנאַהמע, וואָס זי האָט איהם געגעבען, פון דער ליעבענסווירדיגקייט, וואָס זי האָט איהם ארויסגעוויזען, און פון דעם רייץ, וועלכען זי האָט אזוי גוט פערשטאַנען. ווי אויסצונוצען אין דער געזעלשאַפט פון מענער. און איצט האָט ער זיך בעמיהט ארויסצוצייגען פאַר איהר יענע זייטען פון זיין נשמה, וואָס זיינען פאַר אַנדערע געווען פערשלייערט און צוליעב וועלכע, אז מען האָט זיי דערקענט, האָט מען איהם ליעב בעקומען.

פלוצים האָט זי זיך אָנגערופען צו איהם:

— ווי גוט מען קאָן זיך מיט אייך אונטערהאַלטען! איבריגענס האָט מען מיר דאָס שוין לאַנג געזאָגט.

ער האָט דערפיהלט, אז ער ווערט רויט, און גלייך געענטפערט:

— און מיר האָט מען געזאָגט, מאַדאַם, אז...

זי האָט איהם אונטערבראָכען:

— אז איך בין אַ קאָקעטקע, האַ? יאָ, אמת, איך לייקען דאָס ניט, אָבער איך קאָקעטיר נור מיט מענשען, וואָס זיינען מיר געפעלען. נור איהר וועט זעהן, אז מיין קאָקעטריי איז גאַנץ אונפּאַרטייאיש. דורך דעם האַלט איך איין מיינע פריינד און פערליר ניט זייער פריינדשאַפט.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו איהם מיט אַזאַ מינע, וואָס האָט דאַכט זיך גערעדט: „האַלט זיך נור רוהיג. לויפט מיר ניט נאָך און זוכט ביי מיר גאָרנישט, וואָרים עס וועט אייך פּונקט אזוי פיעל גליקען, ווי פיעל די אַנדערע מיינע פריינד”.

ער האָט זיך אָנגערופען:

— הייסט עס גלייך פון אנהויב ווארענט איהר אייערע פריינד גענען די געפאהרען, וואס ערוואַרטען זיי דאָ ביי אייך. איך דאַנק אייך זעהר, מאדאם, אזא אָפענהערציגקייט ליעב איך.

איצט האָט זי איהם געלאָזט ריידען וועגען איהר, און ער האָט עס טאַקי געטהאָן. צוערשט האָט ער איהר געמאַכט קאָמ־פּלימענטען און גלייך דערזעהן, אַז זי האָט גאַר ניט פיינד צו הע־רען קאָמפּלימענטען. דערנאָך האָט ער אויפגעוועקט איהר ווייבערשע נייגעריגקייט, דערצעהלענדיג, וואָס מען רעדט וועגען איהר אין פערשיעדענע קרייזען. זי איז געוואָרען אַביסעלע נער־וועז דערביי, האָט כלומרשט געמאַכט זיך, אַז זי אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, האָט אָבער דאָך ניט געקענט פערבעהאַלטען איהר נייגעריגקייט, צו וויסען, וואָס מען רעדט וועגען איהרע אויפפיה־רונגען און איהרע ליעבעס.

ער האָט פאַר איהר אויפגעוואָרפען אַ שמייכעלהאַפט בילד פון איהר, אַ בילד פון אַן אונאבהענגיגער, קלוגער, איבערלעגטער, ריי־צענדער פרוי, וועלכע האָט זיך ארומגערינגעלט מיט אַ קרייז פון בע־ריהמטע מענער און איז דאָך געבליבען וועלט־דאַמע.

שמייכלענדיג האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און גערעדט אין בעפריעדיגטער איידעלקייט: ניין, ניין! און האָט זיך שטאַרק אַמוזירט מיט די אַלע איינצעלהייטען, וואָס ער האָט דערצעהלט וועגען איהר. און אַזוי פּלוידערענדיג, האָט זי געזוכט ארויסצו־קריגען פון איהם נאָך און נאָך, אַלץ וואס מען האָט גערעדט וועגען איהר.

ער האָט געקוקט אויף איהר און געטראַכט:

„אייגענטליך איז זי אַזאַ קינד, ווי אַלע אַנדערע פרויען.” און ער האָט געענדיגט מיט אַ קאָמפּלימענט פאַר איהר ליעבע צו דער קונסט, וואָס מען טרעפט זעלטען ביי פרויען.

דאָ האָט זי פּלוצים אָנגענומען אַ שפּאַטישען טאָן, וועלכען ער האָט ביי איהר גאָרניט ערוואַרטעט, יענעם שטיפערישען, שפּאַ־

טישען טאָן, וואָס איז דאכט זיך געבוירען געוואָרען מיט די פּראָנ־צוויזען:

— מיין גאָט! — האָט זי געזאָגט — איך בין זיך אייך מודה, איך ווייס אייגענטליך ניט, צי איך ליעב די קונסט אָדער די קינסט־לער!

ער האָט געענטפערט:

— קען מען דען די קינסטלער ליעבען אָהן דער קונסט?

— מען האָט זיי ליעב, ווייל מאַנכעסמאָל זיינען זיי אַמו־זאַנטער ווי די מענשען פון דער געזעלשאַפט.

— יאָ. אָבער זיי האָבען דאָך אַזוינע פעהלערען.

— דאָס איז ריכטיג.

— אַלזאָ ליעבט איהר ניט די מוזיק?

זי איז פּלוצים ווידער ערנסט געוואָרען:

— אה, וואָס פאַלט אייך איין, די מוזיק ליעב איך זעהר און זעהר, מעהר ווי אַלסדינג. אָבער מאסיוואַל דענקט, אז איך פער־שטעה ניט קיין מוזיק.

— האָט ער דאָס אייך אַליין געזאָגט?

— ניין. אָבער איך ווייס, אז אזוי דענקט ער.

— פון וואנען ווייסט איהר דאָס?

—אה, מיר פרויען דערשמעקען שוין דאָס וואָס מיר ווייסען ניט.

— אַלזאָ, מאסיוואַל מיינט, אז איהר פערשטעהט ניט קיין מוזיק?

— איך בין אין דעם זיכער. מען קאָן עס זעהן אָן דעם, ווי אזוי ער צוגליעדערט פאר מיר עטוואָס פון דער מוזיק, ווי אזוי ער שטרייכט אונטער יעדע קלייניגקייט, אזוי ווי ער וואָלט דער־ביי געטראַכט: אך, גאָט, זי וועט דאָך דאָס סיי ווי סיי ניט פער־שטעהן, איך טהו עס נור, ווייל זי איז א פיינע פרוי.

— אָבער ער האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אז ביי אייך אינ'ם

הויז ווערט בעסערע מוזיק געשפּיעלט, ווי ערגעץ וואו אנדערש אין פּאריז.

— יאָ. ווייל ער שפּיעלט ביי מיר אינ'ם הויז.

— האָט איהר ליעב ליטעראַטור?

— זעהר. און איך דענק זאגאר, אז איך פערשטעה אביסעל ליטעראַטור, טראָץ לאַמארט.

— ער מיינט דען אז איהר פערשטעהט ניט קיין ליטעראַ־טור?

— נאַטירליך!

— אָבער געזאָגט האָט ער עס אייך נים?

— ער האָט מיר זאָגאר געזאָגט אויך. ער בעהויפּטעט, אז עס זיינען פאראַן פרויען, וועלכע פערשטעהען די געפיהלען, וואָס ווערען אויסגעדריקט, די מענשען וואָס ווערען געשילדערט, קורץ, די פּסיכאָלאָגיע, אָבער דיזעלביגע פרויען זיינען אונפעהיג צו אונטערשיידען צווישען די וויכטיגסטע און די אונוויכטיגע אין די ווערק, צווישען דאָס גרויסע און דאָס מיטעלמעסיגע אין דער קונסט. און ווי ער רעדט עס ארוים דאָס וואָרט „קונסט", איהר האָט נור געדאַרפט הערען!

מאריאל האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— און וואָס דענקט איהר וועגען דעם, מאדאם?

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעדאַכט, דערנאָך האָט זי איהם אַ קוק געטהאָן גלייך אין געזיכט אריין, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך גע־וואָלט פערזיכערען, אויב ער וועט זי פערשטעהן.

— איך דענק, אז מיט איהר געפיהל בענעהמט די פרוי יעדע זאַך, בלייבט איהר גאָרנישט ניט פרעמד. פערשטעהט איהר, וואָס איך מיין?

— ניט גאַנץ קלאָר, מאַדאַם.

— איך מיין אָט וואָס: צו פערשטעהן אזוי ווי איהר מענער, מוזען מיר זיך שטענדיג אפריהער ווענדען צו אונזער גע־פיהל אנשטאָדט צו אונזער פערשטאנד. מיר אינטערעסירען זיך

נור דאן מיט עפּעס, ווען דער מאן האָט אונז אפריהער אין דעם פּעראינגמערעסירט, וואָרים מיר בענעהמען אַלסדינג מיט אונזער געפּיהל. איך זאָג ניט מיט אונזער ליעבע, ניין, נור אויסדריקליך מיט אונזער געפּיהל, וואָס קאָן זיך אויסדריקען אין פערשיעדענע פאָרמען, געשטאַלטען און נואַנסען. איהר, מענער, וועלען געוויס קיינמאָל ניט בעגרייפען, וואָס דאָס איז אַזוינס פרויען־געפּיהל. אהה, איך זעה, אז איהר פערשטעהט מיך ניט גאַנץ קלאָר, איך קען ניט העלפען, קלערער קאָן איך זיך ניט אויסדריקען. קורץ, ווען א מאַן ליעבט אונז און ער איז אונז אַנגענעהם, וואָרים מיר מוזען פיהלען, אַז מען ליעבט אונז, אונזער געפּיהל מוז וואַך זיין, קאָן ער אונז, ווען ער זאָל זיך נור די מיה געבען, מאַכען פיהלען, מאַכען פערשטעהן אַלסדינג, אַלסדינג, קאָן ער אונז מיט דער צייט, ביסלעכווייז איבערגעבען זיין גאַנצען וויסען און דאָס געהט דערנאָך אָפּט ווידער פערלאָרען, ווערט פערגעסען, פערשוואונדען, פערלאָשען, ווי פונ׳ם ווינד פערוועהט. מיר פערנעהמען אַלסדינג מיט אונזערע געפּיהלען, מיר ענדערען אָבער זיך צו אָפּט, מיר ווערען צו שטאַרק בעהערשט פון אונזערע איינדריקען, פון אונזערע שטימונגען. ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי אָפט איך אַליין ענדער זיך, מאָרגען בין איך, מעגליך, א גאַנץ אַנדערע פרוי ווי היינט, און נעכטען בין איך, קאָן זיין, געווען אַן אַנדערע ווי מיט צוויי טעג צוריק, עס ווענדעט זיך פון דעם וועטער, פון דעם צושטאַנד פון מיין געזונדהייט, פון דעם בוך, וואָס איך לעז, אָדער אמאָל גאָר פון א וואָרט, וואָס מען זאָגט מיר. עס זיינען דאָ טעג, ווען איך פיהל, ווי אַן אויסגעצייכענטע, בראַווע פאַמיליען־מוטער — אָהן קינדער, און מאַנכע טעג, ווען איך פיהל זיך, ווי א קאָקאָטקע — אָהן ליעבהאָבער.

ער איז ענטציקט געווען פון איהר און האָט געפרעגט:

— דענקט איהר, אַז אַלע אינטעליגענטע פרויען זיינען אַזוי פעהיג צו בענעהמען זאַכען ווי איהר?

— אַלע. נור ביי מאַנכע ווערט די דאָזיגע פעהיגקייט איינ־

געשלאָפען, ווען זיי פיהרען א לאנגע צייט א צו איינטאָניג לע־בען.

ער האָט ווייטער געפרעגט:

—און די מוזיק ליעבט איהר שטארק?

— זעהר. איך וואָלט זי אזוי נים ליעב געהאט, ווען ניט מאסיוואל. די הערליכקייט פון גרויסע ווערק, וועלכע איך האָב שוין פריהער ליעב געהאט, האָט ער מיט זיין שפּיעלען ערשט פאַר מיר ענטדעקט. עס איז א שאָד, וואָס ער איז פערהייראט!

און דאָס האָט זי ארויסגערעדט מיט אזוי פיעל קאָמיזם און גלייכצייטיג אזוי פיעל בעדויערען, דאָס מאריאל האָט זיך צו־לאכט.

מאסיוואל איז טאקי געווען פערהייראט. ער האָט, איידער ער איז בעריהמט געוואָרען, חתונה געהאט מיט א פרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך קיינמאל אין דער געזעלשאַפט ניט בעוויזען. און כאָטש ער האָט מיט איהר געהאט דריי קינדער, האָט זעלטען־ווער דאָס געוואוסט.

און נאָכדעם ווי מאריאל האָט זיך צולאכט, האָט ער נאָך אויפמערקזאמער זי אָנגעהויבען בעטראכטען. זי איז געווען ריי־צענד, זעלטען שעהן! ער האָט ניט געקענט אָפּרייסען די אויגען פון איהר, פון איהר ערנסטען און פרעהליכען פּנים מיט דער פער־ריסענער נאָז, פון איהר גאנצער ווייבער, ווארימער, בלאָנדער געשטאלט, וואָס איז געווען אזוי רייף, אזוי צארט, אזוי ליעב, און וועלכע האָט איהם אזוי צוגעצויגען. ער האָט זיך געפרעגט: זיינען אַמאָל איהרע האָר ניט געפארבט? און ער האָט געזוכט א שפּור פון דונקעלערע אָדער העלערע האָר צווישען איהרע רויטע און ניט געקענט געפינען.

ער האָט דערהערט הינטער זיך דומפּפע טריט אויף'ן טעפּיך, האָט ער א ציטער געטהאָן און זיך אומגעדרעהט. צוויי דיענער האָבען געבראכט דעם טהעע־טיש. אויף א קליינער מאשינקע

מיט א בלויען פלאם האט א גרויסער זילבערנער קעסעל וואסער שטיל געזשומט.

— ווענט איהר טרינקען א טאסע טהעע? — האט זי געפרעגט.

ווען ער האט איינגעווילינגט, האט זי זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען מיט א פארנעהמען גאנג, פעסט, און גלייך, ניט וויגענדיג זיך אויף איהרע היפטען, צום טיש, וואו דער גרויסער טהעע־קעסעל איז געשטאנען אויף דער מאשינקע צווישען טעלער מיט געבעקס, פרוכטען, קאנפעקטען און אנדערע זיסע עסענוואַרג.

און איצט האט זיך מאריאל'ן געווארפען אין די אויגען איהר דינע טאליע, איהרע שמאלע היפטען אונטער די ברייטע שולטערן און איהר פולע ברוסט, וועלכע ער האט נאך פריהער בעוואונדערט. מאריאל האט א טראכט געטהאן:

„ביי איהר איז אלסדינג דא!"

דערנאך, ווען זי איז געגאנגען פון איין גאסט צום אנדערען און פארגעלעגט מיט איהר רייצענדער מינע דאס טהעע און דאס צובייסען, האט מאריאל זי אלץ פערפאלגט מיט די אויגען. פלוצים איז צו איהם צוגעגאנגען לאמארט מיט זיין טאסע טהעע און האט איהם געפרעגט:

— ווענט איהר, אפשר, מיך בעגלייטען אהיים?

— געוויס.

— ווילט איהר גלייך? איך בין מיעד.

— אויך רעכט. איך געה מיט אייך.

און זיי זיינען אוועק.

אויף דער גאס האט דער ראמאן־שרייבער געפרעגט:

— איהר געהט גלייך אהיים אדער איהר ווילט נאך אריינגעהן אין קלוב?

— איך וועל נאך אריינגעהן אויף א ווייל אין קלוב.

— אין די טאמבורין?

— יאָ.

— איך בעגלייט אייך ביז דאָרט. איך געה ניט אין קיין קלובס, מיר איז לאַנגווייליג דאָרט.

און זיי זיינען אוועק צו סענט־אויגוסטין צו.

אין א ווײלע ארום האָט זיך מאריאל אָנגערופען:

— א זעלטענע פרוי! וואָס דענקט איהר וועגען מאדאם דע בורן?

לאַמארט האָט אָנגעהויבען צו לאַכען:

— אהאָ, איהר זייט שוין קראַנק? מיר אַלע זיינען אזוי קראַנק געווען, איך אויך, ליעבער פריינד. איצט בין איך שוין אויסגעהיילט. די דאָזיגע קראַנקהייט בעשטעהט אין דעם, וואָס, ווען איהרע פריינד זאָלען זיך ניט טרעפען און וואו, ריידען זיי נור וועגען איהר, אַלע מאָל וועגען איהר, אַלע מאָל.

— איך רייד וועגען איהר דאָס ערשטע מאָל, און דאָס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך. איך קאָן זי דאָך קוים.

— אַלזאָ גוט, לאָמיר ריידען וועגען איהר. אָבער איך מוז אייך װאַרנען, איהר וועט זיך נאָך פערליעבען. דאָס איז זעהר אונאַנגענעהם, נור יעדער מוז דאָס דורכמאַכען.

— איז זי דען אזוי פערפיהרעריש?

— יאָ און ניין. די יעניגע, וועלכע ליעבען דעם טיפּ פרויען פון אמאָל, די פרוי מיט נשמה, די פיהלענדע פרוי, די פרוי, ווי זי איז אמאָל אין די ראָמאַנען געשילדערט געווען, קענען זי ניט פערטראַגען. יענע איז זיי אזוי אונאַנגענעהם, דאָס זיי זעהען אין איהר נור שלעכטעס, בייזעס. פערקעהרט, די אַנדערע, אזוינע מענשען ווי מיר, וואָס דענקען מאָדערנע, מוזען צוגעבען, א זזי זעהר אינטערעסאַנט און ליעב. נאַטירליך, העננגען זיך אויף איהר דאַרף מען ניט, און דאָס דוקא טהוען אַלע. איבריגענס מען

שטארבט ניט פון דעם. די לײדען געדױערען ניט לאנג אָבער מען ערגערט זיך, פאַרוואָס איז זי ניט אַנדערש. װען זי װעט װעלען, װעט איהר דאָס אױך דורכמאַכען. אגב האָט זי שױן דעם נעץ פערװאָרפען נאָך אײך.

מאַריאַל האָט געענטפערט און זײן ענטפער איז געװען דער אָבקלאַנג פון זײנע געהײמע געדאַנקען :

— אַך, איך גלױב ניט, אַז זי דענקט אַפילו פון מיר. אױב זי טראַכט פון עמיצען, איז ער זיכער עפּעס אַ בעריהמטער, אונגע־װעהנליכער מאַן, װאָס איך אין איהרע אױגען בין דאָס זיכער ניט.

— הײנט פאַרװאָס, פרעגט זיך, איז זי אַזױ בעפרײנדעט מיט דעם אידיאָט פּרעזעל און מיט דעם נאַרישען מאַלטרי ? — האָט לאַמאַרט אױסגעשריען — פאַרװאָס איז זי אַזױ בעפרײנדעט מיט גרעטינס ? דאָס קען מען ניט פערשטעהן, דאָס קען מען ניט ערקלערען, סײדען מיט דעם, װאָס זײ ליעבען זי מעהר װי מיר. װאָרים סוף כל סוף איז דאָס דאָך דער עיקר בײ אַלע פרױען אָהן אױסנאַהם.

און לאַמאַרט האָט זי אָנגעהױבען צו אַנאַליזירען, האָט זי אַרומגערעדט פון אַלע זײטען און גאַנץ אױפריכטיג. ער האָט זיך הינגעריסען און זי געשילדערט פאַר מאַריאַל'ן, און דערבײ אַרױס־געװיזען זײן גרױסע קראַפט צו בעאָבאַכטען מענשען. זײנע בע־אָבאַכטונגען זײנען גרעסטענטהײלס געװען אמת'ע, אָבער זײנע שליסע זײנען געװען פאַלשע.

ער האָט געזאָגט :

— אגב איז זי ניט די אײנציגע. עס זײנען פאַראַן גענוג אַזױנע װי זי. די קלײנע פרעמין, צום בײשפּיעל, װאָס איז פריהער גע־קומען, איז אױך פון דעם סאָרט, נור אַביסעלע פּרעכער. זי איז פערהײראַט מיט אַ מערקװירדיגען מענשען, און איהר הױז איז אײנע פון די אינטערעסאַנטסטע משוגעים־הײזער אין פּאַריז. דאָרט קום איך אױך אַמאָל אַרײן.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום ארק דע טריאומף. לאמארט האט פלוצים ארויסגעצויגען זיין זייגער:

— ליעבער פריינד — האט ער געזאגט — מיר ריידען פון איהר העבער א שטונדע און צעהן מינוט. איך מיין, אז פאר היינט וועט זיין גענוג. אן אנדערש מאל וועל איך אייך בעגלייטען ביז'ן קלוב. איצט געה איך שלאפען און איהר געהט אויך שלא־פען. גוטע נאכט!

II

די רום איז געווען גרויס און ליכטיג, און די וועגד און דער סופיט מיט טהייערע שטאָפען בעהאנגען, וועלכע א בעקאנטער דיפּ־לאָמאט האָט געבראַכט פון פערסיען. די גרונד־פאַרב אויף די שטאָפען איז געווען געל, אזוי ווי אַלעם וואָלט אין א געלען ראַהם געווען אַריינגעפּאַסט, און די צייכנונג אויף דעם האָט אַרויסגע־וויזען אַלערליי זעלטענע מוסטערען: שפּיציגע דעכער, איבער וועלכע לייבען זיינען אַרומגעלאָפען, ריזיגע אַנטילאָפען מיט הער־נער און פלאַטערענדיגע זעלטענע פייגלאַך.

מעבעל איז דאָרט געשטאַנען ווענינ. אויף דריי לאַנגע מאַר־מאָרנע טישען איז געלעגען אַלסדינג, וואָס האָט געהערט צו א טואַלעט פון א פרוי. אויף דעם מיטעלסטען טיש איז געשטאַנען די גרויסע וואַש־שיסעל אויס דיקען קריסטאַל. אויף דעם צווייטען א גאַנצע מאַסע פון פלעשער, קעסטעלאַך, טעפּלאַך און וואַזעם מיט זילבערנע דעקלאַך מיט מאָנאָגראַמס. אויף דעם דריטען, אַלע יענע זאַכען, וואָס די היינטיגע קאָקעטעריי בענוצט, א סך זאַכען, וועלכע ווערען געברויכט אין געהיים. אין דעם דאָזיגען רום זיי־נען נאָך געשטאַנען צוויי זאָפעם און א פּאָר ניעדריגע בייגקלאַך, ספּעציעל געמאַכט פאַר דאָס אויסרוהען פון דעם מיעדען, נאַקעטען קערפּער. אויף איין גרויסער וואַנד איז געהאַנגען א ריזיגער שפּיגעל, וואָס איז בעשטאַנען פון דריי אפּטהיילונגען, אזוי, דאָס די יונגע פרוי האָט זיך געקאָנט בעטראַכטען גלייכצייטיג פון פאָרענט, אינ'ם פראָפיל און פון הינטען. רעכטס האָט זיך גע־

פונען דער באדע־פלאץ, וואס איז געוועהנליך געווען פארשטעלט מיט א פארהאנג. דער דאזיגער באדע־פלאץ איז געווען א טיעפער גרוב אין דער פאדלאגע, א מין מקוה, אויך פון מארמאר, צו וועל־כען עס האבען ארונטערגעפיהרט צוויי טרעפ. א בראנזענער אמאר, אן עלעגאנט ווערק פון דעם סקולפטאר פרעדא, איז דארט געשטאנען אויפ'ן ראנד פונ'ם גרוב און האט געשפריצט אין דער הויך קאלטע און ווארימע וואסער. אינוועניג אינ'ם גרוב האט זיך געפונען א וועניציאנישער שפיעגעל, צונויפגעשטעלט פון איינ־צעלנע, פערשיעדענע שטיקלאך גלאז. ער איז געווען רונד און אויס־געבויגט און האט ארומגענומען און בעשפיעגעלט דעם גאנצען באדע־פלאץ און די באדענדע.

אן א זייט איז געשטאנען דער שרייב־טיש, א גרויסע, איינ־פאכע שטיק מעבעל. דארט זיינען אנגעווארפען געווען פאפיערען, בריעף, צוריסענע קאנווערטען, אויף וועלכע גילדערנע איניציאלען האבען געגלאנצט, ווארים דא האט זי געשריבען און דא האט זי געלעבט, ווען זי איז אליין געווען.

מאדאם דע בורן איז געלעגען אויף א זאפע אין א מארגען־ראק אויס כינעזישען שטאף, מיט נאקעטע, פעסטע, רונדע ארעמס, וועלכע האבען זיך ארויסגעזעהן פון די ברייטע ארבעל. די האר האט זי געטראגען צונויפגענומען אין א שווערער, הויכער קופע אויפ'ן קאפ. די יונגע פרוי האט זיך נישט לאנג אויסגעבאדען און איז איצט געלעגען און האט געטרוימט.

דאס קאמערמעדכען האט אנגעקלאפט און אריינגעטראגען א בריעף.

זי האט גענומען דעם בריעף, א קוק געטהאן אויף די האנד־שריפט, אויפגעריסען דעם קאנווערט און איבערגעלעזען די ערשטע צייל̇ען. דערנאך האט זי געזאגט, גאנץ רוהיג, צו איהר קאמער־מעדכען:

— איהר קאנט געהן. אין א שטונדע ארום וועל איך אייך אנקלינגען.

אזוי גיך ווי זי איז אליין געבליבען, איז איהר פנים בעלויכטען געוואָרען פון א נצחון־שמייכעל. שוין די ערשטע ווערטער פונ׳ם בריעף זיינען געגנוג געווען, זי זאָל איינזעהן, אז זי האָט ענדליך מאַריאָל׳ן בעזיעגט. אין דעם דאָזיגען בריעף האָט ער זיך איהר אין ליעבע ערקלערט. ער האָט א סך לענגער ווידערגעשטאַנען ווי זי האָט געגלויבט. זייט דריי מאָנאַטען האָט זי אָנגעווענדעט אלע איהרע קרעפטען, איהר גאַנצען רייץ, אום איהם געפאַנגען צו נעה־מען. זי איז געווען מיט איהם אזוי פריינדליך, אזוי ליעבענס־ווירדיג, ווי זי איז נאָך מיט קיינעם ניט געווען. ער אָבער ווייזט אויס, האָט איהר ניט געטרויט, אזוי ווי ער וואָלט זיך געהיט פון איהר. ער האָט זיך געוועהרט געגען איהר קאָקעטעריי, געגען איהר גאַנצער פערפיהרערישער קראַפט, וואָס זי האָט אָפט אָנגעווענדעט געגען איהם. וואָס נור האָט זי ניט אָנגעווענדעט, אום צו בעזיעגען איהם! אי געשפּרעכען אונטער פיער אויגען מיט איהם געהאַט, אי געשפּיעלט פאַר איהם אויפ׳ן קלאַוויר שטיקער, אין וועלכע די גאַנצע נשמה פון די גרויסע גייסטער האָט געקלונגען, געזוכט אים מיט דעם צו בע׳כישופ׳ן, ווי זי האָט שוין ניט איינמאָל בע׳־כישופ׳ט אַנדערע. זי איז געווען אזא בריה אויף דעם! גאַר אָפט האָט זי מיט דער געשיקטקייט פון א קאַץ און מיט א סאָרט אונערשעפּליכער נייגעריגקייט צוגעקוקט, ווי עס וואַכט אויף אין די אויגען פון די מענער יענער שמאַכטענדיגער, בעטענדיגער בליק, וואָס האָט זיי פאַר איהרע שקלאַפען געמאַכט. עס האָט איהר פערשאַפט גרויס פערגעניגען, צו פיהלען, ווי זי בעזיעגט זיי בימ־לעכווייז, ווי זי פערשקלאַפט זיי, ווי זי ווערט זייער איינציגער אידעאַל. עס איז פאַר איהר מיט דער צייט געוואָרען א בעדירפ־ניש, צו שפּיעלען זיך מיט די הערצער פון די דאָזיגע מענער, צו בעזיעגען און צו מאַכען זיי ליידען. בעת זי איז פערהייראַט געווען האָט די דאָזיגע בעדירפניש, פיליכט, אין איהר הארצען אויפגע־בליהט, דער דונקעלער וואונש, אָפצורעכענען זיך מיט אלע מענער פאַר די ליידען, וואָס איין מאַן, איהר מאַן, האָט איהר פערשאַפט.

אָבער גיבער ווי אַלעס איז זי געבאָרען אַ קאָקעטקע. אַזוי גיך ווי זי האָט זיך דערפיהלט פריי, האָט זי אָנגעהויבען צו פערפאָלגען די מענער, ווי דער יעגער די חיות, פשוט אויס פערגעניגען. איהר הארץ אָבער האָט ניט פערלאַנגט קיין שטאַרקע אויפרעגונגען, ווי דאָס הארץ פון אַנדערע צערטליכע, געפיהלפולע פרויען. זי האָט ניט געזוכט די ליעבע פון אַ מאַן, צו זיין געליעבט אַליין פון איין מאַן, זי האָט ניט געזוכט דאָס גליק פון אַ גרויסער ליידענשאַפט. זי האָט נור געמוזט פיהלען די בעוואונדערונג פון אַלע מענער ארום זיך, זעהן זיי אויף די קניע, פיהלען ווי זיי געהען אויס נאָך איהר. יעדער שטענדיגער גאַסט פון איהר הויז האָט אונבעדינגט זיך געמוזט פאַר איהר שעהנהייט בויגען. זי זאָל אַ לענגערע צייט אָנהאַלטען פריינדליכע בעציהונגען מיט אַ מאַן צוליעב גייסטיגע אינטערעסען אַליין, דאָס האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין. איז אַ מאַן איהר ווידערגעשטאַנען, צי מחמת דעם, ווייל ער האָט זיך ניט געקאָנט פערליעבען, צי ווייל ער האָט שוין געליעבט אַנדערע, האָט ער געקאָנט זיין ווי גייסטרייך, איהר פריינד האָט ער לאַנג ניט געקאָנט פערבלייבען. אום איהר פריינד צו פערבלייבען, האָט מען זי געמוזט ליעבען. דערפאַר אָבער האָט זי געקאָנט ארויסווייזען אַ מערקווירדיגע פריינדשאַפט צו די, וואָס האָבען זי געליעבט. דורך דעם האָט זי בעוויזען איינצוהאַלטען אַלע איהרע בעוואונדערער. מיט קלוגער געשיקטליכקייט האָט זי רעגיערט איבער אַלע איהרע פריינד, האָט געוואוסט, ווי צו בעהאַנדלען יעדען איינעם בעזונדער, לויט זיינע פעהלערען, זיינע אייגענשאַפטען און זיין אייפערזוכט. די יעניגע, וועלכע האָבען צופיעל געוואָלט, האָט זי היינט אָוועקגעשטויסען פון זיך און מאָרגען האָט זי זיי ווידער אַ פריינדליכע מינע געוויזען, ווען זיי זיינען פערניכטיגער געוואָרען, און זיי שאַרפע בעדינגונגען געשטעלט. און אַזוי האָט זי זיך אַמוזירט מיט דעם דאָזיגען שפּיעל פון פערפיהרונג און פערדרעהט די קעפּ אַלטע ווי יונגע מענער.

און וואָס הייסער אַ מאַן האָט זי געליעבט, אַלץ פריינדליכער

אי זי געווען צו איהם. דער דיקער פרענזעל, א לאנגווייליגער, ניט אינטערעסאנטער מאן, איז געבליבען איינער פון איהרע אינטימסטע פריינד, צוליעב דער קרענקליכער ליידענשאפט צו איהר, פון וועלכער, ווי זי האט געוואוסט און געפיהלט, ער איז בעהערשט געווען. מען קאן ניט זאגען, אז קיין מאן האט קיינמאל אויף איהר קיין איינדרוק ניט געמאכט אלס מאן. ניין, עס האט געטראפען אינ'ם אנפאנג, באלד נאך איהר מאנ'ס טויט, אז דער אדער יענער האט אין איהר געפיהל אויפגעוועקט, אבער דערפון האט זי נור אליין געוואוסט. אין דעם מאמענט, ווען זי האט דערשפירט, אז דאס געפיהל ווערט פאר איהר געפעהרליך, האט זי זיך אלע מאל אנגעטהאן א כוח און איהם אין זיך דערשטיקט.

אפטער פון אלעמען האבען די קינסטלער, אין וועמען זי האט געשפירט טיעפערע, שארפערע און צוגלייך פיינערע געפיהלען, איהר הארץ אנגעצונדען און א טרוים פון גרויסער ליעבע און דויערענדער צוזאמענלעבען דארט ערוועקט. אבער א געוויסע פיינליכע פורכט האט זי פערפאלגט און זי געווארענט נעגען דעם, און ביז צום לעצטען אויגענבליק, ביז דער לעצטער פריינד האט זיין געוואלד איבער איהר פערלארען, איז זי געבליבען פעסט און האט זיך פון איהר הארץ ניט געלאזט פערפיהרען.

און אויסער דעם, האט זי געקוקט אויף דער וועלט מיט סקעפטישע אויגען, און די גרעסטע, די בעריהמטעסטע מענער האבען באלד זייער גרויסקייט און הערליכקייט פאר איהר פערלארען, ווי נור זיי האבען זיך אין איהר פערליעבט, ווארים דאן האבען זיי ארויסגעוויזען די פערווירונג און שוואכקייט פון פשוט'ע שטערבליכע, און זי האט געזעהן, אז זיי אלע זיינען געווען גלייכע שוואכע בעשעפענישען, וואס האבען ניט געקענטביישטעהן איהר פערפיהרערישער קראפט.

קורץ, דער מאן, נעגען וועמען זי. אזא פרוי, וואלט זיך געקאנט פערלירען, האט געמוזט זיין א גאנץ בעזונדערער מאן, א גאנץ אונגעוועהנליכער מאן!

און דאך האט זי זיך זעהר געלאנגווייליגט. די געזעלשאפט, וואו זי האט פערקעהרט, האט זי אין דער אמת'ן ניט אינטערע־סירט. ס'רוב האט זי דארט פערבראכט איהרע אבענדען גאנץ לאנגווייליג, כאטש איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי פערברענגט דארט אינטערעסאנט, אז זי איז גאנץ צופריעדען.

זי האט זיך איינגערעדט, אז זי איז צופריעדען, ווייל זי האט זיך געהאלטען פאר די רייצענדסטע פרוי און איז שטאלץ געווען אויף איהר פערפיהרערישער קראפט, וואס זי האט אזוי אפט אויס־פרובירט. זי האט געליעבט איהר אונרעגעלמעסיגע, גאנץ בעזונ־דערע, אנציהענדיגע שעהנהייט, איז געווען זיכער אין איהר פיינעם פערשטאנד, וועלכער האט פאראויסגעזעהן זאכען, וואס אנדערע האבען גאר ניט בעמערקט. זי האט שטארק געהאלטען פון איהר פיינעם געשמאק, וועלכען אזוי פיעל בעריהמטע מענער האבען גע־שעצט, און קיין אהנונג ניט געהאט פון איהרע פעהלערען. אזוי האט זי זיך געהאלטען פאר אן איין־איינציגע זעלטענע פערל אין דער דאזיגער מיטעלמעסיגער וועלט, וועלכע האט זיך איהר אויס־געוויזען אביסעל צו לאנגווייליג, צו מאנאטאן, צו ווייניג אינטע־רעסאנט פאר אזא אונגעוועהנליכער פרוי, ווי זי איז.

קיינמאל איז איהר אויפ'ן זינען ניט געקומען, אז אפשר איז זי אליין די אורזאך פון דער נאכאנאנדיגער לאנגווייליגקייט, פון וועלכע זי האט געליטען; אז אפשר איז אין דעם קיינער ניט שולדיג, ווי נור זי אליין. ווען מען האט זי ניט גענוג אמוזירט, צושטרייט, ווען מען האט איהר ניט גענוג ליעבע ארויסגעוויזען, זיינען די מענשען געווען ניט אינטערעסאנט, אונפעהיג, לאנגוויי־ליג. די גאנצע וועלט — פלעגט זי זאגען מיט א שמייכעל — איז לאנגווייליג, נור די מענשען, וואס זיינען מיר געפעלען, זיינען ערטרעגליך, און ערטרעגליך זיינען זיי נור, ווייל זיי געפעלען מיר. און געפעלען האט מען איהר נור דאן געקאנט, ווען מען האט איהר געזאגט, אז זי האט צו זיך קיין גלייכען ניט.

און אזוי ווי זי האט גוט געוואוסט, ווען זי קאן דאס הערען פון

אַ מאַן, האָט זי אַנגעווענדעט אַלע קרעפטען די מענער צו פער־פיהרען, און קיין זאַך איז איהר אַזוי ניט ליעב געווען, ווי דער אויסדרוק פון פערגעטערונג אין אַ פערליעבטען בליק, ווי דאָס צאַפּלען זיך פון אַ פערליעבטען הארצען, פון דעם דאָזיגען שטאַר־קען מוסקעל, וועלכען איין וואָרט קאָן מאַכען ציטערען.

זי האָט זיך זעהר געוואונדערט, וואָס עס האָט איהר אַזוי פיעל מיה געקאָסט מאַריאָל׳ען צו בעזיעגען, נאָך מעהר, ווען זי האָט נאָך דעם ערשטען טאָג פון זייער בעקאַנטשאַפט געפיהלט, אַז זי איז איהם געפעלען געוואָרען. דאַן איז איהר פּלוצים קלאָר געוואָרען זיין כאַראַקטער, וועלכער איז אַביסעלע נײַדיש געווען, און האָט איהם אַזוי פיעל נאַטירליכע פריינדשאַפט אַרויסגעוויזען, דאָס ער האָט ענדליך זיך אויפגעהערט צו וועהרען געגען איהר.

און זייט אַ מאָנאַט האָט זי געפיהלט, אַז ער איז בעזיעגט. ער איז געווען ווי אונרוהיג אין איהר אַנוועזענהייט, האָט געשוויי־גען און געקוקט אויף איהר מיט יענעם אויסדרוק אין די אויגען, וועלכער איז איהר אַזוי גוט בעקאַנט געווען. אָבער צו אַן ער־קלעהרונג איז דאָך ניט געקומען. אָה, די ערקלעהרונגען! זיי וואָלט זי בעסער געוואָלט אויסמיידען, וואָרים, ווען זיי זיינען צו ליידענשאַפטליך, צו שטורמיש, איז זי אַלע מאָל געצוואונגען שטרענג צו זיין, און עס האָט זאָגאר שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפען, אַז זי האָט זיך צוקריעגט מיט פערליעבטע פאַר זייערע צו ברע־נענדיגע ערקלערונגען, און ניט געוואָלט זיי מעהר האָבען ביי זיך אינ׳ם הויז. זי האָט געליעבט, מען זאָל זיך פאַר איהר ערקלעהרען צאַרט, מיט אָנצוהערעניש, די נשמה זאָל טאַקי שטורמען, דאָס בליק זאָל טאַקי ברענען, אָבער די ליפּען זאָלען נור פּליסטערען האַלבע ווערטער... און זי האָט טאַקי אויסגעפיהרט מיט איהר אויסערגעוועהנליכען טאַקט און אויסערגעוועהנליכער געשיקטקייט, אַז איהרע בעוואונדערער זאָלען פאַר איהר אויסדריקען זייערע געפיהלען פאַרזיכטיג און צוריקגעהאַלטען.

זייט פיער וואָכען האָט זי געוואַרט צו הערען פון מאַריאָל׳ס

ליפּען אַ פאַרשטעלטע אָדער אָפענע ערקלעהרונג, אין וועלכער ער זאָל אויסדריקען זיין ליעבע צו איהר.

ער האָט ניט גערעדט, נור געשריעבען. עס איז געווען אַ לאַנגער בריעף, פיער זייטען. זי האָט איהם געהאַלטען אין דער האנד, ציטערנדיג פאַר בעפריעדיגונג. זי האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער זאָפע, אום בעקוועמער צו ליגען, האָט ארונטערגעוואָר־פען די קליינע פאַנטאָפעל פון די פיס אויף דעם טעפּיך, דערנאָך האָט זי געלעזען.

זי איז געווען ערשטוינט. אין ערנסטע ווערטער האָט ער איהר געלאָזט וויסען, אַז ער וויל ניט דורך איהר ליידען, קאָן זי צו גוט און ועט אויף קיין פאַל ניט זיין איהר אָפּפער. אין העפ־ליכע ווערטער, פול קאָמפּלימענטען, פון וועלכע זיין ליעבע האָט ארויסגעשימערט, האָט ער איהר געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער ווייס זעהר גוט, ווי זי בענעהט זיך מיט פערליעבטע מענער, אַז ער איז אויך פערליעבט, אָבער איהר שקלאַף וועט ער ניט זיין, אַז ער וועט זיך האַלטען פון דער ווייטען, וועט אָנהויבען ווידער צו פיהרען זיין פריהערדיגען לעבען.

ער איז אַנטלאָפען.

עס איז געווען אַ בעשטימטער אָפּשייד.

ווען זי האָט דאָס געלעזען, איז זי לכתחילה געווען זעהר ער־שטוינט. אָבער ווען זי האָט נאָך אַמאָל איבערגעלעזען די דאָזיגע פיער זייטען ליידענשאַפטליכער פּראָזאַ, האָט זי זיך אויפגעהויבען, אָנגעטאָן די פאַנטאָפעל און מיט נאַקעטע אָרעמס, די אָרבעל פאַרקאַשערט, די הענד אין די קעשענעס פונ׳ם מאָרגען־ראָק ,האָט זי גענומען געהן איבער׳ן צימער הין און צוריק.

זי האָט געטראַכט, אין גאַנצען אונטער דעם איינדרוק פון דער דאָזיגער פּלוצימדיגער ערקלעהרונג : ער שרייבט גוט ! דאָס איז אָפען, דורכגעלעבט און מאַכט אַן איינדרוק. ער שרייבט בעסער ווי לאַמאַרט. דאָס האָט גאָרנישט קיין ראָמאַנהאַפטעס, קיין אויסגעטראַכטעס.

עס האָט זיך איהר פערגלוסט צו רויכערען, איז זי צוגעגאַנגען צום טישעל מיט די פּאַרפיומען און האָט אַרויסגענומען פון אַ פּאָרצעלייענע קעסטעלע אַ סיגאַרעט. דערנאָך, ווען זי האָט פער־רויכערט, איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, וואָס איז בעשטאַנען פון דריי אפּטהיילונגען, האָט דערזעהן אין איהם דריי יונגע פרויען, אין זיין יעדער אפּטהיילונג אַ פרוי, איז שטעהן געבליבען פאַר איהם און מיט אַ שמייכעל זיך אַ נויג געטהאָן, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: זעהר שעהן! זעהר שעהן! זי האָט בע־טראַכט איהרע אויגען, געעפּענט די ליפּען, אום די צייהן צו זעהן, פעררייסען די אָרעמס, אָנגענומען זיך מיט די הענד ביי די היפּטען און זיך געדרעהט אהער און אהין, און זיך בעטראַכט פון אַלע זייטען.

אַזוי איז זי געבליבען שטעהן, פערליעבט אין זיך אַליין, גאַנץ פערזונקען אין דעם אָנבליק פון איהר קערפּער, וועלכער איז אין איהרע אויגען געווען זעהר רייצענד. זי איז געווען גליקליך, וואָס זי איז אַזוי שעהן. עס איז איהר געווען אַזוי וואויל, אַזוי גוט צו פיהלען, אַז זי איז זעהר רייצענד, און מיט בעפריעדיגטער צערטליכקייט, כמעט אַזוי ליידענשאַפטליך ווי די ליעבע פון מענער, האָט זי זיך אָנגעקוקט.

אַזוי האָט זי זיך בעטראַכט יעדען טאָג. אָבער די דאָזיגע זעלבסטפערגעטערונג איז געווען די געהיימנים פון איהר רייץ און פון איהר מאַכט איבער די מענער. ווייל זי האָט זיך אַזוי בע־וואונדערט, בעקוקט און בעטראַכט, איז איהר מעגליך געווען אויס־צוגעפינען, ווי אַזוי זי זאָל זיך נאָך שעהנער מאַכען, אויסצוגע־פינען אַזוינע קלייניגקייטען, וואָס זאָלען זי מאַכען אויסזעהן נאָך רייצענדער, וועלכע זאָלען איהר פּאַסען, וואָס זאָלען צוגעבען איהרע אויגען אַ בעזונדערען בליק, אַ בעזונדערען חן, איהר גאַנצער גע־שטאַלט אַ בעזונדערען כישוף.

וואָלט זי געווען שעהנער, אָבער ווייניגער אָפּגעגעבען צו איהר

שעהנקייט, וואָלט זי אַזאַ פערפיהרערישע קראַפט ניט געהאַט, און די מענער וואָלטען זיך אַזוי ניט פערליעבט אין איהר.

צום סוף איז זי מיעד געוואָרען פון צו לאַנג שטעהן און געזאָגט צו איהר בילד אין׳ם שפּיעגעל, צו וועלכען זי האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען (און איהר בילד אין דעם דרייפּאַכען שפּיעגעל האָט בעוועגט די ליפּען אַלס ענטפער): — מיר וועלען נאָך זעהן, מיין הערר! דערנאָך איז זי דורכגעגאַנגען דאָס צי־מער און האָט זיך געזעצט ביים שרייב־טיש.

זי האָט געשריעבען:

„ליעבער הערר, מאַריאָל, איך בעט אייך, קומט מאָרגען אום פיער אוהר צו מיר. איך וועל זיין אַליין און איך האָף, אַז איך וועל קאָנען בערוהיגען אייער אויפגערעגטען געמיט. מיר וועלען זיך אויך דורכריידען וועגען די געפאַהר, וועלכע, ווי איהר מיינט, דראָהט אייך. איך וועל אייך בעווייזען, אַז איך בין אייערע אַ פריינדין.

מ. דע בורן.”

אויף מאָרגען, אום אויפצונעהמען מאַריאָל׳ן, האָט זי זיך אָנ־געטהאָן גאַנץ איינפאַך. אַ גרוי קלייד, אָהן בעפּוצונג, מעלאַנכאָ־ליש, ווי די דעמערונג, גאַנץ איינפאַרביג, מיט אַן ענגען קראַגען אַרום האַלז, מיט אַרבעל, וואָס זיינען חוצפה׳דיג אויף איהרע אָרעמס געזעסען, מיט אַ בלוזע, וועלכע האָט ענג איינגעצויגען די ברוסט און די פיגור, און אַ ראָק, וואָס האָט ענג איינגעשנורעוועט די היפטען און די שענקעלען.

ווען ער איז אַריינגעקומען מיט אַן ערנסטען פּנים, איז זי איהם געגאַנגען אַנטקעגען און איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד. ער האָט געקושט די שפּיצען פון איהרע פינגער און דערנאָך האָבען זיי זיך געזעצט. זי האָט אומיסטנע אַ ווייל געשוויגען, אום צו זעהן, ווי ווייט ער איז צומישט.

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל זאָגען, און געוואַרט, אַז זי זאָל ריידען.

צום סוף האָט זי אָנגעהויבען:

— נו, מיר וועלען גלייך אָנהויבען פון דער גרויסער פראַגע. וואָס איז דאָס אייך מיט אמאָל איינגעפאַלען? איהר האָט מיר געשריעבען — ווייסט איהר, אז איהר האָט מיר געשריעבען א זעהר אונהעפליכען בריעף?

ער האָט געענטפערט:

— איך ווייס דאָס, און איך בעט אום ענטשולדיגונג. איך בין אימער געווען מיט אַלעמען אָפען. איך האָב געקאָנט אוועקגעהן, ניט שרייבענדיג אייך מיין בריעף מיט די דאָזיגע אונאנגענעהמע ערקלעהרונגען. אָבער איך האָב געוואָלט בלייבען טריי זיך אַליין, מיין נאַטור, און דערצו נאָך האָב איך גערעכענט אויף אייער פערשטאַנד, וועלכען איך קען.

זי האָט געענטפערט אין א טאָן פון צאַרטען מיטלייד ׳

— אָבער... אָבער, וואָס ווילט איהר טהאָן?

ער האָט זי אונטערבראָכען:

— בעסער זאָלען מיר דערפון ניט ריידען...

זי האָט אויסגעשריען מיט היץ, ניט לאָזענדיג איהם ווייטער ריידען:

— איך האָב דאָך אייך אָבער דערפאַר געבעטען צו קומען, ווייל איך האָב זיך געוואָלט מיט אייך דורכריידען וועגען דעם. און מיר וועלען דערפון ריידען, ביז איהר וועט אַליין איינזעהן, אז איהר זייט אויסער געפאַהר.

זי האָט אָנגעהויבען צו לאַכען ווי א קליין מיידעלע, און איהר פענסיאָן־קלייד האָט צוגעגעבען דעם דאָזיגען לאַכען עטוואָס קינדיש־יוגענדליכעס.

ער האָט געשמאַמעלט:

— איך האָב אייך די וואַרהייט געשריעבען, די ריינע וואַרהייט, די שרעקליכע וואַרהייט, פאַר וועלכע איך האָב מורא.

זי איז ווידער געוואָרען ערנסט:

— איך ווייס עס. אַלע מיינע פריינד האָבען דאָס אייגענע

דורכגעמאכט. זיי האָבען מיר אויך געשריעבען. איך האָב צו־פיעל קאָקעטירט, דאָס גיב איך צו, אָבער קיינער שטארבט ניט פון דעם. איך גלויב, אז קיינער ליידעט זאָגאר דערפון. דאָס וועט ביי אייך פאָראיבערגעהען. דאַן וועט קומען די אויביגע ליע־בע. די ליעבע וועט אייך מעהר ניט וועה טהאָן און זי האַלט איך אונטער ביי אַלע מיינע פריינד, אום זיי זאָלען מיר בלייבען טריי און איבערגעבען. איהר זעהט, ווי אָפענהערציג איך בין מיט אייך? האָט איהר שוין געטראָפען פיעל פרויען, וואָס זאָלען זיין אזוי אָפענהערציג מיט אַ מאַן?

זי האָט אויסגעזעהן קאָמיש און ענטשלאָסען. דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, איז געווען אזוי איינפאַך און גלייכצייטיג אזוי ארויספאָדערענדיג, דאָס ער האָט אויך געמוזט אָנהויבען צו שמייכלען:

— אַלע אייערע פריינד — האָט ער זיך אָנגערופען — זייַ־נען מענער, וועלכע האָבען עטוואָס אזוינס דורכגעמאַכט פיעל מאָל, וואס האָבען געברענט אין פיעל פייערען און דערפאר איז זיי לייכט אויסצוהאַלטען אייער פייער. אָבער איך, מאַדאַם, בין קיינמאָל אין פלאַמען ניט געשטאַנען. זייט אַ געוויסער צייט פיהל איך, אז עס קאָן ווערען געפעהרליך פאַר מיר, ווען איך זאָל זיך וועהרען געגען דעם, וואָס אין מיין הארצען וואַקסט.

זי איז פלוצים געוואָרען זעהר פריינדליך און איהם ארויפ־געלעגט ביידע הענד אויף די קניע:

— הערט אויס, איך מיין עס גאַנץ ערנסט. עס וועט מיך זעהר פערדריסען, ווען איך וועל פערליערען אַ פריינד צוליעב עפּעס אַן איינגעבילדעטע נאַרישקייט. נו, גוט, זאָלען מיר אָננעהמען, אז איהר ליעבט מיך. אָבער היינטיגע צייטען ליעבט דאָך ניט דער מאַן אזוי די פרוי, אז עס זאָל איהם ערנסט שאַדען. גלויבט מיר, איך קען ביידען.

זי איז אנשוויגען געוואָרען. דערנאָך האָט זי צוגעלעגט מיט

דעם שמייכעל פון א פרוי, וועלכע זאגט א ווארהייט, מיינט אבער דערביי, אז זי זאגט א ליגען:

— איהר ווייסט, אז איך בין ניט אזא פרוי, אין וועלכער מען זאל זיך קענען זעהר שטארק פערליעבען. איך בין צופיעל מאדערן. איך וועל אייך א פריינדין זיין, א גאנץ אנגענעהמע פריינדין, וועלכע איהר וועט קענען ליעבען מיט א ריינעם הארצען, אבער ניט מעהר, וועגען דעם וועל איך שוין אליין זארגען.

זי איז אויף א ווײלע אנשוויגען געווארען און האט דערנאך ווייטער גערעדט אין אן ערנסטען טאן:

— איך מוז אייך זאגען, אז עס איז מיר אונמעגליך, אין וועמען ניט־איז זיך ערנסט צו פערליעבען, אז איך בעהאנדעל אייך פונקט אזוי ווי די איבריגע פריינד מיינע. דאס אלעס, וואס איהר קענט ערווארטען פון מיר, מעהר גאר נישט און קיין מאל ניט. איך האס די טיראנײ און די אייפערזוכט. פון מיין מאן האב איך אלסדינג געמוזט איבערטראגען, ביי א פריינד אבער, ביי אן איינ־פאכען פריינד, וויל איך ניט דולדען קיינע פון יענע טיראנישע ליידענשאפטען, וואס מאכען אן ענד צו הערצליכע בעציהונגען. איהר זעהט, איך רייד ווי א גוטער פריינד מיט אייך, איך פער־באָרג גארנישט פון אייך. ווילט איהר פרובען צו בלייבען מיין פריינד, ווי די אנדערע? שפעטער וועט איהר דאך אויך קענען אויפהערען צו גערן צו מיר. און ווי שווער עס זאל אייך שפעטער ניט זיין צו צושיידען זיך מיט מיר, מיין איך דאך: פון די אויגען אוועק, פון זינען ארויס!

ער האט זי אנגעקוקט, בעזיעגט פון איהר שטימע, פון איהר בעוועגונג, פון איהר גאנצען אנציהענדיגען וועזען. און ער האט געפליסטערט, איבערלאזענדיג זיך זיין שיקזאל, און ציטערענדיג פון איהר נאהענטקייט:

— מאדאם, איך נעהם אן. און מעג איך ליידען, איהר זייט ווערט, מען זאל פאר אייך ליידען.

זי האָט איהם אונטערבראָכען:

— און איצט ווילען מיר דערפון גאָר ניט ריידען, קיינמאָל ניט.

און זי האָט גענומען ריידען וועגען אנדערע זאַכען.

אין אַ שטונדע ארום האָט ער זי פערלאָזען מיט אַ געבראָכענעם הארצען, ער האָט זי געליעבט, און גלייכצייטיג גליקליך וואס זי האָט איהם געבעטען, ער זאָל זי ניט פערלאזען, און וואס ער האָט איהר פערשפּראָכען.

III

ער איז געווען מורא'דיג אונגליקליך, וואָרים ער האָט זי געליעבט. ביז איצט האָט די ליעבע איהם קיינמאָל אין גאַנצען ניט פערבלענדעט, ער איז ניט געווען אַזאַ מענש, וואָס זאָל זיך לאָזען אין גאַנצען פערבלענדען פון אַ ליידענשאַפט, וואָס זאָל זיך לאָזען אין גאַנצען אונטעריאָכען. מחמת זיין אונרוהיגען כאַראַקטער, וואָס האָט שטענדיג פערדעכטיגט, האָט ער זיך פערהאַלטען מיט מיסטרויען צו יעדען און צו אַלעמען, און דאָס האָט איהם שטענדיג בעשיצט געגען בלינדער ליידענשאַפט. אַ פּאָר קלענערע ליעבע־פערהעלטעניסען, וועלכע האָבען ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, און בעצאָהלטע ליעבע, וואָס ער האָט אוים עקעל אויפגעגעבען, מעהר איז אויף דעם בלאַט פון זיין האַרצען ניט געשטאַנען. אויף די פרויען האָט ער ביז אַהער געקוקט, ווי אויף אַ פּראַקטישען מיטעל אויפצוהאַלטען אַ הויז און אויף קינדער, ווי אויף אַן אַנגענעהמע זאַך פאַר יענע, וואָס האָבען אַ בעדירפניש צו ליעבען ווערען.

ווען ער איז געקומען צו מאַדאַם דע בורן, האָבען די פריינד שוין געהאַט איהם געוואָרענט געגען איהר. וואָס ער האָט געוואוסט וועגען איהר, האָט איהם אינטערעסירט, איז איהם געפעלען געווען, האָט איהם אָבער אויך אביסעל אָפּגעשטויסען. אינ'ם גרונד גענומען האָט ער ניט ליעב געהאַט די שפּיעלער, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געצאָהלט. גלייך ביי דער ערשטער בעגעגעניש האָט זי אויף איהם געמאַכט אַן איינדרוק פון זעהר

אַן אינטערעסאַנטער און אונגעוועהנליך רייצענדער פרוי. די נאַ־טירליכע און אויסגעכאַליעטע שעהנקייט פון דער דאָזיגער שלאַנ־קער, בלאָנדער יונגער פרוי, וועלכע איז גלייכצייטיג דיק און שלאַנק געוועזן, מיט שעהנע אָרעמס, ווי געשאַפען, אום ארומצו־נעהמען, מיט פיס, ווי ער האָט זיך משער געווען, לאַנגע און שלאַנקע, וואָס זיינען ווי בעשאַפען געוועזן צום אַנטלויפען, ווי די פיס פון אַ הירש־קוה, אַזוי דאָס זיי זאָלען הינטער זיך קיין שפור ניט איבערלאָזען, האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אַ מין סימבאָל פון זיינע אומזיסטע האָפנונגען. עס האָט איהם פערגעניגען פערשאַפט צו ריידען מיט איהר, בעזונדערס אין די מאָמענטען, ווען זי, ווי עס האָט אמאָל, אפילו גאַנץ זעלטען געטראָפען, איז בעהערשט געווען פון סענטימענטאַלע, גייסטיגע אָדער קינסטלערי־שע איינפלוסען. אין אַזוינע מאָמענטען איז ער ענטציקט געווען פון איהר.

זי האָט איהם געזוכט צו געפעלען מיט דעם איינציגען וואונש, צו אונטעריאָכען איהם ווי אַלע אַנדערע.

און ער איז געקומען צו איהר, אַזוי אָפט ווי ער האָט נור געקאָנט, וואָרים ער האָט זי געמוזט זעהן. ווי אַ פערבאָרגענע, אונוויד ערשטעהליכע קראַפט האָט פון איהר ארויסגעשטראָמט, פון איהר בליק, פון איהר שמייכעל, פון איהרע ווערטער, אַ כישוף־קראַפט, וואָס האָט איהם אַליץ מעהר און מעהר צוגעצויגען צו איהר, כאָטש מאַנכעסמאָל איז ער פון איהר אַוועק ברוגז איבער דאָס, וואָס זי האָט געטהאָן אָדער געזאָגט.

וואָס מעהר זי האָט איהם בע'כישופ'ט, אַליץ מעהר האָט ער זי פערשטאַנען און אַליץ מעהר האָט ער געליטען, פאַרוואָס זי איז ניט אַנדערש.

איהר קאָקעטעריי, מיט וועלכער זי האָט זיך געשפיעלט, ווי מיט אַ פעכער, איהר ניט־ערנסטער פערהאַלטען זיך צו אַלעמען און צו אַלסדינג, איהר שטענדיגער וואונש נאָך צושטרייאונג, נאָך נייעס, וועלכען זי האָט אונגעזעטיגט אין איהר מיעדען האַר־

צען געטראָגען, דאָס אַלסדינג האָט איהם מאנכעסמאָל אזוי פער־צווייפעלט געמאַכט, דאָס ווען ער איז אהיים געקומען, האָט ער זיך א וואָרט געגעבען, זי זעלטענער צו בעזוכען, אין גאנצען ניט געהן מעהר צו איהר.

אָבער אויף מאָרגען האָט ער שוין ווידער געזוכט אַן אויסרייד, מיט וועלכען צו קומען צו איהר. און וואָס מעהר עס האָט איהם גגעצויגען צו איהר, אַלץ שארפער האָט ער געפיהלט די אונזי־כערקייט פון דער דאָזיגער ליעבע און די זיכערקייט, אַז ער וועט גוט פון איהר ניט אָפשניידען.

אָה, ער איז גאָר ניט געווען פערבלענדעט, גאָר ניט געווען גענארט! ער האָט זיך בעגראָבען אין די דאָזיגע געפיהלען, ווי איינער, וואָס ווארפט זיך אין וואסער אריין, ווייל זיין שיף איז דורכגעלעכערט און ער איז ווייט פונ׳ם ברעג.

ער האָט זי געקענט, ווי ווייט מען האָט זי איבערהויפט גע־קאָנט קענען. דאָס פאָרגעפיהל פון דער ליידענשאַפט האָט זיינע אויגען געשארפט און ער האָט געמוזט שטענדיג דענקען פון איהר. ער האָט שטענדיג נאָכגאַנאַנד, אָהן אויפהער, זי אַנאַליזירט, בע־מיהט זיך אין דעם דונקעלען גרונד פון איהר נשמה אריינצודרינ־גען, געזוכט זיך צו פאנאנדערקלייבען אין דעם דאָזיגען מערק־ווירדיגען מיש־מאַש פון פרעהליכער וויציגקייט, פון פראקטישען פערשטאַנד, פון קינדערשע גרדאַנקען, פון די אַלע ווידערשפּרע־כענדיגע נייגונגען און אייגענשאַפטען, וואָס זיינען אין איהר גע־ווען צוזאַמענגעפלאָכטען, צונויפגעוועבט און האָבען געשאַפען אַן אונגאָרמאַלע און פערפיהרערישע פרוי.

אָבער וואָרום האָט ער זי אזוי געליעבט? ער האָט עס זיך געפרעגט ניט איינמאָל, און קיין ענטפער אויף דעם ניט געפונען. ביי זיין איבערלעגטער און צוריקגעהאַלטענער נאַטור האָט איהם, דאכט זיך, געדארפט געפעלען נור די רוהיגע אייגענשאַפטען פון די פריהערדיגע פרויען, דער צאַרטער רייץ, די טרייע איבער־

געבענהייט, זאַכען, וואָס שטעלען צונויף, געוועהנליך, דעם מאַנ׳ס גליק.

אָבער ביי דער דאָזיגער פרוי האָט ער זיך אַנגעשטויסען אויף עטוואָס אויערוואַרטעטעס, אויף עטוואָס גאַנץ נייעס, אויף איינע פון יענע נייע פרויען, וועלכע האָבען געשיינט צו זיין דער אָנפאַנג פון א נייעם פרויען־געשלעכט, וואָס איז גאָר ניט עהנליך געווען צו דעם אַלטען, וואָס מיר קענען, און וועלכער איז מורא׳דיג אָנציהענד געווען, זאָגאַר דורך זיינע אונפאָלקאָמענהייטען.

זי איז געווען פאַר איהם ווי א קינסטליכעס וועזען, אויף וועלכע ער האָט נור געקאָנט קוקען מיט ענטציקונג. ווי א לוקסוס־זאַך, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען, אום זי זאָל נור דאָס האַרץ מאַכען קלאַפּען און פערלאַנגען דאָרט ערוועקען, אָבער ניט זעטיגען זיי, אַזוי ווי עס־זאַכען אין א רעסטאָראַן־פענסטער.

ווען עס איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז ער האָט זיך אין אַן אָבגרונד אַרונטערגעגליטשט, האָט ער מיט שרעק גענומען טראַכטען וועגען די אַלע געפאַהרען, וואָס האָבען איהם ערוואַרטעט. וואָס וועט פון איהם ווערען? וואָס וועט זי טהאָן? זי וועט געוויס מיט איהם דאָס טהאָן, וואָס זי האָט מיט יעדען געטהאָן. זי וועט איהם ברענגען דערצו, אַז ער וועט זי פאָלגען ווי א הונד און דערנאָך וועט זי איהם רעכענען צווישען די יעניגע, צו וועלכע זי ווייזט אַרויס מעהר פריינדשאַפט. אָבער האָט זי ווירקליך מיט יעדען אַזוי געשפּיעלט? האָט זי קיינעם פון די אַלטע קיינמאָל ניט געליעבט? האָט קיין איינער פון זיי ניט אויפגעוועקט אין איהר האַרצען, כאָטש אויף א קורצער צייט, דאָס געפיהל פון ליעבע?

נאָכאַנאַנד האָט ער גערעדט מיט זיי וועגען איהר, ווען זיי זיינען געזעסען ביי איהר און וואַרעם געוואָרען דורך די בעגעגעניש מיט איהר. ער האָט געפיהלט, אַז זיי זיינען נאָך אַלע אָביסעל אויפגערעגט געווען, אונצופריעדען, ווי מענשען, וואָס האָבען קיין בעפריעדיגונג בעקומען פאַר זייער מיה.

ניין, זי האָט קיינעם ניט געליעבט פון די דאָזיגע בעריהמטע מענער, און ער, ווערכער, אין פערגלייך מיט זיי, האָט קיין ברעקעל בעדייטונג ניט געהאַט, אויף וועמען קיינער האָט זיך ניט אומ־געקוקט, בעת זיין נאָמען איז דערמאָנט געוואָרען אין א סאַלאָן, וואָס פאַר א ווערט האָט ער געקאָנט האָבען אין איהרע אויגען? קיין ברעקעל ווערט ניט! גאָר נישט, נור א טיש־גאַסט, א בע־קאַנטער הערר, עפּעס עמיצער, וואָס דרעהט זיך ארום אין דעם הויז, סתם עמיצער א הויז־פריינד, א טיש־וויין, וואָס מען טרינקט מיט וואַסער.

דערפאַר האָט ער געוואָלט אויפהערען צו געהן צו איהר, און דערפאַר האָט ער איהר געשריעבען און אָפּשייד גענומען.

ווען ער האָט איהר קורצען ענטפער בעקומען, איז ער געוועזען שטארק געריהרט, אזוי ווי א גרויסעס גליק וואָלט איהם געטראָ־פען. און דערנאָך, ווען ער האָט איהר פערשפּראָכען, אז ער וועט זי ניט פערלאָזען, איז ער געוועזען העכסט גליקליך, אזוי ווי ער וואָלט בעפרייט געוואָרען פון א שווערער משא.

א פאָר טעג זיינען פאַראיבער און קיין זאך האָט צווישען זיי ניט פּאַסירט. און דערנאָך האָט איהם ווידער גענומען ציהען צו איהר. ער האָט בעשלאָסען ווידער צו שרייבען צו איהר. ער האָט איהר פערשפּראָכען ניט צו ריידען פון זיין ליעבע, אָבער ניט צו שרייבען, האָט ער ניט פערשפּראָכען. און אזוי האָט ער איינ־מאָל ביינאַכט, ווען ער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפען, ווען זיי־נע אלע געדאַנקען זיינען פערנומען געוועזען מיט איהר, האָט ער זיך געזעצט ביים שרייב־טיש און אָנגעהויבען אויסצודריקען אויף ווייסען פּאַפּיער אלדינג, וואָס ער האָט געפיהלט. דאָס איז ניט געוועזען קיין בריעף, נור קורץ אָנגעוואָרפענע געדאַנקען, ציטערענ־דיגע געפיהלען, וואָס האָבען זיך אין ווערטער אויסגעגאָסען.

דאָס האָט איהם בערוהיגט. און דערנאָך, ווען ער האָט זיך ווידער אוועקגעלעגט, האָט ער געקאָנט איינשלאָפען.

אויף מאָרגען, ווי נור ער האָט די אויגען געעפענט, האָט ער

ווידער דורכגעלעזען די פּאָר זייטען, וואָס האָבען אויסגעדריקט אין ברענענדיגע ווערטער זיין ליידענשאַפט, האָט זיי אריינגע־לעגט אין א קאָנווערט און אויפגעשריבען דערויף דעם אדרעס. און ערשט פאַרנאַכט האָט ער דעם בריעף צו איהר אַוועקגעשיקט, כדי זי זאָל איהם אויף מאָרגען ביים אויפשטעהן ערהאלטען.

ער האָט געוואוסט, אז זי וועט ניט בייז ווערען אויף איהם פאַר דעם דאָזיגען בריעף. די צוריקגעהאַלטענסטע פרויען האַל־טען טהייער אַזוינע בריעף, וואָס ריידען אויפריכטיג פון ליעבע. און ווען אזוינע בריעף זיינען געשריעבען מיט א האנד, וואָס ציטערט, מיט אויגען, וואָס זעהען נור דעם פּנים פון איינער, פון דער, וואָס האָט זיי פערבלענדעט, מאַכען זיי דעם טיעפסטען איינדרוק, בעזיעגען זיי הערצער.

ווען עס איז אביסעל דונקעל געוואָרען, איז ער אַוועק צו איהר, אום צו זעהן, ווי זי וועט איהם אויפנעהמען און וואָס זי וועט איהם זאָגען.

ער האָט דאָרט געטראָפען הערר פּראַדאַן, איהר פאָטער, וועל־כער האָט געראויכערט א סיגאַר און זיך אונטערהאַלטען מיט איהר. אַזוי איז ער אָפּט ביי איהר שטונדען־לאַנג געזעסען און זיך בע־גאַנגען מיט איהר מעהר אַלס מאַן ווי אַלס פאָטער.

ווען זי האָט דערזעהן מאַריאַל'ן, האָט א ליבטיג שמייכעל זיך צוגאָסען איבער איהר פּנים. זי האָט איהם שנעל דערלאַנגט די האַנט מיט אַזאַ מינע, וואָס האָט דאַכט זיך גערעדט: „איהר געפעלט מיר".

מאַריאַל האָט געהאָפט, אז דער פאָטער וועט באַלד אַוועק־געהן. אָבער הערר פּראַדאַן איז ניט אַוועקגעגאַנגען. הגם ער האָט זיין טאָכטער געקאָנט און זי לאַנג שוין מעהר ניט פערדעכטיגט, אז זי זאָל זיך הינרייסען מיט איין מאַן מעהר ווי מיט אַן אַנדערען, האָט ער דאָך זי נאָכאַנאַנד געהיט, אביסעלע אונרוהיג, אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן איהר מאַן. ער האָט געוואָלט זעהן, אויב דער דאָזיגער נייער פריינד קען האָבען ביי איהר מעהר ערפאָלג ווי

אַנדערע, ווי זי פערהאַלט זיך צו איהם און וואָס פאַר אַ מענש איז ער אין אַלגעמיין: ציִ איז ער אַ גאַסט אויף אַ ווייַלע, ווי פיעל אַנדערע, אדער ער וועט שוין פערבלייבען אַ מיטגליעד פון דעם ענגען קרייז?

קורץ, ער איז געבליבען זיצען, און מאַריאַל האָט באַלד איינגעזעהן, אַז ער וועט איהם ניט פּטור ווערען. דאַן איז איהם איינגעפאַלען, צו פּרובּען געווינען די פריינדשאַפט פון דעם אַלטען הערר, וואָרים ער האָט זיך בערעכענט, אַז זיין פריינדשאַפט קאָן איהם אפשר נוצען ברענגען. ער איז געווען זעהר ליעבענסווירדיג געגען איהם, האָט איהם גוט אונטערהאַלטען און זיך געמאַכט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען פערליעבט.

זי האָט געקלערט צופריעדען: קיין נאַרר איז ער ניט, ער שפּיעלט גוט זיין ראָלע.

און הערר פראַדאָן האָט געטראַכט: „דאָס איז איינמאָל אַ מאַן. איהם, דאַכט זיך, וועט זיין טאָכטער שוין דעם קאָפּ ניט פערדרעהען, אַזוי ווי יענע אַלע עזלען“.

ווען מאַריאַל איז אַוועק, האָט ער איבערגעלאָזען אַן אַנגענעהמען איינדרוק אויף זיי ביידען.

ער אָבער איז אַוועק פון דאָרט מיט אַ שווערען הארצען. ביי דער דאָזיגער פּרוי האָט ער געפיהלט די געפאַנגענשאַפט, אין וועלכער זי האָט איהם געהאַלטען, האָט געפיהלט אַז אומזיסט וועט ער קלאַפּען אין איהר הארץ, ווי אַ געפאַנגענער מיט'ן פויסט אין די אייזערנע טיר פון זיין געפענגניס.

ער איז געווען ביי איהר אין געפענגניס, און האָט מעהר ניט געזוכט זיך צו בעפרייען. און אַזוי ווי ער האָט זיין שיקזאַל שוין ניט געקענט מעהר אויסמיידען, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, צו זיין געדולדיג, צו האַנדלען כיטרע, אויסצוואַרטען און צו פּרובּען זי געווינען דורך די קאָמפּלימענטען און שמייכלערייען, וואָס זי האָט ליעב געהאַט, און דורך די פרייוויליגע קנעכטשאַפט, אין וועלכער ער וועט זיך לאָזען האַלטען פון איהר.

זיין בריעף איז געפעלען געוואָרען. ער האָט געוואָלט ווידער שרייבען. און ער האָט געשריעבען. כמעט יעדע נאַכט האָט ער צו איהר געשריעבען. און וואָס מעהר ער האָט צו איהר גע־שריעבען, אַלץ מעהר האָט ער געטראַכט וועגען זיין ליעבע, אַלץ מעהר האָט ער צוהיצט זיין בלוט, אַלץ שטאַרקער איז אין איהם גע־וואָרען די בעדירפניש צערטליכקייטען צו איהר צו שרייבען. דעם גאַנצען טאָג האָט ער געקלערט נור וועגען דעם, און ביינאַכט האָט ער אויפ׳ן פּאַפּיער אויסגעגאָסען זיינע געדאַנקען און געפיהלען אין אונווידערשטעהליכע אויסדריקען, פול פייערדיגע ליידענ־שאַפט. אזוי האָט ער אליין אויפגעבלאָזען דאָס פייער פון זיין אייגענעם הארצען און עס געמאַכט פלאַקערען. דען דיווירקליך טיעף־געפיהלטע ליעבעס־בריעף זיינען אָפט געפעהרליכער פאַר דעם, וואָס שרייבט זיי, ווי פאַר דעם, וואָס ערהאַלט זיי.

און וואָס לענגער ער איז געווען אין דעם דאָזיגען אויפגע־רעגטען צושטאַנד, וואָס מעהר ער האָט מיט ווערטער זיין בלוט געמאַכט זידען, וואָס מעהר ער איז בעהערשט געוואָרען פון איהר, אַלץ ווייניגער האָט ער זי געזעהן אין איהר ריכטיגער געשטאַלט. די פריהערדיגע יונגע פרוי איז פערשוואונדען פון זיינע אויגען. איצט האָט ער שוין געזעהן אַ גאַנץ אַנדערע פרוי, אַ פרוי, וואָס ער האָט געזעהן דורך דעם שלייער פון זיינע געפיהלען, אין דעם ליכט, וואָס זיין צוהיצטע פאַנטאַזיע האָט זי אוועקגעשטעלט. און אַלסדינג, וואָס ער האָט צו איהר יעדע נאַכט געשריעבען, איז געוואָרען פאַר איהם אַ שטיק ווירקליכקייט. די דאָזיגע טעגליכע בעמיהונג, זי צו אידעאַליזירען, האָט געמאַכט, אַז ער זאָל גאָר באַלד אין איהר זעהן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זעהן אין איהר. און זיין אַמאָליגער ווידערשטאַנד איז אין גאַנצען פּאַראַ־ליזירט געוואָרען פאַר דער פריינדשאַפט, וואָס זי האָט איהם ארויסגעוויזען. זי האָט איהם אָפען ארויסגעוויזען מעהר פריינד־שאַפט ווי ווען ניט־איז, און מיט אַ משוגה׳דיגער האָפנונג

האָט ער געקלעהרט, אַז אפשר וועט זי סוף כל סוף איהם דאָך אָנהויבען צו ליעבען.

און אין אמת'ן האָבען זיינע בריעף איהר פערשאַפט אַ גאַנץ בעזונדער פערגעניגען. קיינמאָל האָט עמיצער זי אויף אַזאַ שטייגער ניט געזוכט און קיינמאָל האָט עמיצער זי ניט געליעבט מיט אַזאַ שטילער צוריקגעהאַלטענקייט. קיינמאָל נאָך האָט עמיצער איהר ניט צוגעשיקט יעדען אין דערפריה אַזאַ רייצענדיגען פרישטיק פון געפיהלען און ליעבע אין אַן איינפאַכען קאָנווערט, ווי ער האָט עס געטהאָן. און דאָס שעהסנטע אין דעם איז געווען, וואס ער אליין האָט קיינמאָל ניט גערעדט פון דעם, האָט עס קיינמאָל מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, אַזוי ווי ער אליין וואָלט גאָר ניט אָנגעהויבען צו וויסען פון דעם. אויסער דעם, האָט ער אין דער געגענוואָרט פון די אַנדערע, זיך געהאַלטען געגען איהר זעהר רוהיג, קעלטער ווי ווער ניט־איז פון איהרע פריינד.

געוויס האָט זי שוין ליעבעס־בריעף ערהאַלטען, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדערען טאָן. דער ראָמאַן־שרייבער, לאַמארט, האָט אין אַ משך פון דריי חדשים צו איהר אויך ליעבעס־בריעף געשריעבען. אינטערעסאַנטע בריעף, געשריעבען פון אַ ליטעראַט, אַ ראָמאַן־שרייבער. אין אַ בעזונדערע קעסטעלע פון איהר שרייבטיש זיינען געלעגען די דאָזיגע פיינע, פערפיהרערישע בריעף פון אַ פערליעבטען שריפטשטעלער צו אַ פרוי, וועלכער האָט זי אַזוי לאַנג באָמבאַרדירט מיט זיין פעדער, ביז ער האָט די האָפנונג אויף ערפאָלג פערלאָרען.

מאַריאָל'ס בריעף זיינען געווען גאַנץ אַנדערש. לאַמארט איז אין זיינע בריעף געווען דרייסט, צו דרייסט, האָט געפאָדערט און ענערגיש געבעטען, און מאַריאָל איז געווען אין זיינע בריעף קורץ און צוריקגעהאַלטען, הגם ער האָט זיין וואונש אין זיי אויך אויסגעדריקט שטאַרק, אָבער גלייכצייטיג האָט זיך געפיהלט אין זיי אַזאַ בענקעניש צו איהר, דאָס זי האָט זיי געלעזען מיט דעם

העכסטען פערגעניגען, מיט וועלכען זי האט נאך קיין בריעף קיין מאל ניט געלעזען.

דאס האט געווירקט אויף איהר פריינדשאפט, און זי האט צו איהם גענומען פיהלען א מין בעזונדערע סימפאטיע און איהם גנעשעצט אויף א גאנץ בעזונדערען שטייגער.

ביז איצט, האט זי ביי די אנדערע אין די הערצער, וואס זי האט אנגעצונדען, געפיהלט נאך עפעס, אויסער איהר. זי האט דארט געהערשעוועט ניט אליין, נאך עפעס האט דארט רעגיערט. ביי מאסיוואל'ען אינ'ם הארצען די ליעבע צו מוזיק, ביי לא־מארט'ן די ליעבע צו ליטעראטור, קורץ, אימער עפעס. זי איז גע־ווען אונצופריעדען מיט דעם האלבען ערפאלג, וואס זי האט ביי זיי געהאט, אונצופריעדען געווען, ווייל זי האט זיך געפיהלט אונ־פעהיג ארויסצויאגען פון די הערצער פון די דאזיגע עהרגייציגע מענשען אלסדינג, אום זי אליין נור זאל דארט קאנען רעגיערען. די דאזיגע מענער מיט נעמען, די דאזיגע קינסטלער האבען צו־פיעל ליעב געהאט זייער בערוף, און קיינער וואלט עס ניט געקאנט ארויסרייסען פון זייערע הערצער. איצט האט זי צום ערשטען מאל געטראפען איינעם, וואס האט מעהר גארנישט און קיינעם ניט געליעבט אויסער איהר. אמת, דער דיקער פרענזעל האט זי אויך אזוי געליעבט, אבער עס איז דאך געווען דער דיקער פרענזעל, אויף וועמען זי האט נור געקאנט קוקען ווי אויף א געטרייען הונד. זי האט געפיהלט, אז זי האט נאך קיינעם אזוי ניט בע־הערשט ווי מאריאל'ן. און איהר עגאאיסטישע דאנקבארקייט פאר דעם מאן, וואס האט איהר פערשאפט אזא זיעג, איז באלד עהנ־ליך געווען צו ליעבע. איצט האט זי זיך אין איהם גענויטיגט, גענויטיגט אין זיין נאהענטקייט, אין זיין בליק, אין זיין ליעבענס־ווירדיגקייט. ווען ער האט אפשר ווייניגער געשמייכעלט איהר אייטעלקייט ווי די אנדערע, האט ער אבער ד'ערפאר מעהר גע־שמייכעלט די שטארקערע פאדערונגען, וואס האבען בעהערשט איהר נשמה און גוף: איהר עהרגייץ, איהר הערשאפט, דעם וויל־

דען אינסטינקט פון דער דאָזיגער אויסערליך רוהיגער פרוי. זי האָט געזעהן איהם צו בּעהערשען אַלץ מעהר און מעהר און געמאכט פעסטען, געשלעפּט איהם מיט זיך אין די טהעאַטערס, צו דינערס אין רעסטאָראַנען, אַלץ מיט דעם צוועק, ער זאָל זיין נעבען איהר. און זי האָט איהם געשלעפּט מיט זיך מיט דער בעפריעדיגונג פון א זיעגער האָט מעהר ניט געקאָנט זיין אָהן איהם, אָדער ריכטיגער, אָהן דער שקלאַפעריי, צו וועלכער ער האָט זיך ערנידעריגט.

ער איז איהר נאָכגעגאַנגען און איז גליקליך געווען, בעצווי־בערט פון איהר בליק, פון איהר שטימע, פון יעדער מינע איהרער, פון יעדען קאפּריז איהרען, און ער האָט געלעבט מיט דער איינ־ציגער האָפנונג אויף איהר ליעבע, און דאָס פייער אין זיין האַר־צען האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צופלאַקערט.

IV

איינמאל איז מאריאל געקומען צו איהר אין הויז. זי איז ניט געווען און איהם איז אויסגעקומען אויף איהר צו ווארטען, באטש זי האט איהם געלאזט וויסען דורך א טעלעגראם, אז זי וויל איהם היינט אין דערפריה זעהן.

יעדעסמאל, ווען ער האט זיך געפונען אליין אין דעם דאזיגען הויז, וואוהין עס האט איהם אזוי געצויגען, וואו אלסדינג איז איהם אזוי געפעלען געווען, איז ער געווען נערוועז, אויפגערעגט, אונרוהיג און קיין איין מינוט ניט געקאנט איינזיצען אויף איין ארט, אזוי לאנג זי איז ניט געוועז. ער האט ארומגעשפרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק און מורא געהאט, אז עפעס וואס זאל איהר ניט שטערען צו קומען אין צייט און דאן וועט ער זי ערשט קאנען זעהן אויף מארגען.

ער האט אזש געציטערט פאר אונגעדולד. פלוצים האט ער דערהערט ווי א וואגען איז צום הויז צוגעפאהרען, און ווען דאס עלעקטרישע גלעקעל האט א קלונג געטהאן, האט ער שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אז זי קומט.

זי איז אריינגעקומען מיט דער הוט אויפ'ן קאפ, איילינג און מיט א צופריעדענער מינע.

— איך האב פאר אייך נייעס — האט זי געזאגט.

— וואס פאר א נייעס, מאדאם?

זי האט איהם אנגעקוקט מיט א שמייכעל:

— איך פאהר אוועק אין דארף אויף א קורצע צייט.

ער איז בלייך געוואָרען, און מען האָט געקאָנט זעהן אָן איהם, אַז איהרע ווערטער האָבען איהם אין גאַנצען צורודערט.

— און איהר זאָגט דאָס מיר מיט אַזאַ גליקליכער מינע?

— יאָ. קומט אַהער, זעצט זיך דאָ. איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען. איהר ווייסט דאָך — אָדער איהר ווייסט ניט — אַז הערר באַלזאַקי, דער ברודער פון מיין מוטער, אַן אָבער־אינ־זשעניער פון בריקען־בויעריי, האָט אין אוורענטשעס אַ קליינעם זומער־פּלאַץ, וואו ער מיט זיין פרוי און קינדער פערברענגען אַ געוויסע צייט. קורץ, מיר בעזוכען זיי יעדען זומער. דיעזען זומער האָב איך אַהין ניט געוואָלט פאָהרען. דאָס האָט איהם געערגערט און ער האָט מיין פאָטער דערפאַר געמאַכט אַן אונ־אַנגענעהמע סצענע. אַז איך רייד שוין פון מיין פאָטער, וועל איך אייך שוין פאַר איין וועג זאָגען, אַז ער איז אייפערזיכטיג צו אייך און מאַכט מיר סצענען. ער זאָגט, אַז איך קאָמפּראָ־מיטיר מיך. אַלזאָ, איהר מוזט קומען אַהער ניט אַזוי אָפט. אָבער זאָל עס אייך נור ניט אַרען, איך וועל שוין מאַכען די זאַך גלאַט. קורץ, מיין פאָטער האָט מיר אַ גאַנצע דרשה געהאַלטען און איך האָב איהם געמוזט צוזאָגען, אַז איך וועל פאָהרען מיט איהם אויף צעהן־צוועלף טעג אין אוורענטשעס. דיענסטאָג אין־דער־פריה פאָהרען מיר אָפּ. וואָס זאָגט איהר דערצו?

— זעהר אַ טרויעריגער שטיקעל נייעס פאַר מיר — האָט ער געענטפערט.

— ניט מעהר?

— וואָס נאָך? איך קען דאָך אייך ניט צוהאַלטען!

— און איהר קאָנט גאָרניט געפינען קיין אויסוועג?

— ניין, איך ניט.

— און איך יאָ. הערט אויס. אוורענטשעס איז ניט ווייט פון מאָנט סענט־מישעל. איז מאָנט סענט־מישעל אייך בע־קענט?

— ניין, מאַדאַם.

— ווייסט איהר וואָס, נעקסטען פרייטאָג פאַלט אייך פּלוצים איין די אידעע, אָנצוקוקען דעם דאָזיגען וואונדערבאַרען מייסטער־ווערק, פאָהרט איהר אין אוורענטשעס און שטעלט זיך דאָרט אָפּ. פאַרנאַכט, מיר וועלען זאָגען, שבת פאַרנאַכט, געהט איהר זיך דורך שפּאַצירען אינ׳ם שטאָדט־פּאַרק, פון וואַנען מען קאָן קוקען אויפ׳ן ים אַרויס. דאָרט וועלען מיר זיך צופעליג טרעפען. מיין פאָטער וועט מסתמא מאַכען אַ בייזען פּנים, אָבער דאָס זאָל אונז ניט אַרען. איך וועל באַשטעלען מיט אייך אַן אַרויספאָהר און אויף מאָרגען וועלען מיר אַלע אַרויספאָהרען, די גאַנצע פאַמי־ליע — צו בעקוקען מאָנט סענט־מישעל. איהר מוזט ווייזען, אַז איהר זייט בעגייסטערט, און איהר מוזט זיין אַזוי ליעבענס־ווירדיג, ווי איהר קענט עס זיין, ווען איהר ווילט נור. איהר מוזט זעהן צו געפעלען ווערען מיין מוהמע׳ן. און לאַדעט אונז אַלע איין צו מיטאָג אין דעם האָטעל, וואו מיר וועלען זיך אָפּשטעלען. דאָרט וועלען מיר איבערנעכטיגען. און אין אַכט טעג אַרום בין איך ווידער אין פּאַריז. נו, גוט אויסגעטראַכט, האַ? בין איך ניט אַ וואוילע פרוי

ער האָט אַרויסגעפּליסטערט מיט דאַנקבאַרקייט:

— אָה, איהר זייט מיר דאָס ליעבסטע אויף דער וועלט!

— פּסט! — האָט זי איהם אונטערבראָכען.

אַ ווייַלע האָבען זיי זיך אַריינגעקוקט אין די אויגען. זי האָט געשמייכעלט. און אין דעם דאָזיגען שמייכעל האָט זי אויסגעדריקט צו איהם איהר דאַנקבאַרקייט, דעם דאַנק פון איהר הארצען און איהר סימפּאַטיע גאַנץ אויפריכטיג, גאַנץ עהרליך. ער האָט געקוקט אויף איהר און זי פערשלונגען כמעט מיט די אויגען. ער וואָלט איהר אַם ליעבסטען צו די פיס געפאַלען, וואָלט איהרע קניע אַרומגעכאַפּט, איהרע קליידער צוריסען, וואָלט אַרויסגע־ברומט עפּעס, וואָס ניט איז, און וואָלט איהר געוויזען, אַז ער איז ניט אומשטאַנד אויסצודריקען אין ווערטער דאָס, וואָס מאַכט איהם

ציטערען פונ׳ם קאפ ביז צו די פיס, וואס ברענט אין זיין פלייש, אין זיין בלוט, אין זיין הארצען.

אבער זי האט געפיהלט, וואס אין איהם איז פארגעקומען, ווען ער האט עס אפילו ניט אויסגעדריקט, ווי א שיסער פיהלט, אז זיין קויל האט אין ציעל, אין מיטען דאס שווארצע געטרא־פען. דער דאזיגער מאן איז אין גאנצען בעהערשט געווען פון איהר. זי אליין האט אין זיין הארצען רעגיערט. ער האט גע־הערט מעהר איהר, ווי זיך אליין. זי איז געווען צופריעדען און ער איז איהר זעהר געפעלען געווען.

און זייענדיג גוט אויפגעלעגט, האט זי צו איהם געזאגט:

— אלזא, אזוי וועט עס בלייבען, ניט אמת? מיר פאהרען.

ער האט ארויסגעשטאמעלט, שטארק געריהרט:

— יא, מאדאם, איך בין צופריעדען.

דערנאך האבען זיי אווילע ווידער געשוויגען. דאן האט זי זיך אנגערופען אהן שום צערעמאניעס:

— איצט געהט. איך האב דאס אייך געזאגט און איצט ווייסט איהר דאס. איבערמארגען פאהר איך. מארגען בין איך דעם גאנצען טאג פערנומען, ווייל איך דארף נאך וואס בעזארגען.

ער האט זיך גלייך אויפגעהויבען, א קוש געטהאן זיהר האנד און איז אוועק מיט א פערקלעמטען הארצען, אבער דאך פול האפנונג.

עס איז איהם אויסגעקומען צוווארטען פיער טעג און ער האט זיי קוים איבערגעלעבט.

פרייטאג אין־דער־פריה איז ער אוועקגעפאהרען מיט דעם קוריער־צוג. א גאנצע נאכט האט ער ניט געקאנט שלאפען, טראכ־טענדיג אלץ וועגען דער דאזיגער רייזע. זיין דונקעל, שטיל צימער, אין וועלכען עס האט זיך נור געהערט דאס דורכפאהרען פון שפעטע דראזשקעס, וואס האט נאך שטארקער אין איהם געוועקט די אונגעדולד, וואס שנעלער אפצופאהרען, האט די גאנצע נאכט איהם געדריקט ווי אן ענג, פערשטיקט געפענגנים־צימערל.

אזוי גיך ווי צווישען די פאַרהאַנגען האָט זיך בעוויזען אַ שיין, דער גרויער, טרויעריגער שיין פון פאַרטאָג, איז ער אַרונ־טערגעשפּרונגען פונ׳ם בעט, האָט געעפענט דאָס פענסטער און אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן הימעל. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל ניט זיין קיין שלעכט וועטער. עס איז געוועזען שעהן. אַ דינער נעבעל איז געלעגען אין דער לופט, אַ פאַרצייכען פון גרויסער היץ. שנעלער ווי עס איז נויטיג געוועזען, האָט ער זיך אָנגעקליידט. צוויי שטונדען צו פריה איז ער שוין געוועזען פּיקס און פאַרטיג צו דער רייזע. זיין דינער האָט איהם געמוזט ברענ־גען אַ דראָזשקע, איידער ער, מאַריאַל, איז נאָך געוועזען ריכטיג אָנגעטהאָן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער קיין דראָזשקע ניט קענען קריגען.

און ווען ער איז געקומען צום באַהן־הויף פון מאָנט פּאַר־נאַס און האָט זיך דערוואוסט, אַז ער וועט דאַרפען וואַרטען העכער פופציג מינוט אויף דעם קוריער־צוג איז ער געוואָרען אויסער זיך פאַר אונגעדולד און אויפרעגונג.

איין קופּעע איז געוועזען פריי. ער האָט עס גענומען אין גאַנצען, אום צו קענען זיין אַליין מיט זיינע געדאַנקען. ווען ער האָט דערפיהלט, אַז דער צוג ריהרט זיך, איז ער נאָך מעהר אויפ־געגערעגט געוואָרען, און וואָס שנעלער דער צוג איז געגאַנגען, אַלץ נערוועזער איז ער געוואָרען, אַזוי, דאָס איין מאָמענט האָט ער זאָגאַר אַ קינדערישען חשק געקראָגען צו נעהמען שטופּען מיט ביי־דע הענד די וואַנד, אַז עס זאָל שנעלער לויפען.

לאַנג, ביז האַלבען טאָג, האָט ער זיך געפונען אין אַזאַ אויפ־געגערעגטען צושטאַנד. ערשט, ווען דער צוג איז פערבייגעפאָהרען אַרגענטאַן און די גרינע, נאָרמאַנישע פעלדער און גערטנער האָבען זיך אַוועקגעצויגען, האָט מאַריאַל זיך אויף אַ ווײַלע פערגעסען, בעצויבערט פון דעם לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויי־קעלט פאַר זיינע אויגען.

דער צוג האָט זיך געטראָגען איבער טהאָלען און בערגלאַך,

פערביי פויערשע הייזלאַך, וואָס זיינען אַרומגערינגעלט געווען פון עפּעל־בוימער, וועלכע האָבען געלויכטען אין די שטראַהלען פון דער זון. עס איז געווען אין די לעצטע טעג פון יולי, אין דער צייט, ווען די דאַרטיגע ערד, די מעכטיגע שפּייזערין, לאָזט אַרויס־שטראָמען איהרע אַלע קרעפטען. אויף שריט און טריט זיינען געשטאַנען שטאַרקע אָקסען און קיה, בונט געפלעקטע, מיט ברייטע שטערענס, אָדער זיי זיינען געלעגען אויף די לאָנקעס, מיט זייערע בייכער רונד אַרויסגעשטעלט. יעדע ווײַלע האָט זיך בעוויזען צווישען די גראָז א קוואַל, א טייכעל, זיינען פערשוואונדען און האָבען זיך באַלד ווידער בעוויזען. די דאָזיגע טייכלאַך און קוואַ־לען האָבען אָנגעטרונקען די גאַנצע געגענד מיט פרוכטבאַרעם פרישקייט.

אָבער ווען דער צוג איז פערבייגעפאָהרען פּאַליגני, איז מאַ־ריאַל ווידער אונגעדולדיג געוואָרען און אין א צייט פון פערציג מינוט, האָט ער אַמאָל צוואַנציג זיין זייגער אַרויסגענומען.

יעדע ווײַלע האָט ער אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און ענדליך האָט ער דערזעהן אויף א גאַנץ הויכען באַרג די שטאָדט, וואו זי האָט אויף איהם געוואַרט. דער צוג האָט זיך אביסעל פער־שפּעטיגט און עס האָט נאָך געדאַרפט נעהמען אודאי א גוטע שטונדע, ביז ער וועט זי קענען טרעפען אינ׳ם שטאָדט־פּאַרק, ווי זיי האָבען אָפּגעמאַכט.

ער איז געווען דער איינציגער פּאַסאַזשיר אינ׳ם האָטעל־אָמניבוס, וואָס האָט איהם געבראַכט אין אוורענטשעס. פון וויי־טען האָבען די הייזער אויסגעקוקט, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַרומ־גערינגעלט די שטאָדט ווי א פעסטונג. פון נאָהענט אָבער זיינען זיי געווען גאַנץ געוועהנליכע קליינע הייזער פון אַן אַלטער שטאָדט, איינס ווי דאָס אַנדערע.

אַזוי גיך ווי מאַריאַל האָט געקראָגען זיין צימער אינ׳ם האָטעל, האָט ער איבערגעלאָזען דאָרט זיין רייזע־טאַש און איז אוועק צום שטאָדט־פּאַרק. ער איז געגאַנגען שנעל, הגם עס איז נאָך געווען צו

פריה, אז זי זאָל דאָרט זיין, אָבער ער האָט געהאָפט, טאָמער וועט זי קומען פריהער.

ווען ער איז צוגעקומען צום אריינגאנג, האָט ער גלייך דער־זעהן, אז דער פארק איז לעדיג, אָדער כמעט לעדיג. נור דריי אלטע לייט האָבען דאָרט ארומגעשפּאצירט, אָרטיגע איינוואוינער, וואָס האָבען דאָרט יעדען טאָג געשפּאצירט, און אן ענגלישע פאמיליע, א אינגעלע און א מיידעלע מיט דינע פיסעלאך, וועלכע האָבען זיך געשפּיעלט נעבען א בלאָנדער פערטראכטער גובערנאנטין.

מאריאָל איז מיט א קלאפּענדיגען הארצען אריין אין פארק. ער איז צוגעקומען צו א דונקעל־גרינער אלעע פון גרויסע אלמען־בוימער, וואָס האָט צוטהיילט דעם פארק אויף צווייען. פון דאָרט האָט ער ארונטערגעקוקט און פלוצים דערזעהן פאר זיך דעם זאמ־דיגען ברעג פונ'ם ים, וועלכער האָט זיך אין דער ווייטקייט צונויפ־געגאָסען מיט'ן האָריזאָנט. און אונטער די גליהענדיגע זונען־שטראהלען האָבען דאָ און דאָרט צווישען זאמד געבלישטשעט, ווי פלעקען, וואסער־שטראָמען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי דורכ־זיכטיגע לעכער, דורך וועלכע עס האָט ארויסגעקוקט אן אנדער הימעל.

און אין מיטען פון דעם דאָזיגען געלען מדבר, וואָס איז נאָך נאס געווען פון די ים־כוואליעס, וועלכע האָבען ניט לאנג געהאט פערלאָזען דעם ברעג, האָט זיך אויפגעהויבען אויף צוועלף אָדער פופצעהן קילאָמעטער ווייט פונ'ם ברעג דאָס מאָנומענטאלע פראָפיל פון א שפּיציגען פעלז, ווי א פאנטאסטישער פיראמיד, אויף וועלכען עס איז געשטאנען א קלויסטער.

נעבען דעם דאָזיגען קלויסטער האָט זיך נאָהענט געפונען נור איין פעלז, וואָס איז געשטאנען אויף א רונדען בערגעל: טאָמבעליין.

ווייטער האָבען אנדערע פעלזען ארויסגעוויזען זייערע ברוי־נע קעפּ איבער די בלייכע ליניע פון די כוואליעס, און דאָס אויג, ווען עס האָט געקוקט ווייטער צום האָריזאָנט צו, רעכטס, האָט

דערזעהן אין שכנות מיט דער דאָזיגער וויסטער־ זאמד־שטרעקע, די גרינע נאָרמאַנישע לאַנדשאַפט, אומעדום מיט בוימער בעדונ־ קעלט, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַן אונענדליך־ גרויסער וואַלד. אויף איינמאָל האָט זיך דאָ פאַר דאָס אויג געעפענט די גאַנצע נאַטור אין איהר גאַנצער גרויסקייט, קרעפטיגער פרישקייט און שעהנקייט. און פון די דאָזיגע וועלדער האָט דער בליק צוריק געוואַנדערט צו דעם הויכען גראַניט־באַרג, וועלכער האָט זיך הויך, הויך איבער׳ן זאמד אויפגעהויבען אין זיין ריעזען־וואוקס און ארויסגעקוקט אויפ׳ן ים.

מאַריאַל איז געבליבען שטעהן אַ פערגאַפטער און האָט כמעט פערגעסען, צוליעב וואס ער איז אַהער געקומען. אזא שטאַרקען איינדרוק האָט אויף איהם דאָס דאָזיגע בילד געמאַכט. אבער ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק, האָט ער זיך אומגעקוקט, און דאַן האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן דער, נאָך וועלכער זיין הארץ האָט אזוי געבענקט.

דער פּאַרק איז נאָך אַלץ געוועזן כמעט לעדיג. די ענגלישע קינדער זיינען שוין געוועזן אוועקגעגאַנגען. נור די דריי אַלטע האָבען נאָך געשפּאַצירט. און ער האָט אויך אָנגעהויבען צו שפּאַ־ צירען הין און צוריק, ווי זיי.

יעדען אויגענבליק האָט זי געדאַרפט קומען. ער וועט זי דערזעהן פון וויטען, ווי זי וועט זיך גור בעווייזען אויפ׳ן וועג, וואָס פיהרט צו דער דאָזיגער וואונדערבאַרער טעראַסע. ער וועט איהר פיגור דערקענען, דאַן איהר פּנים, איהר שמייכעל. און דאַן וועט ער איהר שטימע הערען. וואָס פאַר אַ גליק, וואָס פאַר אַ גליק!

ער האָט זי געפיהלט נאָהענט, ווען ער האָט זי אפילו נאָך ניט געהערט און ניט געזעהן.

ער האָט שיער ניט אַ געשריי געטהאָן: אַ בלויער זונענ־ שירם, נור דער אויבערשטער טייל פון אַ געעפענטען שירם, האָט פון דער וויטען אַ מיניע געטהאָן צווישען די ביימער. דאָס איז

געווען זי, זי. א קליינער אינגעלע האָט זיך בעוויזען. ער האָט געקייקעלט א רייף. דערנאָך האָבען זיך בעוויזען צוויי דאַמען — ער האָט זי דערקענט — דערנאָך צוויי הערען, איהר פאַטער און אַנאַנדערער.

זי איז געווען אָנגעטאָן גאַנץ אין בלוי, ווי א פריהלינגס־הימעל. אָה, ער האָט זי דערקענט, ווען ער האָט אפילו איהר פנים ניט געקענט זעהן. אבער ער האָט ניט געוואגט צו געהן איהר אַנטקעגען. ער האָט געפיהלט, אז ער וועט רויט ווערען, וועט אָנהייבען צו שטאַמלען און דאַן וועט דער פאַרשענדער בליק פון הערר פראדאן זיך קענען אַנשטויסען...

און דאָך איז ער געגאַנגען זיי אַנטקעגען. ער האָט, אמת, געקוקט אין א שפּעקטיווע, כלומר׳שט ער קוקט זיך אָן די לאַנד־שאַפט. דאָ האָט זי איהם אָנגערופען, ניט אַרויסווייזענדיג אפילו קיין סימן פון פערוואונדערונג.

— ווי געהט עס, הערר מאריאל? דאָ איז שעהן, ניט אמת?

ער איז צומישט געווארען פון אזא אויפנאַהמע און האָט ניט געוואוסט וואס ער זאָל ענטפערען. ער האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— אָה, איהר זייט עס, מאדאם! וואס פאר א גליק, איך האָב גאַר ניט ערוואַרטעט אייך דאָ צו טרעפען. איך בין געקומען אָנצוקוקען די דאָזיגע וואונדערבארע געגענד.

זי האָט געזאָגט מיט א שמייכעל:

— און איהר האָט פונקט אויסגעקליבען די צייט, ווען איך בין דאָ. דאָס איז זעהר ליעבענסווירדיג פון אייך.

דערנאָך האָט זי פאָרגעשטעלט:

— הערר מאריאל, איינער פון מיינע בעסטע פריינד. מיין טאַנטע, מאדאם באלזאקי, מיין אָנקעל.

זיי האָבען זיך בעגריסט. הערר פראדאן און דער יונגער מאן האָבען זיך קאַלט געגעבען די הענד און מען האָט געשפּאַ־צירט ווייטער.

מאריאל איז געגאנגען צווישען איהר און איהר מוהמע, און פלוצים האט ער אויף איהר געווארפען א פערשמאכטען בליק. זי האט זיך אנגערופען:

— נו, ווי געפעלט אייך דא?

— אה, האט ער געענטפערט — איך האב נאך עטוואס אזוינס ניט געזעהן.

זי האט ווידער אנגעהויבען:

— אה, ווען איהר וואלט דא פערבראכט א פאר טעג, ווי איך, וואלט איהר ערשט געפיהלט, ווי וואונדערבאר דא איז. מען קען דאס גאר ניט אויסדריקען. דאס נאכאנאנדיגע קומען און אוועקגעהן פון דעם ים איבער'ן זאמד, די דאזיגע נאכאנאנדיגע בעוועגונג, וואס הערט קיינמאל ניט אויף. איך בין איינפאך פער־ריקט פון דעם. איך בין דא גאר אנאנדער מענש, ניט אמת, טאנטע?

מאדאם באלזאקי, אן עלטערע פרוי מיט גרויע האר, מיט א פארנעהמען אויסזעהן, וועלכע אלס פרוי פון אן אנגעזעהענעם בעאמטען האט פארנומען א בכבוד'ע שטעלונג אין איהר שטאדט, האט צוגעגעבען, אז זי האט נאך קיינמאל ניט געזעהן אזא בע־גייסטערונג ביי איהר פלימעניצע. דערנאך האט זי נאך א קורצען נאכדענקען צוגעלעגט:

— איבריגענס, דיין בעגייסטערונג וואונדערט מיך גאר ניט. וואו האסטו געזעהן עטוואס אזוינס, אויסער אלס דעקאראציא־נען אין א טהעאטער?

— אבער, טאנטע, יעדען יאהר פאהר איך דאך אין דיפפע אדער טראוויל.

די אלטע דאמע האט זיך צולאכט:

— אה, אין דיפפע אדער טראוויל פאהרט מען נור, אום צו טרעפען זיך מיט פריינד. דער ים איז פאר אזוינע ראנדעוואוס דער בעסטער פלאץ.

זי האָט דאָס געזאָגט אָהן שום הינטערגעדאַנק, ניט מיינענ־דיג קיין בייז.

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער טעראַסע, וועלכע האָט געצויגען צו זיך מיט אַ מין מאַגנעטישער קראַפט. מען האָט גע־מוזט געהן אַהין. די אויגען האָבען זיך אַהין געריסען, די פיס האָבען זיך אַהין אַליין געטראָגען. פון יעדען עק פון'ם פּארק האָט מען אַהין געמוזט געהן, ווי אַ באַל מוז זיך קייקלען בארג אראָפּ.

די אונטערגעהענדע זון האָט צושפּרייט אַ גאָלדענעם, דינעם, דורכזיכטיגען לייכטענדיגען נעץ הינטער דעם הויכען סילועט פון מאָנט סען־מישעל, וואס איז אַלץ דונקעלער געוואָרען. אבער מאַ־ריאַל האָט נור געזעהן דעם ליעבען, בלאָנדען פּנים, וואס איז גע־גאַנגען ביי זיין זייט אין אַ בלויען וואָלקען. נאָך קיינמאָל האָט זי אַזוי שעהן ניט אויסגעזעהן. זי האָט איהם אויסגעוויזען עפּעס גאָר אַנאַנדערע, ער האָט אַליין ניט געוואוסט ווארום, עפּעס ווי אַ נייע הויט וואָלט איהר פּנים בעצויגען, אַ נייע פרישקייט וואָלט איבער איהר פלייש, איבער איהרע אויגען, איבער איהרע האָר גע־הויכט און אויך אין איהר נשמה. אַ פרישקייט, וועלכע דאָס דאָזיגע לאַנד, דער דאָזיגער הימעל, די דאָזיגע קלאָרקייט און גרינקייט האָבען ארויסגעשטראָמט. נאָך קיינמאָל האָט זי ניט אויסגעזעהן אַזוי ליעב, אַזוי רייצענד, אַזוי בעגעהרענסווערטה.

ער איז געגאַנגען נעבען איהר. ער האָט ניט געוואוסט, וואס ער זאָל זאָגען, וואס ער זאָל ריידען. און די בעריהרונג פון איהרע קליידער, פון איהר ארם, וואס האָט זיך יעדע ווילע געריבען אָן זיינעם, דער בליק פון איהרע אויגען, — דאָס אַלצדינג האָט איהם געלעהמט, דעם ווילען פון איהם אוועקגענומען, די געדאַנקען. ער האָט געפיהלט אין זיך נור איין וואונש, נור איין געדאַנק, נור איין בעגעהר.

זי האָט געזעהן, וואס אין איהם קומט פאָר, און זי האָט זיך געפרעהט מיט איהר פולען זיעג, איצט נאָך מעהר, איצט, ווען

זי איז בערוישט געווען פון דער דאָרפישער לופט, פון דופט און פארבען.

זי האָט זיך אָנגערופען, אויסמיידענדיג זיין בליק:

— עס פרעהט מיך זעהר, וואס איהר זייט דאָ. ווי לאנג וועט איהר דאָ פערבלייבען?

ער האָט געענטפערט:

— צוויי טעג, אויב איך זאָל היינטיגען טאָג אויך אריינרעכענען.

דאַן האָט ער זיך א קעהר געטהאָן צו איהר מוהמע'ן:

— מאדאם, קאָן איך האָבען די עהרע, אז איהר און אייער מאַן זאָלען מאָרגען זיין מיינע געסט און פאָהרען מיט מיר צו מאָנט סען-מישעל?

מאדאם דע בורן האָט געענטפערט פאר איהר מוהמע:

— אָה, זי וועט זיך זיכער ניט אָפּזאָגען, ווען מיר האָבען שוין געהאט דאָס גליק אייך דאָ צו טרעפען.

די פרוי פון דעם אינזשעניער האָט צוגעלעגט:

— זעהר גערן. אָבער דערפאר מוזט איהר היינט אָבענד זיין אונזער גאסט.

ער האָט זיך פערבויגט און בעדאנקט.

א משוגע'נע פרייד האָט איהם אָנגעכאפּט, א גליק, ווי עס כאפּט אָן איינעם, בעת מען זאָגט איהם אָן, אז זיין וואונש, וועלכען ער האָט לאנג-לאנג אין זיין הארצען געטראָגען, איז מיט אמאָל ערפילט געוואָרען. וואס אזוינס איז איהם געשעהן? וואס האָט איהם אזוי גליקליך געמאכט? גאָר נישט, דאכט זיך. און דאָך האָט דאָס הארץ אין איהם זיך פרעהלאך געצאפּעלט פון אַן אונערקלערליכען פאָרגעפיהל.

א לאנגע צייט האָבען זיי ארומגעשפּאצירט אויף דער טעראסע און געוואָרט אויפ'ן זונען-אונטערגאנג, אום צו זעהן, ווי אזוי דער שווארצער שאָטען פון מאָנט סען-מישעל וועט זיך אָפּצייכענען געגען דעם פייערדיגען האָריזאָנט.

זיי האָבען איצט גערעדט פון געוועהנליכע זאכען, פון וואָס מען קאָן ריידען אין געגענוואַרט פון פרעמדע, און דערביי האָבען זיי זיך יעדע ווייל אָנגעקוקט.

דאַן זיינען זיי אוועק צו דער ווילא, וועלכע האָט זיך גע־פונען אין מיטען פון אַ שעהנעם גאָרטען מיט אַן אויסזיכט אויפ׳ן ים. די ווילא איז געלעגען אויפ׳ן עק פון אוורענטשעס.

מאַריאל האָט געוואָלט פאַרזיכטיג זיין, דערצו נאָך האָט ער זיך געפיהלט אומבעקוועם פון דער קאַלטער, כמעט פיינדליכער בענעהמונג פון הערר פּראַדאן, האָט ער לאַנג ניט פערבראַכט ביי דעם אינזשעניר אין דער ווילא. ווען ער האָט מאַדאַם דע בורן׳ס האַנד צו די ליפּען צוגעטראָגען ביים זיך געזעגענען, האָט זי צו איהם צוויי מאָל געזאָגט מיט אַ מאָדנער בעטאָנונג:

— אלזאָ, מאָרגען זעהען מיר זיך! מאָרגען זעהען מיר זיך!

גלייך ווי ער איז אוועק, האָבען הערר און מאַדאַם באַלזאַקי, וועלכע האָבען זייט יאָהרען געלעבט אַזוי ווי מען לעבט אין די קלע־נערע שטעדט, פאַרגעלעגט, מען זאָל געהן שלאָפען.

— אָה, — האָט מאַדאַם דע בורן זיך אָנגערופען — איך וויל נאָך אפריהער זיך דורכגעהן אין דעם גאָרטען.

און איהר פאָטער האָט אונטערגעכאַפּט:

— און איך אויך.

זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ שאַל אַרום די שולטערען. דער פאָטער מיט איהר. זיי זיינען געגאַנגען אויף דעם ווייסען זאַמד צווישען די אַלעען. די לבנה האָט געלויכטען. אַ היבשע צייט האָבען זיי ביידע געשוויגען, דערנאָך האָט הערר פּראַדאן אַרויס־גערעדט שטיל, גאַנץ שטיל, כמעט אַרויסגעפּליסטערט:

— ליעבעס קינד, ניט אמת, דו וועסט מיר צוגעבען, אַז איך האָב דיר נאָך קיינמאָל ניט געגעבען קיין עצות.

זי האָט דערפיהלט, וואָס ער וועט איהר זאָגען, און זיך צו־געגרייט צו דעם.

— ענטשולדיג, פאפא, איינמאָל האסטו מיר יאָ געגעבען אן עצה.

— איך ?

— געווים, געווים !

— אן עצה, וואס... איז נוגע געווען דיין לעבען ?

— יא, יא, און זאגאר זעהר א שלעכטע עצה. און דערפאר האב איך ביי זיך אפגעמאכט, ניט צו פאָלגען מעהר דיינע עצות.

— וואס פאר אזא שלעכטע עצה האב איך דיר געגעבען ?

— צו היירא‌טען הערדן דע בורן. און דאס, גלויב איך, איז דער בעסטער בעווייז, אז דו דארפסט קיין עצות ניט געבען, אז דו קענסט ניט די מענשען, און דיין טאָכטער אודאי ניט.

ער האט א ווײַלע געשוויגען, ערשטוינט און צומישט. דאן האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט :

— יא, דעמאָלט האב איך א טעות געהאט. אָבער וועגען דעם, וואס איך וויל דיר איצט זאָגען, האב איך זיכער קיין טעות ניט. אלם דיין פאטער, מוז איך דאס דיר זאגען.

— נו, זאג. אויב איך וועל זעהן, אז דו ביזט גערעכט, וועל איך דיך זיכער פאָלגען.

— דו ווילסט זיך קאמפראמיטירען.

זי האט זיך צולאכט, אביסעל צו נערוועז.

— דו מיינסט מיט הערר מאריאל ?

— יא, מיט איהם.

— אזוי ? פערגעס אבער ניט, אז איך האב זיך שוין קאמ־פראמיטירט ניט איינמאָל : מיט דע מאלטרי, מיט מאסיוואל, מיט דע לאמארט, מיט צעהן אנדערע, אויף וועלכע דו ביזט איי־פערזיכטיג געווען. דען קייז מענש טאר מיר ניט געפעלען, אניט רייץ איך אויף געגען זיך די גאנצע געזעלשאפט און דיך, דיך, וועלכען די נאטור האט אויסגעוועהלט צו זיין מיין העלדען־פא־טער און אבער־רעזשיסאָר.

ער האט געענטפערט מיט היץ :

— ניין, ניין, דו האָסט זיך קיינמאָל מיט קיינעם ניט קאָמ־פּראָמיטירט. פערקעהרט, דו ביזט אַלע מאָל געווען מיט דיינע פריינד זעהר טאַקטפול.

זי האָט געענטפערט:

— מיין ליעבער פּאפּא, איך בין שוין ניט מעהר קיין פּענ־סיאָנס־מיידעל, און איך זאָג דיר צו, אז איך וועל זיך דורך הערר מאריאל ניט לאָזען קאָמפּראָמיטירען מעהר ווי דורך די אנדע־רע. זיי נור רוהיג. אמת, איך מוז צוגעבען, אז ער איז געקומען אהער, ווייל איך האָב איהם געבעטען צו קומען. ער איז מיר זעהר געפעלען. איך געפין, אז ער איז פּונקט אזוי קלוג ווי די אנ־דערע, אבער פיעל וועניגער עגאָאיסטיש ווי זיי. ביז ניט לאַנג, ווייס איך, האָסטו אַליין אויך געהאַט אַזאַ מיינונג וועגען איהם, ביז דיר האָט זיך גענומען אויסווייזען, אז איך בין צו איהם ניט גלייכגילטיג. אָבער דו גלויבסט דאָך אַליין ניט אין דעם. איך קען דאָך דיך. נו, זאָג אַליין, ווארום זאָל איך זיך אָפּזאָגען פון אַן אונשעדליכען פערגעניגען, איינצולאַדען אהער א מענשען, וואס געפעלט מיר? איבערהויפּט נאָך, ווען איך דארף ניט מורא האָ־בען צו קאָמפּראָמיטירען זיך, דען דו ביזט דאָך דערביי.

זי האָט זיך צולאַכט פונ׳ם גאַנצען הארצען, דען זי האָט גוט געוואוסט, אז מיט די דאָזיגע ווערטער האָט זי איהם אין גאַנצען צוטומעלט, און ער וועט מוזען זיין אייפערזיכטיגען פער־דאכט וועלכער האָט אין איהם שוין לאַנג געשלומערט, ווידער אין זיך פערשטיקען.

ער האָט געשוויגען עטוואס צומישט. ער איז געווען אונ־צופריעדען, אויפגערעגט.

זי האָט צוגעלעגט:

— האָב נור ניט מורא, פּאפּא, קיינעם וועט אפילו ניט איינפאַלען צו דענקען שלעכטס פון מיר, ווען איך צוזאמען מיט מיין פּאפּא, מיט מיין אָנקעל און טאנטע און א גוטען פריינד וועל ארויספאָהרען צו בעקוקען מאָנט סען־מישעל. ווער וועט דאָס

וויסען? און ווען מיר וועלען זיין ווידער אין פאריז, וועלען מיר קענען הערר מאריאל'ען ווידער אָנווייזען זיין פלאַץ צווישען די אנדערע פריינד.

— פון מיינטוועגען — האָט ער געזאָגט — איך וועל שוין מעהר גאָר נישט זאָגען.

זיי זיינען געגאַנגען נאָך א ווײַלע. דאַן האָט הערר פּראדאַן זיך אָנגערופען:

— געהען מיר צוריק? איך בין מיעד און שלעפעריג.

— ניין, איך וועל נאָך א ווײַלינקע שפּאַצירען. די נאַכט איז אזוי שעהן.

ער האָט געזאָגט מיט א הינטערגעדאַנק:

— געה ניט אוועק צו ווייט. מען קען קיינמאָל ניט וויסען, וועמען מען טרעפט דאָ.

— אָה, איך וועל שפּאַצירען דאָ אונטער די פענסטער.

— אויב אזוי, גוטע נאַכט, ליעבעס קינד!

ער האָט זי א קוש געטהאָן אין שטערן און איז פערשוואונדען אינ'ם הויז.

זי האָט זיך געזעצט ניט ווייט אויף א באַנק אונטער אן אייכען־בוים. די נאַכט איז געווען א ווארעמע. דער דופט פון די פעלדער האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם גערוך פונ'ם ים. א לייכטער נעבעל האָט זיך געהויבען אין דער העלער לופט פונ'ם ים, אויף וועלכען די לבנה האָט איהרע שטראַהלען געוואָרפען.

די יונגע פרוי האָט פערבראַכען איהרע הענד איבער די קניע און זיך פערטראַכט. זי האָט זיך בעמיהט צו לעזען אין איהר נשמה, אליין געוואָלט זיך פערשטעהן.

וויפיעל מאָל האָט זי זיך שוין געפרעגט, זיצענדיג אין איהר בודואַר אין פאריז פאַר דעם שפּיגעל: וואס ליעב איך, אייגענטליך? נאָך וואס בענק איך? אויף וואס האָף איך? וואס וויל איך? וואס בין איך?

אויסער דעם וואונש צו געפעלען, וואס דאָס האָט געפאָדערט

איהר אייגען־ליעבע און איהר אייטעלקייט, האָבען קיין אנדערע ערנסטע געפיהלען קיינמאָל איהר הארץ טיעף ניט גערעגט. זי האָט זיך געקאָנט גאַנץ גוט. זי האָט געקענט איהר זעעלע פּונקט ווי איהר פּנים, ווי איהר פיגור, וואס זי איז געוואָהנט געווען צו בעטראַכטען און צו שטודירען. ביז אהער האָט זי זיך אינטערע־סירט מיט זאכען, וועלכע האָבען געהאַט אַן אַלגעמיינעם אינטע־רעס, וואס האָבען אינטערעסירט אנדערע מענשען אויך, מיט די דאָזיגע זאכען האָט זי אָבער קיינמאָל זיך ערנסט ניט הינגעריסען, העכסטענס האָבען זיי אויפגעוועקט אין איהר די נייגעריגקייט.

אמת, עס האָט געטראָפען, אז אמאָל האָט אין איהר הארצען ערוואַכט אַ מעהר אָדער ווייניגער ערנסט געפיהל צו איינעם, בעזונדערס, ווען אַ קאָנקורענטין האָט ביי איהר געוואָלט אוועק־נעהמען אַ מאַן, פון וועלכען זי האָט אַביסעל געהאַלטען, דאַן זיי־נען איהרע ווייבערשע אינסטינקטען אויפגערייצט געוואָרען און דאָס בלוט איז געלאָפען הייסער אין איהרע אָדערען, און עטוואס, עהנליך צו אַן ערנסט געפיהל, האָט ערוואַכט אין איהר הארצען צו יענעם מאַן. אָבער דאָס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. פאַר־וואס? עס האָט זי מיעד געמאַכט, עס האָט איהר געעקעלט. אפשר, ווייל דער פערשטאַנד האָט בעהערשט איהר געפיהל. אַלס־דינג, וואס איז איהר צוערשט געפעלען געווען אין דעם מאַן, אַלצ־דינג וואס האָט זי בעוועגט, גערייצט, הינגעריסען, האָט זיך איהר באַלד אויסגעוויזען גאַנץ געוועהנליך, אַלט, באַנאַל און ניט אינטע־רעסאַנט. די דאָזיגע מענער זיינען דאָך אַלע געווען די זעלביגע, און ביז אהער האָט זי נאָך קיין איין מאַן ניט געטראָפען, וואס זאָל מיט זיין כאַראַקטער און אייגענשאַפטען זי הינרייסען אויף אַ לענגערע צייט און מאַכען אויף איהר אַן אמת טיעפען, ערנסטען איינדרוק.

פאַר וואס איז עס אזוי? זיינען אין דעם שולדיג געווען די מענער אָדער זי אַליין? האָט זיי געפעהלט דאָס, וואס זי האָט געזוכט, אָדער האָט איהר געפעהלט דאָס, וואס צינדעט אָן די ליעבע

אין דעם מענשען? ליעבט מען, ווייל איין מענש האט געטראפען א צווייטען, וועלכער ווייזט זיך איהם אויס, איז געשאפען געווארען פאר איהם, אדער ליעבט מען, ווייל מען איז איינפאך געבארען גע־ווארען מיט דער פעהיגקייט צו ליעבען? מאנכעסמאל האט זיך איהר אויסגעוויזען אזוי ווי די הערצער פון די אנדערע האבען גע־האט ארמס, פונקט ווי דער קערפער, צארטע, אויסגעשטרעקטע ארמס, אום זיך צו ציהען, צו אומארמען און צו האלזען, נור איהר הארץ האט עס ניט געהאט, איהר הארץ האט געהאט נור אויגען.

מיט וועהטאג און קנאה האט זי בעמערקט אין דער געזעל־שאפט מענשען, פרויען און מענער, אין וועמעס הערצער איז פארגעגאנגען עפעס אונגעוועהנליכעס. זיי האבען געזוכט דאס צו בעהאלטען. אבער זי, מיט איהר פיינעם אינסטינקט, האט עס געפיהלט און עס געזעהן אויף זייערע געזיכטער, אין זייער שמיי־כעל, אין זייערע בליקען. עס איז געלעגען אין דעם עטוואס הער־ליכעס, אונווידערשטעהליכעס, עטוואס פון טיעפען גליק, עטוואס, וואס האט בעלויכטען מיט נשמה־שטראהלען דעם גאנצען מענשען.

אליין ניט וויסענדיג ווארום, האט זי זיך פון דעם געערגערט. פערליעבטע האבען זי אלע מאל גערייצט. זי האט געפיהלט א טיעפע פעראכטונג געגען מענשען, וואס זיינען פערליעבט געווען.

זי אליין איז זיכער געווען, אז זי וואלט זיך ניט געקענט פער־ליעבען אין א מאן ביז צום פערגעסען זיך. און דאך, ווי אפט האט זי געטרוימט צו בעגעגנען דעם מאן, וואס וואלט זי קענען בעזיעגען כאטש אויף א קורצע צייט, אויף א פאר מאנאטען, דעם מאן, וואס זאל אויפטרייסלען איהר גאנצע נשמה, וואס זאל בע־דווישען איהרע אלע געדאנקען.

זי האט די דאזיגע בעגעגנונג ניט נור געוואונשען, נור זי גע־זוכט. אבער יעדעס מאל, ווען זי האט שוין געמיינט, אז זי האט געטראפען אן אויסערגעוועהנליכען מאן, האט זי זיך באלד אין איהם ענטטוישט. זי האט צופיעל פערלאנגט פון אזא מאן, פון זיינע מאנערען, זיין כאראקטער, זיינע געפיהלען, זיינע אייגענ־

שאפטען. ביי יעדען האט זי געפונען מעהר פעהלערען ווי מעלות. זי האט ניט געקענט זיך פערליעבען אין א מענשען צוליעב זיין טאלענט אליין, ווייל דער טאלענט איז אין איהרע אויגען געווען ניט מעהר ווי א מתנה פון גאט, ווי צום ביישפיעל, א שארפע אויג, א גוטער מאגען, און דערפאר האט זי צום טאלענט פערלאנגט נאך א מענשען מיט אנדערע מעלות אויך.

דאך, זייט זי האט געטראפען מאריאל'ן, האט זי זיך צוגע־בונדען צו איהם אויף א גאנץ אנדער שטייגער. אבער האט זי איהם טאקי געליעבט? האט זי איהם געליעבט מיט איהר הארץ? ער, מאריאל, א מענש אהן בעזונדערע אייגענשאפטען, אהן א נאמען, האט איהר הארץ געוואונען דורך זיין איבערגעבענהייט, דורך זיין צערטליכקייט, דורך זיין אינטעליגענץ, דורך זיין אנ־ציהענדע פערזאן. ער האט איהר הארץ געוואונען, ווארים זי האט נאכאנאנד געטראכט פון איהם, נאכאנאנד געבענקט נאך איהם, קיינער אויף דער וועלט איז איהר ניט געווען אזוי אנגענעהם, אזוי סימפאטיש, אזוי נויטיג ווי ער. איז דאס געווען די ליעבע?

זי האט ניט געפיהלט אין זיך יענעם פייער, פון וועלכען מענ־שען ריידען. אבער זי האט צום ערשטען מאל געפיהלט אין זיך דעם ערנסטען וואונש צו זיין דעם דאזיגען מענשען מעהר ווי א פערפיהרערישע פריינדין. האט זי איהם געליעבט? מוז א מענש, אום מען זאל איהם ליעבען, זיין אן אויסערגעוועהנליכער מענש, גאנץ אנדערש ווי די אנדערע? מוז ער שטעהן העט הויך איבער די אנדערע מיט זיין אויסערגעוועהנליכקייט? אדער עס איז גענוג, אז ער געפעלט נור, מעג ער אפילו זיין א גאנץ גע־וועהנליכער מענש?

אויב אזוי, אויב מען קען זיך פערליבען אין א געוועהנליכען מענשען, ווען ער איז נור געפעלען, דאן ליעבט זי מאריאל'ן, אדער איז כמעט אין איהם פערליעבט. און אריינטראכטענדיג זיך טיעפער אין דעם, האט זי זיך ענדליך געזאגט: „יא, איך ליעב איהם, אבער דער שוואונג פעהלט מיר, די ליידענשאפט.“

און דאָך האָט זי פריהער פון יענעם שוואונג עטוואס אין זיך געפיהלט, בעת זי האָט איהם בעגעגענט אויף דער טעראסע פון׳ם שטאָדט־פארק. צום ערשטען מאָל האָט זי אין זיך דער־שפירט יענעם עפּעס, וואס ציהט אונז צו עמיצען, וואס טרייבט און שלעפּט אונז צו עמיצען. עס האָט איהר געפרעהט צו געהן נעבען איהם, צו פיהלען איהם נעבען זיך. און א מערקווירדיגער חשק האָט זי אָנגענומען, איהר קאָפּ אָן זיין שולטער אָנצושפארען, צוצודריקען זיך צו איהם פעסט, פעסט, צו לעבען פאר איהם, אין איהם, מיט איהם, אָפּגעבען איהם איהר גאנצען „איך.“

יא, זי האָט זיך געפיהלט צו איהם צוגעצויגען, און אין דעם דאָזיגען מאָמענט, זיצענדיג אינ׳ם גאָרטען, האָט דיזער שוואונג נאָך געציטערט אין דער טיעפעניש פון איהר הארצען. זי דארף זיך נור ניט וועהרען געגען איהם, דאן צופלאמט ער זיך אין ליע־בע. זי האָט זיך אָבער זעהר געוועהרט געגען איהם, האָט זיך צופיעל איבערלעגט. וואלט ניט געווען רייצענד צו שפּאצירען מיט איהם, מיט מאריאל׳ן, אין אזא נאכט ווי היינט, ארום ים, צי צווישען די ביימער, און אויסדריקען איהר גאנצע ליידענשאפט דורך קושען, ליפּ צו ליפּ?

א פענסטער האָט זיך געעפענט. זי האָט א קעהר געטהאָן דעם קאָפּ. עס איז געווען איהר פאָטער, וואס האָט זי קאָנטיג געזוכט.

זי האָט זיך אָנגערופען:

— דו שלאָפסט נאָך ניט?

ער האָט געענטפערט:

— דו וועסט זיך פערקיהלען, קום אריין.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז אריין אין הויז. אין איהר צימער האָט זי ארויפגעצויגען די פאָרהאנגען און ארויס־געקוקט אויפ׳ן ים, פון וועלכען דער נעבעל האָט זיך אינ׳ם לבנה־שיין אָליץ העלער און העלער געצויגען, און עס האָט זיך איהר אויס־געוויזען, אזוי ווי איהר נשמה וואָלט דעם נעבעל פון זיך אויך

אויסגעהויכט אין דעם ווארימען שיין פון דער ערוואכענדיגער ליעבע.

אָבער זי האָט געשלאָפען געשמאַק, און די דיענסט האָט זי געמוזט אויפוועקען, ווייל עס איז שוין צייט געווען צו פאָהרען צום מאָנט סען־מישעל.

א גרויסער וואָגען איז צוגעפאָהרען. זי האָט דערהערט זיין סקריפען אויף דעם זאמד פאר דעם הויז, האָט זי זיך ארויסגע־בויגט פונ'ם פענסטער און איהרע אויגען האָבען זיך גלייך גע־טראפען מיט מאריאל'ס, וועלכער האָט ארויפגעקוקט צו איהר. איהר הארץ האָט גענומען קלאַפען, און זי האָט א טראַכט גע־טהאָן פערוואונדערט און אביסעל אונצופריעדען: — איך בין טאקי ערנסט אין איהם פערליעבט.

דערנאָך, ווען זי איז ארונטערגעגאנגען און ווען זי האָט דער־זעהן, ווי ער ליעבט זי, ווי ער איז קראַנק פאר ליעבע, האָט זי גע־פיהלט, ווי צו ווארפען זיך איהם אויפ'ן האלז און איהרע ליפען איהם אָנצובאָטען.

זי האָט אָבער נאָר א בליק געטהאָן אויף איהם און דער דאָזיגער בליק האָט איהם געמאכט ציטערען פאר גליק.

אין א ווייל'ע ארום זיינען זיי שוין געווען אויפ'ן וועג צום מאָנט סען־מישעל. עס איז געווען א העלער זומערדיגער פריה־מאָרגען. די פייגעלאך האָבען געזונגען, א פרעהליכע פרישקייט איז געלעגען איבער דער לאַנדשאַפט. זיי זיינען געפאָהרען דורך דערפער, איבער א שמאָלען שטייניגען וועג, און דער וואָגען האָט זיי אזוי גוט דורכגעטרייסעלט.

זיי האָבען א היבשע צייט געשוויגען, ביז מאדאם דע בורן האָט גענומען שפּאַסען מיט איהר אָנקעל וועגען דעם שלעכטען וועג. דאַן האָבען זיי אַלע גענומען ריידען און שפּאַסען, און די פרעהליכקייט, וואס איז געלעגען איבער דער לאַנדשאַפט, האָט דאַכט זיך אין זייערע הערצער אויך אריינגעדרונגען.

פּלוצים, ווען זיי זיינען ארויסגעפאָהרען פון א קליינעם דער־

פעל, האָט דער ים ווידער אַרויסגעטראָטען פאר זיי, איצט ניט אַזוי רויטליך ווי נעכטען פאַרנאַכט, נור אַ גלאַנציגער, טרייבענדיג זיינע בלישטשענדיגע כוואַליעס ווייט איבער'ן זאַמדיגען ברעג.

אַ שטונדע לאַנג זיינען זיי געפאָהרען טריט ביי טריט, ווייל אַ שטיק ווייטער דאָרט איז דער וועג פערפלייצט געוועזן פונ'ם וואַסער און זיי האָבען געמוזט לאָזען צייט דעם ים, אָפּצוטרעטען פונ'ם ברעג.

צווישען די ביימער פון די פּאַרמס, פּערביי וועלכע זיי זיינען געפאָהרען, האָט זיך יעדע ווײַלע בעוויזען און צוריק פערשוואונדען דער קלויסטער פון מאַנט סען־מישעל, שטעהענדיג הויך אויף אַ פעלז, איצט אין גאַנצען אַרומגערינגעלט פונ'ם ים. דאַן האָט ער ווידער אַרויסגעטראָטען צווישען צוויי פּאַרמס נעהנטער און גראַנדיעזער. די זון האָט פערגאָסען מיט אַ גאָלדענעם שיין דעם געשניצטען גראַניט־קלויסטער דאָרט אויפ'ן פעלז.

מאַדאַם דע בורן און מאַריאַל האָבען זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דעם וואונדערפולען קונסט־ווערק דאָרט הויך. דערנאָך האָבען זיך זייערע אויגען בעגעגענט און אין זיי האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט די בעוועגונג פון זייערע הערצער.

פּלוצים האָט זיך דער וואָגען אָפּגעשטעלט. דער ים האָט איבער'ן וועג אַריבערגעשפּרייזט, האָט אַ פליסיגען שוים איבער איהם צושפּרייט. זיי האָבען געמוזט וואַרטען.

— דאָס וואַסער וועט באַלד צוריק אַוועקגעהן אין ים! — האָט הערר באַלזאַקי געזאָגט און ער האָט אָנגעוויזען מיט אַ פינגער דעם וועג, איבער וועלכען דאָס וואַסער האָט זיך צוריקגעצויגען, אַזוי ווי עס וואָלט פון דער ערד איינגעזויגט געוואָרען אָדער פון אַ גוואַלדיגער געהיימער קראַפט פון ווייטען צוריק געשלעפּט געוואָרען.

זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען פונ'ם וואָגען, אום צו זעהן פון נאָהנט דאָס דאָזיגע מערקווירדיגע שנעלע צוריקציהען זיך פונ'ם ים.

אָט האָבען זיך שוין בעוויזען גרינע פלעקען פון ים־גראָז. די פלעקען האָבען זיך פערגרעסערט, זיינען געווארען רונדער און האָבען זיך צוזאַמענוואַקסען אין גאַנצע אינזלען. די דאָזיגע אינזלען האָבען באַלד אויסגעזעהן ווי פעסטעס לאַנד. און באַלד האָט דאָס וואַסער פון דעם גאַנצען ברעג, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקאָנט זעהן, זיך צוריקגעצויגען, און עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי מען וואָלט אַרונטערגעצויגען פון דער ערד אַ זילבערנעם שלייער, אַ גוואַלדיגען דורכגעלעכערטען, צוריסענעם שלייער, דורך וועלכען עס האָבען זיך דורכגעזעהן שטיקלעך גרינע לאַנקעס.

זיי זיינען ווידער אַריינגעקראַכען אינ'ם וואַגען. אָבער אַלע זיינען געבליבען שטעהן, אום בעסער צו זעהן. אַזוי ווי דער וועג איז שוין איצט געווען טרוקען, זיינען זיי ווייטער געפאָהרען, אָבער ווידער טריט ביי טריט. און אַזוי ווי דער וואַגען האָט שטאַרק געטרייסעלט און עס איז שווער געווען איינצושטעהן און איינצוהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט, האָט מאַריאַל פלוצים דערפיהלט אויף זיין שולטער מאַדאַם דע בורן'ס אַקסעל.

אַפריהער האָט ער געמיינט, אַז די דאָזיגע בעריהרונג איז צופעליג אַרויסגעבראַכט דורך דעם טרייסלען פונ'ם וואַגען, אבער זי האָט זיך ניט אָפגערוקט פון איהם און ביי יעדען נייעם טרייסעל פונ'ם וואַגען, האָט זיך איהר אַקסעל אַלץ נעהענטער געדריקט צו זיינעם. ער האָט גענומען ציטערען. ער האָט ניט געוואַגט זי אָנצוקוקען, אינ'ם קאָפ האָט זיך איהם געמישט און ער האָט געטראַכט: איז דאָס ניט אַ חלום? איז דאָס מעגליך? פערלירען מיר ביידע אונזער פערשטאַנד?

די פערד האָבען גענומען לויפען און זיי האָבען זיך געמוזט זעצען. דאָ האָט מאַריאַל דערפיהלט אַ דרינגענדע בעדירפניש צו זיין ליעבענסווירדיג צו הערר פראַדאַן. און ער האָט זיך געווענדעט צו איהם און האָט אָנגעפאַנגען איהם צו שמייכלען, צו חנפה'נען. הערר פראַדאַן האָט דאָס ניט וועניגער ליעב געהאַט ווי זיין טאָכטער, און מאַריאַל'ס שמייכלערייען האָבען אויף איהם

געווירקט, און באלד האָט ער גאָר פריינדליך געקוקט אויף דעם יונגען מאַן.

דער הויכער קלויסטער האָט ארויסגעטראָטען אלץ געהענטער און דייטליכער. הויך, אונטערן בלויען הימעל, האָט זיך געהויבען דער גלאָקען־טורם מיט זיינע אַנדערע טורעמלאַך. דער שפּיץ פונ׳ם קלויסטער איז ארויסגעטראטען מיט זיינע פערשיעדענע פיגורען און מורא׳דיגע פרצופ׳ס, מיט וועלכע דער אבערגלויבען פון דער אלטער וועלט האָט די גאָטישע הייליגטימער בעציערט.

אַ זייגער איינס זיינען זיי אָנגעקומען אינ׳ם האָטעל, אין וועלכען זיי האָבען געהאט בעשטעלט עסען. דאָס עסען איז נאָך ניט פארטיג געווען, ווייל די בעל הבית׳טע פונ׳ם האָטעל איז ניט זיכער געווען, אויב זיי קומען, און זיי האָבען געמוזט ווארטען. ווען זיי האָבען זיך געזעצט צום טיש, זיינען זיי געווען גוט אויסגעהונגערט. דער שאמפּאַניער האָט זיי באַלד אלעמען פרעהלאך געמאכט.

אלע האָבען זיך געפיהלט צופריעדען, און צוויי הערצער האָבען זיך געפיהלט כמעט גליקליך. נאָכ׳ן עסען האָט זיך מאריאל אָנגערופען:

— אפשר זאָלען מיר גאָר דאָ פערבלייבען ביז מאָרגען? איך שטעל מיר פאָר, ווי שעהן דאָ מוז זיין ביים לבנה־שיין און זיכער געווען, אויב זיי קומען, און זיי האָבען געמוזט ווארטען. אמאָל דאָ צוזאמען פערברענגען.

מאדאם דע בורן האָט גלייך אָנגענומען זיין פאָרשלאג; די ביידע העררען האָבען אויך צוגעשטימט. נור מאדאם באַלזאקי האָט זיך געקווענקעלט צוליעב איהר קליינעם אינגעלע, וואס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. אבער איהר מאן האָט זי בערוהיגט און איהר דערמאָנט, אז ניט דעם ערשטען מאָל נעכטיגען זיי ניט אין דער היים. ער האָט זאָגאר אליין מיט די אייגענע הענד אוועקגעשיקט א טעלעגראמע צו דער גובערנאַנטין, אז זיי

פערבלייבען איבער נאכט אינ׳ם האָטעל און זי זאָל דאָרט אכטונג געבען אויף׳ן אינגעל. מאריאל, וועלכער האָט פערשטאַנען, ווי אזוי איהם צו „נעהמען”, איז איהם שטאַרק געפעלען געוועזן.

דערנאָך זיינען זיי אויפגעשטאַנען און אוועק, צו בעקוקען דעם קלויסטער.

די שטאָדט, א גרופּע אלט־פראַנקישע הייזער, אויף דעם ריי־זיגען גראַניטען־באַרג, וועלכער טראָגט אויף זיין שפּיץ דעם בעריהמטען קלויסטער, איז פון דעם זאמד אפּגעטיילט דורך א הויכע וואנד פון געהובעלטע שטיינער. די דאָזיגע וואנד ציהט זיך ארום די אַלטע שטאָדט מיט עקען, ווינקלען, פּלאַטפאַרמען און וואך־טורעמס. אויף שריט און טריט האָט זיך פאַר דאס בעצויבערטע אויג געעפענט א נייע ווייטע אויסזיכט איבער דעם אונענדליכען האָריזאָנט. מען האָט געשוויגען, דען אַלע זיינען ערשטוינט געווען פון דער וואונדערבאַרער געביידע, וועלכע זיי האָבען שוין אמאָל געהאַט געזעהן אדער צום ערשטען מאָל געזעהן.

הויך איבער זיי, אונטער׳ן בלויען הימעל, האָט זיך געצויגען א געפלאָכטענע קייט פון גראַניטען־בלומען, פון בויגענס און פּיי־לען, וועלכע האָט פערבונדען איין טורם מיט׳ן אַנדערען. א גוואַל־דיגע געביידע, בעציערט מיט א גאַנצער אַרמיי פון פאַנטאַסטישע וואסער־חיות, וועלכע האָבען זיך ווי געריסען אוועקצופליהען אין דער הויך. דאָרט וואו די הייזער האָבען אויפגעהערט, אויף דער נאָרט־זייט, האָט זיך געצויגען פונ׳ם קלויסטער ביז ארונטער צום ים א טיעפער אַבהאַנג; מען האָט איהם גערופען דער וואלד, ווייל ער איז ארומגערינגעלט געווען פון אַלטע ביימער און האָט זיך אפּגעצייכענט פונ׳ם ווייסען זאמד ווייט אונטען, ווי א טיעף־דונקעלער פלעק.

מאַדאם דע בורן און מאַריאַל, וועלכע זיינען געגאַנגען אין פאָראויס, זיינען געבליבען שטעהן, אום אַלצדינג צו בעקוקען. זי האָט זיך אַנגעשפּאַרט אויף זיין ארם און געפיהלט אזוי גוט און לייכט ווי זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט. לייכט איז זי

געגאנגען צו דער דאָזיגער געביידע, לייכט, פרעהליך און פער־חלום׳ט. און זי וואָלט נאָך ווייטער געגאנגען, געגאנגען און גע־גאנגען, פון איהרטוועגען וואָלט זיך דער שמאָלער וועג קיינמאָל נאָר נים געענדיגט. צום ערשטען מאָל איז זי געווען אזוי גליקליך, אמת גליקליך.

זי האָט געפּליסטערט:

— גאָט, ווי שעהן דאָס איז!

ער האָט זי אָנגעקוקט און געענטפערט:

— איך טראַכט נור פון אייך.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און ווייטער גערעדט:

— איך בין ניט זעהר פּאָעטיש, אָבער די דאָזיגע שעהנקייט מאַכט מיך אויך פיהלען פּאָעטיש.

ער האָט ארויסגעשטאַמעלט:

— איך ליעב אייך, איך ליעב אייך משוגע!

ער האָט דערפיהלט, ווי זי האָט שטיל איהם דעם ארם אַ דריק געטהאָן. זיי זיינען אוועק ווייטער.

ביי דער טיר פון׳ם קלויסטער האָט זיי בעגעגענט אַ וועכ־טער. און זיי זיינען ארויפגעגאנגען אויף יענע וואונדערפולע טרעפּ צווישען צוויי ריזען־טורעמס, וואס האָבען געפיהרט צום זאַאל פון די וועכטער. דערנאָך זיינען זיי געגאנגען פון זאַאל צו זאַאל, פון הויף צו הויף, פון צעלע צו צעלע, האָבען אלצדינג בעקוקט, בעטראַכט, בעוואונדערט. דאן ערשט זיינען זיי אריינגע־קומען אין קלויסטער. זיי זיינען אזוי ערשטוינט געווארען, דאס זיי זיינען געבליבען שטעהן, דערזעהענדיג דעם דאָזיגען גרויסען, פיער־עקיגען קלויסטער־הויף, ארום וועלכען עס האָבען זיך געצוי־גען די פּרעכטיגסטע זיילען פון וועלכען ניט איז קלויסטער אויף דער וועלט. אין צוויי רייהען זיינען געשטאַנען די דאָזיגע זיילען אין דער גאנצער לענג פון די פיער גאַלערעען, וועלכע זיינען בע־פוצט געווען מיט צירונגען פון פערשיעדענע פאָרמען און ווערטה,

די שאפונג פון די אלטע מייסטער, וואס האבען זייער פאנטאזיע און געדאנקען פעראייביגט אין שטיין.

מאדאם דע בורן און מאריאל זיינען געגאנגען ארום און ארום מיט לאנגזאמע טריט. ער האט זי געפיהרט, וועהרענד די אנדערע האבען זיך אפגעשטעלט און בעוואונדערט פון ווייטען.

— גאט, איז דא שעהן! — האט זי געזאגט און זיך אפגע־שטעלט.

ער האט געענטפערט:

— איך ווייס גאר ניט אויף וואס פאר א וועלט איך בין, אויב איך לעב, וואס איך זעה. איך פיהל נור אייך נעבען זיך, נור אייך.

דא האט זי איהם א קוק געטהאן אין די אויגען אריין, א שמייכעל געטהאן און ארויסגעפליסטערט:

— אנדרע!

ער האט דערפיהלט, אז זי האט זיך אונטערגעגעבען. זיי האבען מעהר ניט גערעדט און זיינען אוועק ווייטער.

די געביידע האבען זיי ווייטער בעקוקט שוין ניט מיט אזא אויפמערקזאמקייט ווי פריהער. אבער דא האט זי דערזעהן טרעפ, וואס האבען געפיהרט הויך ארויף אונטערן פרייען הימעל צו צוויי גלאקען־טורעמס. דער וועג איבער די טרעפ איז געווען א שווערער, א שמאלער און א דרעהענדיגער, כמעט אהן פארענטשען. און אונטען איז געהאנגען דער טיעפער, שווארצער אפגרונד. דער דאזיגער וועג האט געהייסען „דער וועג פון משוגעים.”

— מעג מען געהן אויף די טרעפ? — האט זי נעפרעגט.

— עס איז פערבאטען! — האט דער וועכטער געזאגט.

זי האט איהם געוויזען א צוואנציג פראנק שטיק. דער מאן האט זיך א ווייל געקווינקעלט און דערנאך פארט צוגענומען די מטבעה. די גאנצע פאמיליע, וועלכע איז געווען צושראקען פון דעם שווארצען אפגרונד וואס האט פון אונטען ארויפגעקוקט, האבען זיך געשטעלט דאגעגען און ניט געוואלט זי לאזען געהן.

זי אָבער האָט זיך געווענדעט צו מאריאל׳ן:

— האָט איהר אויך מורא?

ער האָט זיך צולאַכט:

— איך בין שוין אויף שווערערע וועגען געגאַנגען.

און זיי זיינען אוועק, ער פאראויס אויף דעם שמאָלען וועג, ביים סאַמען ברעג פונ׳ם אָפּגרונד, זי הינטער איהם, שאַרענדיג זיך אַרום דער וואַנד מיט צוגעמאַכטע אויגען, אום דעם מורא׳דיגען אָפּגרונד אונטער זיך ניט צו זעהן. איצט האָט זי אביסעל מורא געהאַט און זיך קראַמפּהאַפט אָנגעהאַלטען אָן זיין האַנד, וואָס ער האָט צו איהר אויסגעשטרעקט. אבער זי האָט געפיהלט, אַז ער איז שטאַרק, אַז ער טרעט מיט פעסטע, זיכערע טריט. און זי האָט, טראָץ דער מורא, אַ גליקליכע געטראַכט: „אָט דאָס איז אַ מאַן! זיי זיינען איצט געווען אליין אין דער הויך, אַזוי הויך ווי די ים־פויגלען קענען פליהען, און זיי האָבען געזעהן דעם זעגעל־ביגען ווייטען שטח, וואָס די דאָזיגע רויב־פויגלען מיט די ווייסע פליעגלען און געלע אויגען זעהען, בעת זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אַזוי הויך אין דער לופטען.

מאריאל האָט דערפיהלט, אַז זי ציטערט און האָט געפרעגט:

— דער קאָפּ דרעהט אייך?

זי האָט געענטפערט שטיל:

— אביסעל, אָבער מיט אייך האָב איך ניט מורא.

דאָ איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און זי אָנגענומען ביי דער טאַליע, אום זי צו שטיצען. און זי האָט זיך ווידער דערפיהלט דורך דעם דאָזיגען פעסטען האַלט אַזוי שטאַרק, דאָס זי האָט געוואַגט אַ קוק צו טהאָן אין די ווייטקייט אַרום.

ער האָט זי כמעט געטראַגען, און זי האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען זיין שוץ. ער האָט זי אונטער׳ן הימעל געפיהרט און זי האָט איהם אין איהר האַרצען בעדאַנקט.

שפּעטער אַ ווייל, ווען זיי זיינען ווידער געשטאַנען נע־

בען יענע, וואס האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף זיי, האָט הערר פּראַדאָן זיך אָנגערופען צו זיין טאָכטער:

— אזא ווילדע זאך צו טהאָן, דארף מען קענען!

זי האָט געענטפערט:

— אז עס גליקט אָפּ, איז עס גאָר ניט קיין ווילדע זאך, פּאפּא!

ער האָט א דריק געטהאָן די אקסלען און זיי זיינען אוועק צוריק. אויפ'ן וועג האָבען זיי זיך נור אָפּגעשטעלט צו קויפען פאָטאָגראַפישע בילדער.

ווען זיי זיינען געקומען אין האָטעל, איז דאָס עסען נאָך ניט געווען פארטיג און די בעל הבית'טע האָט זיי געראַטהען זיי זאָלען דערווייל‍ע בעקוקען מאָנט סען־מישעל פון דער זייט פונ'ם ים. די גאנצע געזעלשאַפט איז דאן אוועק צום ברעג פונ'ם ים, האָט געטראַכטען איבער דעם ווייכען געלען זאמד, אין וועלכען די פיס האָבען טיעף געזונקען.

פון דאַנען אויס האָט די וואונדערפולע געביידע ניט אויס־געזעהן ווי א קלויסטער, נור ווי א גוט־בעפעסטיגטער שלאָס, ארומ־גערינגעלט מיט א דיקער, הויכער, שטיינערנער וואנד.

מאַדאַם דע בורן און מאַריאַל האָבען זיך מעהר אין גאנצען מיט דעם ניט אינטערעסירט; זיי זיינען צופיעל ארייננעטהאָן גע־ווען אין זיך אליין, צאַפּלענדיג זיך אין דעם נעץ, וואס זיי האָ־בען פערוואָרפען איינער דעם אנדערען, איינגעשלאָסען אין יענעם געפענגניס, אין וועלכען מען פערגעסט אָן דער גאנצע וועלט און מען פיהלט נור איין איינציג וועזען.

שפּעטער, ווען זיי זיינען געזעסען פאר דעם געפילטען טעלער ביים וואַרימען שיין פון דעם לאָמפּ, האָט דער הונגער זיי ווידער אויפגעוועקט און זיי האָבען געגעסען מיט אפּעטיט.

לאַנג זיינען זיי געזעסען ביים טיש און האָבען זיך פרעהלאך אונטערהאַלטען. אין דרויסען האָט די לבנה געשיינט און האָט מיט איהרע שטראַהלען בעזילבערט דעם ים, דעם באַרג, די קירכע,

קיינער פון זיי האט אבער קיין חשק ניט געהאט, ארויסצוגעהן זעהן דאס דאזיגע פּאַטעטישע בילד.

א זייגער צעהן האט מאדאם באלזאקי פאַרגעלעגט צו געהן שלאָפען. קיינער איז ניט געווען געגען דעם. מען האט זיך גע־זאָגט גוטע נאכט און יעדער איז אוועק אין זיין צימער.

מאריאל האט גוט געוואוסט, אז ער וועט ניט קענען שלאָ־פען. ער האט אָנגעצונדען צוויי ליכט אויפ'ן קאמין, געעפענט דאס פענסטער און אין די נאכט ארויסגעקוקט.

זיין גאנצער קערפּער האט געציטערט און ער האט טיעף גע־ליטען מיט זיין גאנצער נשמה ביי דעם געדאנק, אז אומזיסט האפט ער. ער האט געוואוסט, אז זי געפינט זיך נאָהנט, א צוויי טי־רען פון זיין צימער. אָבער צוקומען צו איהר איז געווען כמעט אזוי שווער, ווי דער ים וואלט צווישען זיין צימער און איהרען געלעגען. די שטילקייט פון זיין אייגענעם צימער האט איהם אזוי געשטיקט, דאס ער האט שיער ניט אָנגעהויבען צו שרייען.

באלד איז אין דעם גאַנצען האָטעל שטיל געווארען און בים־לעכווייז אויך אויף דער איינציגער גאס פון שטאָדט. מאריאל איז נאָך אלץ געשטאַנען ביים פענסטער. ער האט געזעהן, ווי די זיל־בער־גלענצענדע כוואליעס פונ'ם ים רוקען זיך אלץ ווייטער און ווייטער אויפ'ן זאמדיגען ברעג. און ער איז געשטאַנען אזוי נאָך א היבשע ווייל, אקוראט ווי ער וואלט אויף עפּעס געווארט.

פּלוצים האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי ער וואלט געהערט א דרעהע פון דעם טיר־שלאָס. די טיר האט זיך לאנגזאם גע־עפענט, א פרוי איז אריינגעקומען, מיט א ווייסען שלייער אי־בער'ן קאפּ, אין א לאנגען שלאָף־ראָק, וועלכער איז אין גאנצען ווי געמאכט געווען פון זייד, קעזשימיר און שנעע. זי האט זאָרג־פעלטיג פערשלאָסען די טיר הינטער זיך. דערנאָך, אזוי ווי זי וואלט איהם ניט גענוג קלאָר געזעהן אין דעם העלען שיין פון דער לבנה, וואס איז געפאלען אויף דאס פענסטער, נעבען וועלכען ער איז געשטאַנען, איז זי צוגעגאַנגען צום קאמין און פערלאָשען ביידע ליכט.

V

אויף מארגנען האבען זיי זיך פאר דער טיר פונ'ם האטעל געזעגענט. מאריאל איז דער ערשטער ארונטערגעקומען און גע־ווארט אויף איהר אן אויפגערעגטער און אונרוהיגער. וואס וועט זי טהאן? וואס וועט איצט זיין? וואס וועט פון זייביידע איצט ווערען? איז דאס אן אנפאנג פון גליק אדער אונגליק? דאס הענגט אין גאנצען אפ פון איהר, זיין גליק ווי זיין אונגליק איז אין איהרע הענד.

ער איז געשטאנען נעבען דיביידע וואגענס, וועלכע האבען זיי געדארפט צושיידען. ער האט געדארפט פאהרען ווייטער, כדי זיין ליגען ניט ארויסצוגעבען, און זי האט געדארפט פאהרען אין אווערגנטשעס צוריק צוזאמען מיט איהר פאטער, אנקעל און טאנ־טע.

ווען וועט ער זי ווידער זעהן? וועט זי נאך לאנג פערבלייבען ביי איהרע קרובים אין אווערגנטשעס אדער וועט זי וועלען זיין באלד אין פאריז?

ער האט זיך שטארק געשראקען פאר איהר ערשטען בליק, פאר איהר ערשטען ווארט, ווארים ער האט זי ניט געזעהן און זיי האבען זיך כמעט גאר נישט געזאגט, ווערהענד דער קורצער צייט פון זייער ליעבעס־געגנוס די דאזיגע נאכט. זי האט זיך איהם אפ־געגעבען, אבער מיט שעהמעוודיגער צוריקגעהאלטענקייט, איז מיט איהם לאנג ניט פערבליבען, האט שטיל, מיט לייכטע טריט פון זיין צימער זיך ארויסגע'גנב'עט און געפליסטערט:

— ביז מאָרגען, מיין געליעבטער.

פון יענער קורצער, מערקווירדיגער בעגעגעניש האָט זיך ביי מאריאל'ען אָפּגעשטעלט א געפיהל פון ענטטוישונג, ווי ביי א מאן, וועלכער האָט נור די ברעגען פון דעם היים-בעגעהרטען ליעבע־כוס בעריהרט.

ער האָט דערהערט איהר קול און גענומען ציטערען. זי האָט גערעדט הויך, האָט זיך וועגען עפּעס געשפּארט מיט איהר פאָטער און ווען ער האָט זי דערזעהן אויף דער אונטערשטער טרעפּ, האָט ער גלייך בעמערקט, אז זי ערגערט זיך עפּעס.

מאריאל איז איהר געגאנגען אנטקעגען. זי האָט איהם דער־זעהן און גענומען שמייכלען. אין איהרע פּלוצים בערוהיגטע אויגען האָט זיך צוגאסען א ווארימקייט, וואס האָט אָפּגעשיינט אויף איהר גאנצען פּנים. דערנאָך האָט ער דערפיהלט אין דעם צארטען דרוק פון איהר האנד די בעשטעטיגונג, אז זי האָט ניט חרטה אויף דעם, וואס זי האָט זיך איהם די נאכט אָפּגעגעבען.

— מיר וועלען זיך אלזאָ צושיידען! — האָט זי געזאָגט.

— יא, מאדאם. איך לייד דערפון פיעל מעהר, ווי איך קען ארויסווייזען.

זי האָט ארויסגעפּליסטערט:

— ניט אויף לאנג!

ווען הערר פּראראן איז ארונטערגעקומען, האָט זי שטיל גע־זאָגט צו מאריאל'ן:

— זאָגט זיי, אז איהר וועט נאָך אויף צעהן־צוועלף טעג אוועקפאָהרען אין ברעטאן, איהר זאָלט אָבער ניט פאָהרען.

מאדאם באלזאקי איז ארונטערגעקומען אן אויפגערעגטע:

— איך האָב ערשט געהערט פון דיין פאָטער, אז דו ווילסט אונז איבערמאָרגען פערלאזען. בלייב ביי אונז כאָטש ביז מאָנ־טאג.

מאדאם דע בורן האָט געענטפערט אין אן ערנסטען טאָן:

— איך ווייס ניט וואָס פּאפּא וויל פון מיר. איך בעקום

אימער, ווען איך וואָהן נור א קורצע צייט נעבען ים, נעווראַלגיע. וויל ער, איך זאָל קראַנק זיין? אָבער בעסער ווערען מיר פון דעם איצט ניט ריידען.

מאַריאַל׳ס קוטשער האָט זיך געאיילט צו פאָהרען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט פערזאַמען דעם צוג.

מאַדאַם דע בורן האָט א פרעג געטהאָן:

— ווען דענקט איהר צו זיין אין פאַריז צוריק?

מאַריאַל האָט א ווײַלע זיך מיישב געווען און דערנאָך גע־ענטפערט:

— בעשטימט ווייס איך ניט ווען. איך וויל נאָך זעהן סען־מעלא, ברעסט, דוארענעץ, אודיערן, פענמערש, לע מאַרביען, — קורץ, די גאַנצע געגענד פון ברעטאַן. דאָס וועט געוויס גע־דויערען...

ער איז אַנשווייגען געוואָרען, האָט כלומר׳שט בערעכענט, זיך איבערלעגט און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— פון פופצעהן ביז צוואַנציג טעג.

— דאָס איז זעהר לאַנג — האָט זי געזאָגט און זיך צו־לאַכט — ווען איך האָב ווידער א קאָפּ־וועהטאָג די נאַכט, בין איך אין צוויי טעג אַרום אין פאַריז.

דאָס האָט איהם אַזוי דערפרעהט, אז ער האָט שיער ניט אויס־געשריען: „א דאַנק, א דאַנק!"

ער האָט זיך אָבער בענוגענט מיט דעם, וואס ער האָט די האַנד, וועלכע זי האָט צו איהם אויסגעשטרעקט, געקושט, ווי איהר ליעבהאָבער געקושט.

דערנאָך, אז ער האָט זיך ליעבענסווירדיג געזעגענט מיט הערר און מאַדאַם באַלזאַקי און הערר פּראַדאַן, וועלכער האָט זיך אַבי־סעל בערוהיגט, דערוויסענדיג זיך פון מאַריאַל׳ס רייזע, האָט ער, מאַריאַל, זיך אַריינגעזעצט אינ׳ם וואָגען און איז אוועקגעפאָהרען.

ער איז אָבער פון דאָרט געפאָהרען גלייך אין פאַריז, האָט זיך ערגעץ ניט אָפּגעשטעלט און קיין זאַך ניט געוואָלט זעהן. און

די גאנצע נאכט, ליגענדיג אין זיין קופע מיט האלב־צוגעמאכטע אויגען, האט ער פון קיין אנדער זאך ניט געטראכט, ווי נור פון דעם טרוים, וואס איז פערווירקליכט געווארען.

און אז ער איז געקומען אהיים, האט ער זיך קיין ארט ניט גע־קענט געפינען. פריהער האט ער געקענט געפינען זיין אינערע רוה אין זיין ביבליאטעק, אין זיינע געליעבטע ביכער, אין שפיעלען אויפ'ן פיעדעל, צי אויפ'ן קלאוויר; איצט אבער האט ער אין דעם זיין רוה ניט געקענט געפינען און ער האט זיך געפרעגט, וואס ער זאל טהאן, אום זיין נייע ערגעגונג צו שטילען.

עס האט זיך אין איהם ערוועקט א בעדירפעניש צו געהן, צו בעוועגען זיך.

ער האט אנגעטהאן זיין אויבער־ראק און הוט, געעפענט די טיר און, בעת ער איז פון די טרעפ ארונטערגעגאנגען, האט ער זיך געפרעגט: וואוהין? דא איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, וועגען וועלכען ער האט גאר ביז אהער ניט א טראכט געטהאן: כדי זיך צו טרעפען, מוזען זיי האבען א געהיימע, שעהנע וואה־נונג ערגעץ אויף א זייטיגער גאס.

ער האט אנגעהויבען צו זוכען, אויסגעוועוען אויף אלע גאסען, אויף אלע בולווארען, זיך צוגעקוקט צו די פארטיערס, צו די אויפ־זעהער און אויפזעהערינס פון די הייזער, געזוכט צו דערגעהן אן דעם אויסדרוק פון זייערע פנים'ער, אויב מען קען זיי פערטרויען, און האט זיך פאר נאכט צוריקגעקעהרט אהיים אן אונמוטהיגער.

און אויף מארגען אום ניין אין דער פריה איז ער ווידער אוועק זוכען. ענדליך האט ער פארנאכט געפונען א וואהנונג אויף א קליין געסעל אין אוטעאיל. די וואהנונג איז געשטאנען אין א גארטען און האט געהאט דריי אריינגאנגען. א טאפעצי־רער, וואס האט געוואהנט ניט ווייט פון דעם דאזיגען הויז, האט צוגעזאגט אין צוויי טעג איינצוריכטען די וואהנונג. ער האט בעשטעלט איינפאכע מעבעל פון לאקירטען פיכטען־האלץ און די־קע טעפיכער. אויפ'ן גארטען האט אכטונג געגעבען א בעקער,

וועלכער האָט געוואָהנט נעבען איינעם פון די אריינגאַנגען. ער איז דורכגעקומען מיט דער פרוי פון דעם בעקער, זי זאָל האַל־טען אין אָרדנונג זיין וואָהנונג, און מיט אַ גערטנער, אַז ער זאָל דעם גאָרטען מיט בלומען בעציערען.

אַהיים איז ער געקומען אַ מיעדער. ער האָט געפונען אויפ'ן שרייב־טיש אַ טעלעגראַמע. ער האָט געעפענט און איבערגעלע־זען:

„מאָרגען אבענד קום איך. מישע."

דאָס הארץ האָט אין זיין ברוסט גענומען שטאַרק קלאַפּען.

ער האָט איהר נאָך ניט געשריבען, מורא האָבענדיג זיינע בריעף זאָלען ניט פערלארען געהן, אזוי ווי זי האָט זיך געגרייט צו פערלאָזען אוורענטשעם. באלד ווי ער האָט אָפּגעגעסען, האָט ער זיך געזעצט צום שרייב־טיש אום איהר צו שרייבען, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געפיהלט, זינט נאָך יענעם אבענד. עס האָט איהם לאַנג גענומען צו שרייבען דעם דאָזיגען בריעף און ער איז איהם ניט געפעלען געוועזן, ווארים אלע ווערטער, אויסדריקען און געדאנקען פון דעם דאָזיגען בריעף האָבען זיך איהם אויסגעוויזען בלייך, לעבערליך און צו באַנאַל.

אויף מאָרגען האָט ער בעקומען פון איהר אַ בריעף, אַז זי קומט אין פאריז מיט'ן פארנאַכטיגען צוג. זי האָט איהם געבע־טען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד זיך ניט צו ווייזען פאַר קיינעם, כדי מען זאָל טאַקי מיינען, אַז ער האָט געמאַכט זיין רייזע, און איהם בעשטעלט זי צו טרעפען אויף מאָרגען אַ זייגער צעהן אין דער פריה אין טוליערין־גאָרטען ביי דער סיינע.

ער איז שוין דאָרט געוועזן נאָך מיט אַ שטונדע פריהער. און ער האָט זיך ארומגעבלאָנקעט איבערן גרויסען גאָרטען, דורך וועל־כען פערשיעדענע בעאַמטע, אָנגעשטעלטע און ארבייטער זיינען אין דיזער צייט צו זייער אַרבייט געלאָפען. עס האָט איהם פער־שאַפט פערגעניגען צו קוקען אויף די שנעל־פארביילויפענדע מענ־שען, וועלכע די נויט האָט פון די בעטען אויפגעהויבען און צו דער

ארבייט געיאָגט, כדי צו פערדיענען אויף אַ שטיקעל ברויט. ער האָט זיך פערגלייכט מיט זיי, ער, וועלכער האָט אין דער דאָזיגער שעה ערוואַרט זיין געליעבטע, איינע פון די גרעסטע אַריסטאָ־קראַטקעס פון דער געזעלשאַפט. און ער האָט זיך דערפיהלט אזוי צופריעדען, אזוי גליקליך, דאָס איהם האָט זיך פערוואָלט דעם בלויען הימעל בעדאַנקען.

אַ פּאָר מינוטען פאר צעהן איז ער ארויף אויף דער טעראַסע און זיך גענומען אַרומקוקען, צי קומט זי.

— זי וועט זיך אודאי פערשפּעטיגען! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן. אָבער קוים האָט אַ זייגער אויף אַ דערבייאיגער געביי־דע אויסגעשלאָגען צעהן מאָל, ווי איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער זעהט זי פון ווייטען לויפענדיג איבער'ן גאָרטען, ווי אַ גאַנץ געוועהנליכע קרעמער־מיידעל, וואָס איילט זיך אין קראָם אריין. ער איז ניט געווען זיכער, אויב דאָס איז טאַקי זי. ער האָט דערקענט איהר גאַנג, אבער זי האָט איהם אויסגעזעהן אזוי פער־ענדערט, אזוי בעשיידען אין איהר איינפאַכען, דונקעלען קלייד. זי איז ארויף אויף די טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער טע־ראַסע אין אַ גלייכער ליניע, אַקוראַט ווי זי וואָלט דעם וועג גוט געקענט פון פריהער.

— אַהא! — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין — זי מוז הפּנים אָפט אהער קומען!

ער האָט געזעהן, ווי זי האָט אויפגעהויבען דאָס קלייד אום ארויפצושטעלען דעם פוס אויפ'ן ערשטען טרעפּעל, און דערנאָך, ווי זי איז איילענדיג געלאָפען איבער די איבעריגע טרעפּ. און ווען ער האָט זיך שנעל אַ וואָרף געטהאָן איהר אַנטקעגען, האָט זי געזאָגט מיט אַ לייכטען שמייכעל, אין וועלכען עס איז געלעגען עטוואס אונרוהיגקייט:

— איהר זייט אונפּאָרזיכטיג, איהר דאַרפט זיך ניט ווייזען אזוי אָפען. כמעט אויף דער רוע דע ריוואָלי האָב איך אייך שוין געקענט זעהן. קומט, לאָמיר זיך זעצען אויף אַ באַנק הינטער

דער אראנזשעריע. נעקסטען מאָל מוזט איהר מיך דאָרט ערוואר־טען.

ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און זי געפרעגט:

— קומט איהר דען אָפט אהער?

— אָה, יאָ. איך ליעב זעהר דעם דאָזיגען פּלאַץ, און אזוי ווי איך שטעה אויף פריה, מאך איך דאָ, וואו די אויסזיכט איז אזוי שעהן, מיין שפּאַציערגאַנג. דערצו טרעפט מען דאָ קיינמאָל קיינעם ניט, ווערהרענד אויף די בולווארען איז אימער געפּאַקט. — דערצעהלט אָבער קיינעם ניט וועגען דעם. זאָל עס בלייבען א סוד צווישען מיר און אייך.

ער האָט זיך צולאַכט:

— איהר מעגט זיין גאַנץ רוהיג!

ער האָט פאָרזיכטיג גענומען איהר האַנד, די קליינע האַנד, וועלכע איז אראָבגעהאַנגען צווישען די פאַלדען פון איהר קלייד, און א זיפץ געטהאָן:

— איך האָב אייך אזוי ליעב. דאָס ווארטען האָט מיך אין גאַנצען קראַנק געמאַכט. האָט איהר בעקומען מיין בריעף?

— יאָ, איך דאַנק אייך. ער האָט מיר פיעל פרייד פער־שאַפט.

— איהר זייט אַלזאָ אויף מיר ניט אין כעס?

— ניין, פאר וואָס עפּעס? איהר זייט מיר זעהר ליעב.

ער האָט געזוכט גליהענדע ווערטער, וועלכע זאָלען איבער־געבען זיין דאַנקבארקייט, זיין אויפרעגונג. ער האָט זיי אָבער ניט געפונען. און פול מיט געפיהל, האָט ער בלויז געקענט ארויס־ריידען:

— איך האָב אייך אזוי ליעב!

זי האָט געענטפערט:

— איך האָב אייך בעשטעלט אהער, ווייל דאָ איז אויך פאראן וואַסער און שיפען. עס איז ניט אזוי ווי דאָרט, אבער דאָך איז דאָ אויך גאַנץ שעהן.

זיי האָבען זיך געזעצט אויף א באנק נעבען דער שטיינער־נער פארענטש, וואס האט זיך געצויגען ארום גאנצען טייך. זיי זיינען געווען כמעט אין גאנצען אליין. צוויי גערטנער און דריי קינדער־מיידלאך זיינען געווען די איינציגע לעבעדיגע נפשות, וועלכע האבען זיך אין דיזער צייט געפונען אויף דער טעראסע.

אויף דער גאס, וואס האט זיך געצויגען ארום טייך, האבען זיך געטראגען קארעטען, אבער די צוויי פערליעבטע האבען זיי נים געזעהן. אויף דעם טראטואר אונטער זיי, האבען געקלונ־גען טריט פון הינטער דער שטיינערנער וואנט, אויף וועלכער די טעראסע האט זיך געשטיצט. און אזוי ווי זיי האבען נאך אלץ נים געפונען קיין ווערטער, האבען זיי ביידע געקוקט אויף דער וואונדערבארער פאריזער לאנדשאפט, וואס האט זיך געצויגען פון דעם אינזעל פון הייליגען לודוויג און די טורעמס פון נאטרדאם ביז צו די שפיצען פון מעודאן.

זי האט געזאגט נאך אמאל:

— דא איז וואונדערשעהן!

ער האט זיך אבער פלוצים דערמאנט אן זייער שפאציר הויך אין דער לופטען אויף דעם טורם פונ'ם קלויסטער און געפרעגט בעוועגט:

— געדענקסט איהר נאך אונזער שפאציר איבער די משוגענע טרעפ, דארט אויבען?

— יא, אבער ווען איך טראכט איצט דערפון, נעהמט מיך אן א מורא. מיין גאט, ביי דעם איין געדאנק נור, אז איך זאל מוזען נאך אמאל דורכמאכען אזא וועג, הייבט מיר אן צו שווינד־לען אינ'ם קאפ. איך בין דאן געווען פער'שיכור'ט פון דער פרייער לופט, פון זונען־שיין און פונ'ם ים. קוקט זיך ארום, ליע־בער פריינד, זעהט, וואס פאר א וואונדערבארע אויסזיכט עס ליגט פאר אונז. איך ליעב פאריז זעהר שטארק!

ער איז געווארען ערשטוינט. ער האט געהאט אן אונבע־שטימטען געפיהל, ווי זי וואלט פערלארען עטוואס רייצענדעס,

וואס איז איהם אזוי געפעלען אין איהר דארט, בעת ער איז געווען מיט איהר אויבען אויפ'ן טורם. און ער האט געזאגט:

— וואו עס זאל ניט זיין, אבי איך בין מיט אייך בין איך גליקליך.

זי האט איהם אהן ווערטער א דריק געטהאן די האנד.

איצט ערשט, א גליקליכער פון איהר לייכטער בעריהרונג, פילייכט נאך גליקליכער ווי פון צערטליכע ווערטער, איז איהם אויפ'ן הארצען לייכטער געווארען, זיין פערלעגענהייט איז ביסלעכווייז פערשוואונדען און ער האט גענומען ריידען.

לאנגזאם און מיט פייערליכע ווערטער האט ער איהר געזאגט, אז זיין לעבען געהערט איהר אויף אימער; זי קען מיט איהם מאכען וואס זי וויל.

זי איז געווען דאנקבאר. דאך, זייענדיג א מאדערנע פרוי, ביי וועמען די איראניע האט זיך איינגעגעסען אין פלייש און בלוט, האט זי א שמייכעל געטהאן און געזאגט:

— פערשפרעכט ניט צופיעל.

ער האט זיך א קעהר געטהאן צו איהר, איהר אריינגעקוקט טיעף אין די אויגען אריין מיט יענעם בליק, וועלכער האט אין זיך עטוואס ווי קערפערליכע בעריהרונג, און ווידערהאלט נאך אמאל, וואס ער האט איהר נור וואס געזאגט. ער האט גערעדט מיט געפיהל, מיט איבערצייגונג און האט נאך גליהענדער און פאעטישער אויסגעדריקט דאס, וואס ער האט איהר שוין פיעל מאל אין זיינע הייסע ליעבעס-בריעף געשריבען. זי האט איהם צוגעהערט ווי דורך א וואלקען, געשמייכעלט פון זיינע רייד, געריהרט און גליקליך.

ווען ער איז אנשווייגען געווארען, האט זי איינפאך געזאגט:

— איך האב אייך אויך ליעב.

זיי האבען זיך געהאלטען פאר די הענד, ווי קינדער, וועלכע געהען צוזאמען אין גאס. מיט פער'חלומ'טע בליקען האבען זיי איצט געקוקט אויף די דאמפף-שיפלאך, וועלכע האבען זיך גע־

טראָגען איבערן שטראָם. זיי זיינען געווען גאַנץ אַליין אין פּאַריז, אין דעם טומעלדיגען, רוישיגען, קאָכעדיגען פּאַריז. און אויף אַ פּאָר סעקונדען האָבען זיי אויף אַן אמת פערגעסען, אַז אויסער זיי געפינט זיך נאָך עטוואס אָדער נאָך עמיצער אויף גאָט'ס ערד.

זי איז פריהער געקומען צו זיך און זיך געכאַפּט, אַז עס איז געוואָרען שפּעט.

— וועלען מיר זיך מאָרגען ווידער דאָ טרעפען? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט אַ ווײַלע איבערלייגט און איז געוואָרען צומישט פון דעם וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען:

— יאָ, יאָ, געוויס. אָבער קענען מיר זיך דען ניט זעהן ערגעץ אַנדערש? דאָ איז ווירקליך זעהר שטיל, אָבער אהער קען קומען די גאַנצע וועלט.

זי האָט נאָכגעדאַכט.

— דאָס איז אמת. און איהר מוזט זיך וועניגסטענס פיערצעהן טעג ניט ווייזען פאַר קיין מענשען, כדי מען זאָל גלויבען, אַז איהר זייט אויף דער רייזע. עס וועט פאַר אונז זיין זעהר אינטערעסאַנט און געהיימניספול זיך צו טרעפען אין דער צייט, ווען קיין מענש האָט אפילו קיין אהנונג ניט, אַז איהר געפינט זיך אין פּאַריז. אָבער צו מיר קענט איהר יעצט ניט קומען. איך זעה אַלזאָ ניט איין ווי אַזוי...

ער האָט געפיהלט, אַז ער ווערט רויט און האָט געזאָגט:

— איך קען אייך צו זיך אויך ניט איינלאַדען. קענען מיר זיך דען ניט טרעפען וואו אַנדערש?

זיינע ווערטער האָבען זי ניט ערשטוינט און ניט בעליידיגט, ווייל זי איז געווען אַ פּראַקטישע, לאָגיש דענקענדע פרוי, אָהן פאַלשער שעמעוודיגקייט.

— געוויס! — האָט זי געזאָגט — מען מוז עס נור גוט אַרומטראַכטען.

— איך האָב עס שוין אַרומגעטראַכט.

— שוין?

— יא.

— און?

— ווייסט איהר וואו עס געפינט זיך די רוע וויעקס־טשאמפס אין אוטעאיל?

— ניין.

— זי לויפט פון דער רוע טאורנעמינע אין דער רוע דזשאן־דע־סאולגע.

— אלזא?...

— אין דער דאזיגער גאס, אדער בעסער געזאגט, אין דעם דאזיגען געסעל, געפינט זיך א גארטען, אינ׳ב גארטען א שטיבעל, וועלכע האט אן ארויסגאנג אין דיביידע גאסען, וואס איך האב נור וואס דערמאנט.

— ווייטער?

— דאס דאזיגע שטיבעל שטעהט צו אייער דינסט...

זי האט נאכגעדאכט. דאן האט זי אהן פערלעגענהייט איהם געשטעלט צוויי אדער דריי פארזיכטיגע, ווייבערשע פראגען. ער האט געענטפערט. עס האט זי קענטיג צופריעדען געשטעלט, דען ווען זי איז אויפגעשטאנען, האט זי שטיל געזאגט:

— גוט, איך קום מארגען.

— ווי שפעט?

— אום דריי.

— איך וועל אייך ערווארטען הינטער דער הויז־טיר פון דעם הויז נומער זיבען. פערגעסט נים אנצוקלאפען, ווען איהר וועט דארט פערביינעהן.

— גוט, אדיע, מיין פריינד. צום ווידערזעהן ביז מארגען!

— ביז מארגען. איהר זייט אזוי גוט, איך דאנק און פער־געטער אייך.

זיי זיינען אויפגעשטאנען.

— בעגלייט מיך ניט — האט זי געזאגט — בלייבט דא נאך א צעהן מינוטען און געהט דאן אוועק.

— אדיע!

— אדיע!

און זי איז שנעל אוועק, אזוי איינפאך, אזוי בעשיידען, אז זי האט טאקע אויף אן אמת אויסגעזעהן ווי איינע פון יענע פאריזער טעכטער, וואס לויפען אין דער פריה איבער די גאסען צו עהרליכע בעשעפטיגונגען.

ער איז גלייך אוועקגעפאהרען קיין אוטעאיל, ווארים ער האט מורא געהאט, אז דאס הויז זאל ביז מארגען נאך ניט זיין פארטיג.

אבער געקומען אהין, האט ער דארט געטראפען דאס הויז פול מיט ארבייטער. די ווענט זיינען געוועזן בעצויגען מיט שעהנע שטאפען, אויפ'ן פאל זיינען געלעגען קאוויארען, מען האט געקלאפט, געהאמערט און אומעדום גערייניגט. אין דעם גרויסען, שעהנעם גארטען, וואס איז געבליבען פון אן אלטען פארק, האבען זיך געפונען עטליכע גרויסע ביימער, דיקע, פערצווייגטע בושעס און ביימען, אויף וועלכע א דערבייאיגער גערטנער האט פערפלאנצט ראזען, געראניען, רעזעדא און צוואנציג אנדערע סארטען בלומען און פלאנצען.

מאריאל איז געוועזן איבערגליקליך, פונקט ווי ער וואלט געהאט איבער איהר א נייעם זיעג. און ווען די ארבייטער האבען איהם פערזיכערט, אז די גאנצע מעבעל וועט מארגען פאר צוועלף זיך געפינען אויף אן ארט, איז ער אוועק אין פערשיעדענע קראמען און איינגעקויפט שעהנע קלייניגקייטען, אום דערמיט די צימערען צו פערפוצען. פאר די ווענט האט ער געקויפט וואונדערבארע קאפיעס פון בעריהמטע בילדער, פאר דעם קאמין און די טישלאך, פאיאנסען און א פאר פון יענע צאצקעס, וועלכע פרויען האבען ליעב צו זעהן ארום זיך.

אין דעם דאזיגען איין טאג האט ער אויסגעגעבען גאנצע צוויי מאנאט פון זיין יעהרליכען איינקונפט. ער האט עס געטהאן מיט

דער גרעסטער צופרידענהייט, פרעהענדיג זיך ביי דעם געדאנק, אז צעהן יאהר נאכאנאנד האט ער געשפארט און געשפארט, ניט אוים קארגשאפט, נור ווייל ער האט פשוט דאס געלד ניט גע־דארפט, און איצט איז ער אימשטאנד צו פיהרען זיך ווי א רייכער מאן.

אויפ'ן צווייטען טאג איז ער גאנץ פריה אוועק אין יענעם הויז, איז געווען דערביי, ווען מען האט געבראכט די שטיקער מעבעל, האט זיי אויסגעשטעלט, אליין אויפגעהאנגען די בילדער, געקראצען אויף לייטערס, אויסגערויכערט די שטאפען, בעשפריצט די קאווירען מיט פארפיום. אין דער אויפרעגונג, און דעם גליק וואס האט ארויסגעשיינט פון זיין פנים און פון זיין גאנצען וועזען, איז קאנטיג געווען, אז די דאזיגע ארבייט איז איהם געווען ליעבער און אנגענעהמער פון אלעס מיט וואס ער האט זיך ביז אהער בעשעפטיגט. יעדע ווילע האט ער געקוקט אויפ'ן זייגער, בערעכענט ווי פיעל צייט עס קען נאך נעהמען, ביז זי וועט קו־מען, געטריבען די ארבייטער וואס שנעלער פערטיג צו ווערען, גע־געבען זיך די גרעסטע מיה אלצדינג איינצוריכטען ווי אם בעסטען, איבערגעשטעלט נאך אמאל און ווידער אמאל די מעבעל, אבי עס זאל אויסזעהן וואס שעהנער, וואס רייצענדער.

אוים פארזיכטיגקייט האט ער אלע לייטע אוועקגעשיקט נאך פאר צוויי. און וועהרענד די וויזערס פונ'ם זייגער האבען זיך לאנגזאם בעוועגט אויף דעם ציפערבלאט, איז ער ארומגעגאנגען איבערן הויז, אין וועלכען ער האט ערווארט דאס העכסטע גליק, וואס ער האט ווען אין זיין לעבען געהאט. אליין מיט זיינע טרוי־מען איז ער ארומגעגאנגען הין און צוריק פון שלאפצימער אין זאאל, גערעדט פאר זיך הויך, אויפ'ן קול, געפאנטאזירט, א בערוישטער פון ליעבען און גליק.

דאן איז ער אוועק אין גארטען. די זונענשטראהלען זיינען דורך די בלעטער געפאלען אויף דאס גראז און געווארפען שעהנע, ליכטיגע פאסען אויף א גרויסען ראזענבעעט. אפילו דער הימעל

האָט זיך געפּרעהט מיט זייער צוזאַמענקונפט. דאַן האָט ער גע־גומען וואַרטען נעבען טיר, וועלכע ער האָט אַלע ווײַלע געעפענט, אויס מורא, אַז זי זאָל ניט האָבען אַ טעות אין נומער.

עס האָט געשלאָגען דרײַ. צעהן זייגערס פון די אַרומיגע טורעמס האָבען ווידערהאָלט דאָס שלאָגען. איצט האָט ער גע־וואַרט מיט דעם זייגער אין דער האַנד און האָט זיך אין גאַנצען אַ צאַפּעל געטהאָן, ווען ער האָט דערהערט צוויי לײַכטע קלעפּ אין טיר.

ער האָט געעפענט: דאָס איז געווען זי.

ערשטענס האָט זי זיך אַרומגעקוקט. צוערשט האָט זי מיט אַנגסט בעטראַכט די אַרומיגע שכנ'ישע הײַזער, דאַן איז זי רו־היגער געוואָרען, דען צווישען די אײַנפאַכע בירגער, וועלכע וואָה־נען אין דער געגענד, קען זי זיכער קײנער ניט. דאַן האָט זי מיט בעפרידיגטער נײַגעריגקײט בעטראַכט דעם גאָרטען. ענד־ליך האָט זי צוגעטראָגען איהרע בײדע הענד, פון וועלכע זי האָט נור וואָס אַראָבגעצויגען די האַנדשוה, איהר געליעבטען צום מויל און האָט איהם גענומען אונטערן אָרים.

בײַ יעדען שריט האָט זי אויסגערופען:

— מײַן גאָט, ווי רײַצענד דאָ איז! ווי פריש! ווי שעהן!

ווען זי האָט דערזעהן די ראָזענבעעט, בעגאָסען מיט ליכטיגע זונענשטראַהלען, האָט זי געזאָגט:

— אָבער דאָס איז דאָך אַ טרוים, מײַן ליעבער!

זי האָט אויסגעריסען אַ ראָזע, אַ קוש געטהאָן און אויף זיך אָנגעטשעפּעט. דאַן איז זי אַרײַן אין הויז. און זי האָט גע־שײַנט צו זײַן אַזוי בעפרידיגט, דאָס איהם האָט זיך געוואָלט פאַלען צו איהרע פיס, הגם אין אַ ווײַטען ווינקעלע פון זײַן האַר־צען האָט געדרעמעלט אַ געפיהל, אַז זי האָט זיך אפשר געדאַרפט בע־שעפטיגען מעהר מיט איהם ווי מיט די אַרומיגע זאַכען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויז אַלצדינג אַרום האָט איהר פערשאַפט פערגעני־גען מיט אַלצדינג האָט זי זיך געפרעהט, ווי אַ קלײַן מײדעלע,

וואס האט א נייע שפּיעלצייג געקראָגען. זי האָט זיך געפונען אין דעם דאָזיגען קבר פון איהר טוגענד אָהן יעדע פערלעגענהייט און די עלעגאנטקייט און שעהנקייט פון דעם הויז האָט זי געשעצט ווי א קעניגין, וועמעס געשמאק מען האָט צופריעדענגעשטעלט.

איידער זי איז געקומען, האָט זי מורא געהאט, טאָמער וועט זי געפינען אן אונגליקליכע, וואולגארע וואָהנונג מיט אויסגעריבענע מעבעל, בעשמוצט פון די צוזאַמענקונפטען פון פריהערדיגע פּאָרלאך... אָבער דאָ איז אַלצדינג געווען נייַ, קאָקעטיש, ספּעציעל פאר איהר געמאכט און האָט געמוזט קאָסטען אן אוצר מיט געלד. דיעזער מאן איז ווירקליך געווען א דזשענטעלמאן.

זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהם מיט א רייצענדער בעוועגונג און פול ערמוטערונג געעפענט איהרע אָרעמס. און איצט האבען זיי זיך געהאלטען ארומגענומען, געקושט זיך מיט געשלאָסענע אויגען און געשווינדערט פאר גליק...

אין דער טיעפער שטילקייט פון דעם דאָזיגען שלאָפצימער האָבען זיי פערבראכט דריי שטונדען איינע אַליין, אויג אויף אויג, לייב צו לייב, מויל צו מויל... דריי שטונדען, וועלכע האבען מאַריאל'ס נשמה און זינען בערוישט און פער'שיכור'ט.

איידער זיי האָבען זיך צושיידט, האָבען זיי געמאכט א שפּאַציערגאנג אין גאָרטען און זיך צוגעזעצט אין א ליעטאנקע, פון וואנען קיינער האָט זיי ניט געקענט זעהן. מאריאל, איבערפילט פון ליידענשאפט, האָט גערעדט צו איהר, ווי צו א געטין, וועלכע איז צוליעב איהם פון איהר הייליגען פּיעדעסטאל ארונטער, און זי האָט איהם אויסגעהערט מיעד מיט דעם אויסדרוק פון לאַנגווייליגקייט אין איהר בליק, וועלכען ער האָט אָפט ביי איהר געזעהן נאָך א צו לאַנגען וויזיט פון מענשען, וואָס האָבען זי ניט אַמוזירט. אָבער דאָך איז זי געווען זעהר ליעב; א צאַרטער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף איהר פּנים און זי האָט נאָכאַנאַנד געדריקט זיין האנד, פיליייכט מעהר אונבעוואוסט, ווי מיט אבזיכט.

זיינע רייד האָט זי הפּנים ניט געהערט, ווייל זי האָט איהם פּלוצים אונטערבראָכען אין מיטען זאץ און געזאָגט:

— איך מוז אוועק, איך מוז אוועק. זעקס אוהר מוז איך זיין ביי דער מארקיזע בראַטיאַנו. איך וועל אהין קומען צו שפּעט.

ער האָט זי פאַרזיכטיג צוגעפיהרט צו דער טיר, דורך וועל־כער זי איז אריינגעקומען. זיי האָבען זיך צוקושט און געוואר־פען א שנעלען בליק אויף דער גאס, איז זי אוועק, זיך האַלטענדיג נאָהנט פאַזע די ווענט.

ווען ער איז געבליבען אליין האָט ער דערפיהלט אין זיך יענע פּוסטקייט, וואס מען פיהלט אימער נאָך דעם אוועקגעהן פון א פרוי, ועמעס קוש האָט זיך נאָך ניט אָפּגעקיהלט אויף די ליפּען.

ער האָט זיך דערפיהלט עלענד, אליין, אזוי ווי זי וואָלט איהם פערלאָזען, אזוי ווי ער וואָלט ניט געהאָפט זי צו זעהן אמאָל ווי־דער.

ער איז פערבליבען דאָרט ביז נאכט און דאָס געפיהל פון עלענדקייט האָט אַלץ מעהר און מעהר אין איהם געוואקסען. דער־נאָך איז ער אוועק אהיים, האָט געגעסען, ניט וויסענדיג אליין וואס ער עסט, און זיך געזעצט אום צו שרייבען צו איהר.

אויף מאָרגען האָט דער טאג זיך איהם אויסגעוויזען זעהר לאנג און ביי נאכט האָט איהם געמוטשעט די פראגע: פאַר וואס האָט זי איהם ניט געענטפערט אויף זיין בריעף? נור אויף אי־בערמאָרגען האָט ער בעקומען פון איהר א קורצע טעלעגראמע, דורך וועלכער זי האָט איהם בעשטעלט צו טרעפען זי אויף דעם זעל־ביגען אָרט און אין דער זעלביגער צייט. די דאָזיגע קורצע טע־לעגראמע האָט איהם גלייך בערוהיגט.

זי איז געקומען, ווי דעם ערשטען מאָל, פּינקטליך צו דער מינוט, איז געקומען פרעהלאך און ליעבענסווירדיג, און זייער צווייטער צוזאמענקונפט איז אין אַלע הינזיכטען געווען ענהליך צו דעם ערשטען.

מאריאל איז געווען צוערשט זעהר ערשטוינט, וואס עס פעהלט צווישען זיי די ליידענשאפטליכע ליעבע, וועלכע ער האט געהאט ערוואַרטעט. אָבער בּיסלעכווייז האט ער פערגעסען דעם געדאנק וועגען דעם ערוואַרטעטען גליק, בערוישענדיג זיך מיט דעם גע־געבענעם גליק, ווען עס איז אפילו געווען אביסעלע אנדערש פון דעם, וואס ער האט ערוואַרטעט.

דריי וואָכען זיינען פאריבער גליקליך און שנעל. ער האט געהאָפט, אז עס וועט אימער אזוי זיין, אז אימער, אימער וועט ער זיך דאָ טרעפען מיט איהר. די גאנצע וועלט האט איהם מעהר ניט אינטערעסירט, ער האט געלעבט פאר איהר און נור פאר איהר אליין.

זי איז געקומען פּינקטליך יעדע דריי טעג. און מען האט גע־קאָנט מיינען, אז אין דער דאָזיגער ליעבע איז איהר מעהר אנגע־נעהם דאָס שעהן שטיבעלע, צווישען זעלטענע בלומען, די ניי־קייט פון די פערהעלטניסע, פול געהיימניספולען צויבער, ווי די אימער וואקסענדיגע ליעבע פון איהר געליעבטען.

און איינמאָל האט זי זיך אָנגערופען צו איהם:

— ליעבער פריינד, גענוג זיך בעהאלטען פון דער וועלט. איצט וועט איהר זיך ווידער מוזען בעווייזען פאר לייטען. קומט צו מיר מאָרגען נאָכמיטאג. איך האָב געזאָגט, אז איהר האט זיך צוריקגעקעהרט פון דער רייזע.

ער איז געווען אויסער זיך:

— אָך, ווארום האט איהר דאָס געזאָגט, ווארום?

— ווען מען זאָל זיך צופעליג דערוויסען, אז איהר זייט אין פאריז, וועט מען זיך נעהמען שטעלען פראגען: ווי? ווי אזוי? מען האט דאָך געזאָגט, אז ער איז גאָר אויף דער רייזע? דאָס קען נאָך ארויסרופען א פערדאכט. אזוי אָבער וועט קיינעם גאָר נישט איינפאלען...

ער האט איינגעזעהן, אז זי איז גערעכט און פערשפּראָכען

איהר צו קומען מארגען נאכמיטאג. דערנאך האט ער זי א פרעג געטהאן:

— איז דען מארגען אייער עמפפאנגסטאג?

— יא — האט זי געענטפערט, איך גיב מארגען א קליינע אונטערהאלטונג.

דאס איז איהם געווען אונאנגענעהם:

— וואס פאר א סארט אונטערהאלטונג?

זי האט זיך פרעהלאך צולאכט.

— איך האב איינגערעדט מאסיוואל'ן, ער זאל מארגען ביי מיר פארשפיעלען זיין נייעסטע קאמפאזיציאן. די מארקיזע בראנטיאנע, וועלכע האט ביז אהער געמיינט, אז נור זי אליין האט א פאטענט אויף מאסיוואל'ן, איז אויסער זיך פאר כעס. איברינענס וועט זי אויך זיין ביי מיר, זי וועט זינגען. איז דאס ניט א גוטער וויץ?

— ערווארטעט איהר פיעל מענשען?

— ניין, נור א פאר בעקאנטע. איהר קענט זיי כמעט אלע־מען.

— איז ניט מעגליך, אז איך זאל צו דער אונטערהאלטונג פעהלען? איך בין אזוי גליקליך אין מיין איינזאמקייט.

— ניין, ניין, ליעבער פריינד. איהר ווייסט דאך, אז אייך וויל איך ביי מיר האבען דעם ערשטען.

דאס הארץ האט איהם א צאפעל געטהאן, דאן האט ער גע־זאגט:

— איך קום!

VI

— גוט מאָרגען, הערר מאריאל!

ביי דעם דאָזיגען גרוס האָט מאריאל גלייך בעמערקט, אז ער איז ניט מעהר דער „ליעבער פריינד" ווי אין אוטעאיל, און די האנד האָט זי איהם אָ דריק געטהאָן אויך קורץ און שנעל, ווי א בעשעפטיגטע פרוי, וואס מוז נאָכקומען איהרע געזעלשאפטליכע פליכטען.

ער איז אריין אין זאאל, וועהרענד די מאדאם דע בורן איז אוועק אנטקעגען דער וואונדערשעהנער מאדאם לע פריעור, וועל־כע מען האָט צוליעב איהר שטארקער דעקאָלטע און צוליעב איהר שטאָלצירען אויף איהרע שעהנע פאָרמען, גערופען מיט עטוואס איראָניע, „די געטין." איהר מאן איז געווען א מיטגליעד פון דעם אינסטיטוט פאר אַלטע געשיכטע און שפראַכען.

— אך, מאריאל! — האָט אויסגערופען לאמארט — ווי קומט איהר אהער? מיר האָבען אַלע געדענקט, אז איהר זייט שוין לאַנג געשטארבען.

— איך בין געווען אין פיניסטער.

ער האָט גענומען דערצעהלען פון זיין רייזע. אבער דאָ האָט איהם דער ראָמאַן־שרייבער אונטערבראָכען:

— קענט איהר די באַראָנעסע פרעמינס?

— נור פון וויטען. אָבער מען האָט מיר פון איהר פיעל דערצעהלט. מען זאָגט, אז זי איז זעהר אינטערעסאנט.

— זי איז די קעניגין פון משוגעת! אבער מיט א זעלטענעם

געשמאַק און זעהר מאָדערן. קומט, איך וועל אייך פאַרשטעלען.

ער האָט איהם גענומען פאר'ן אָרעם און צוגעפיהרט צו א יונגער פרוי, וועלכע מען האָט שטענדיג פערגליכען צו א ליאַלקע, א בלייכע, רייצענדע, קליינע בלאָנדע ליאַלקע, וועמען דער טייפעל אליין האָט, דאכט זיך, אויסגעטראכט, אום די גרויסע, מיט בערד בעוואקסענע קינדער צו פערפיהרען.

זי האָט געהאַט לענגליכע, שמאָלע אויגען ווי ביי א כינע־זערין. צווישען די אויגען־לעדלאך האָט מען געזעהן אן אויג ווי פון בלויען עמאַל. זעלטען ווען האָט זיך דאָס אויג אין גאנ־צען געעפענט און די מיעדע אויגען־לעדלאך האָבען געשיינט צו זיין געמאַכט נור אום דעם בליק צו פערשלייערן און דאָס געהיימ־ניספולע פון דעם דאָזיגען וועזען צו פאַרשטעלען.

איהרע העלע האָר האָבען געלויכטען ווי זילבערנער זייד און דער שעהנער מויל מיט די שמאָלע ליפּען האָבען אויסגע־זעהן ווי פון א גרויסען מייסטער געטאָקט. איהר שטימע האָט געקלונגען העל ווי מעטאַל. דורך משוגענע איינפאַלען, דורך איהר שעהנקייט און אָריגינאַליטעט האָט זי די מענשען ארום זיך געהאַלטען אין שטענדיגער אויפרעגונג. אין גאנץ פּאריז האָט מען זי געקענט אלס די עקסטראוואַגאַנטסטע פרוי פון דער גע־זעלשאַפט. אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך געהאַלטען פון איהר אינטעליגענץ, הגם קיינער האָט אייגענטליך ניט געוואוסט אויף קלאָהר וואס פאר א סאָרט מענש זי איז, וואס זי טראַכט, וואס זי טהוט. געוועהנליך האָט זי די מענער אונטעריאָכט מיט אן אונווידערשטעהליכער קראַפט. איהר מאַן איז אויך געווען עפּעס א מאָדערנער מענש. אן אריסטאָקראַט אינ'ם העכסטען זין פון וואָרט, איז ער געווען העפליך, פריינדליך און האָט ווי עס שיינט גאָר נישט בעמערקט. איז ער געווען בלינד, גלייכגילטיג, אדער זיך געמאַכט ניט זעהענדיג? און אפשר האָט ער טאַקע קיין אנדער זאַך ניט געקענט בעמערקען אויסער איהרע משוגענע שטיק, וועלכע האָבען איהם הפנים אויך געמאַכט שפּאַס. פערשיעדענע

מיינונגען זיינען וועגען איהם ארומגעגאנגען, צווישען זיי אויך אזעלכע, אז ער ציהט נוצען פון זיין פרוי'ס געהיימע ליעבעס.

זי און מאדאם דע בורן האבען געהאט פיעל געמיינשאפט־ליכע שטריכען, וועלכע האבען זיי שטארק צוגעצויגען איינע צו דער אנדערער און דאן משוגע אייפערזיכטיג געמאכט. צייטענ־ווייז זיינען זיי געווען די בעסטע פריינדינס און דאן ווידער די ערגסטע שונאים. זיי זיינען געווען געפעלען איינע דער אנדערער, האבען איינע פאר דער אנדערער מורא געהאט, ווי צווי פרייז־פעכ־טערינס, וועלכע שעצען זיך, אבער וואלטען זיך וועלען איינער דעם אנדערען דער'הרג'ענען.

אין דעם דאזיגען מאמענט איז די באראנעסע פרעמינס גע־ווען אויפ'ן פערד. זי האט געהאט א זיעג איבער איהר פריינדין, זעהר א גרויסען זיעג: זי האט געוואונען לאמארט'ן. זי האט איהם אוועקגערויבט פון איהר קאנקורענטין, איהם אין גאנצען פער'כישופ'ט און עפענטליך איהר טריאומף געפייערט. דער ראָ־מאן־שרייבער איז געווען גאנץ אויסער זיך, ערשטוינט און בע־גייסטערט פון אלצדינג, וואס ער האט אין דער דאזיגער וואונ־דערליכער פרוי ענטדעקט. און ער האט זיך ניט געקענט איינ־האלטען פון דערצעהלען וועגען איהר דער גאנצער וועלט, אזוי, דאס דער עולם האט שוין געהאט פון וואס צו רעדען.

אין דעם מאמענט, ווען ער האט פארגעשטעלט מאריאל'ן, האט ער געכאפט א שארפען בליק פון דער מאדאם דע בורן, וועל־כע איז געשטאנען אויפ'ן אנדערען עק זאאל. ער האט א שמיי־כעל געטהאן און אריינגעשושקעט זיין פריינד אין אויער אריין:

— טהוט אקארשט א קוק, די בעל הבית'טע פון הויז איז אונצופרידען.

מאריאל האט זיך ארומגעקוקט, אבער מאדאם דע בורן האט זיך א קעהר געטהאן צו מאסיוואל'ן, וועלכער האט זיך נור וואס בעוויזען אין דער טיר.

כמעט גלייך נאך איהם איז אריין די מארקיזע בראנטיאן און לאמארט האט בעמערקט:

— נו, ווי עס שיינט וועלען מיר נור קענען אויסהערען די צווייטע העלפט פון זיין ווערק. די ערשטע העלפט האט ער הפנים געשפיעלט פאר דער מארקיזע אין איהר קארעטע.

די באראנעסע פרעמינס האט צוגעזעצט:

— אונזער ליעבע פריינדין, די מאדאם דע בורן, האט הפנים ווידער פערלארען איינעם פון די שעהנסטע עדעלשטיינער פון איהר קרוין.

פלוצים איז אויף מאריאל'ן אנגעפאלען א כעס, עפעס א מין האס האט ער דערפיהלט צו דער דאזיגער פרוי. ער איז אויפגערעגט געווארען אויף דער גאנצער געזעלשאפט, אויף די מענשען מיט זייער לעבען און שטרעבען, אויף זייערע געדאנקען, זייער גע־שמאק, זייערע נייגונגען און נארישע פערגעניגענס. און בע־נוצט דעם אויגענבליק, ווען לאמארט האט זיך איינגעבויגען צו דער יונגער פרוי, אום צו רעדען מיט איהר עפעס אין דער שטיל, האט ער זיך אומגעקעהרט צו איהר מיט'ן רוקען און איז אוועק.

די שעהנע פרוי לע פריער איז געשטאנען אליין א פאר טריט פון איהם. ער האט זי בעגריסט. נאך לאמארט'ס מיינונג נאך איז דיעזע פרוי געווען די איינציגע אין דיעזער פארטגעשריטענער געזעלשאפט, וועלכע האט זיך געהאלטען אן דאס אלטע, פערגאנ־גענע. יונג, הויך, שעהן, מיט זעהר רעגעלמעסיגע געזיכטסציגע, רויטלאך־ברוינע, שיינענדיגע האר און א רוהיגע, אנגענעהמע האל־טונג, האט זי צוגעצויגען צו זיך פיעלע אנהייגגער. עס האט געהייסען, אז צו איהר אין הויז איז שווער צוצוקומען. אלע פריינד האבען געליבט איהר מאן'ס כאראקטער.

מאריאל האט זיך גענומען מיט איהר אונטערהאלטען. זי האט פיעל געהאלטען פון דעם געלאסענעם, קלוגען יונגען מאן, פון וועלכען מען האט אזוי ווייניג גערעדט, הגם ער איז ווערטה געווען מעהר, ווי פיעלע פון זיינע פריינד צוזאמענגענומען.

די לעצטע געסט זיינען אנגעקומען. דער דיקער פּרעגזעל, אָהן אַן אָטהעם, ווישענדיג דעם שוויים פון זיין גלאַנציגען שטערן, דער מאָדע־פּילאָזאָף געאָרג דע מאַלטרי און דאַן אין איין צייט בּאַראָן גראַוויל און גראַף מאַראַנטין. הערר דע פּראַדאַן האָט גע־האָלפען זיין טאָכטער צונעהמען די געסט. ער איז געווען זעהר פריינדליך צו מאַריאַל׳ן.

אָבער מאַריאַל האָט מיט וועהטאָג אין הארצען צוגעקוקט, ווי מאַדאַם דע בּורן איז געגאַנגען אהער און אַהין און זיך וועגען אַלע אַנדערע מעהר געקימערט ווי וועגען איהם.

אמת, צוויי מאָל האָט זי פון ווייטען אויף איהם אַ בּליק גע־ווארפען, וועלכער האָט געשיינט צו זאָגען: — איך דענק וועגען דיר! אָבער אזוי קורץ, אז ער האָט געקענט אַ טעות האָבען. און דאַן האָט ער נישט געקענט מעהר צוקוקען, ווי אויפגערעגט זי ווערט דערפון, וואס לאַמאַרט ווייזט ארויס זיין ליעבע צו דער בּאַ־ראָנעסע פּרעמינס. עס איז ניט געווען מעהר ווי איינפאַכע קאָ־קעטעריי. ביי אַ רייכער דאַמע האָט מען אוועקגע׳גנב׳עט אַ זעל־טענע צאַצקע — פּערדריסט עס איהר. אָבער מעהר גאָר נישט. און דאָך האָט ער געליטען פון דעם; איבערהויפּט דערפאַר, וואס זי האָט איהרע אויגען ניט אראָבגענומען פון דאָס פּאָרעל און האָט זיך אַ האָר ניט געקימערט, וואס ער שטעהט נעבען דער פרוי לע פּריער. עס איז פּשוט געווען דערפאַר, ווייל אין איהם איז זי זיכער געווען, בעת זי האָט געפּיהלט, אז דער אַנדערער גליטשט זיך אַרויס פון איהרע הענד. וואס פאַר אַ ווערטה האָט פאַר איהר אַצינד געהאַט זיין ליעבע! אַ ליעבע וואס האָט עקזיסטירט נעבּ־טען און וועלכע האָט אויף איהם געווירקט אזוי שטאַרק, דאָס ער האָט וועגען קיין אַנדער זאַך ניט געקענט טראַכטען.

הערר פּראַדאַן האָט געבעטען עס זאָל זיין שטיל, און מאַסי־וואַל האָט געעפענט די פּיאַנאָ, צו וועלכער די מאַרקיזע איז צו־געגאַנגען, אויסטהוענדיג די האַנדשוה, דען זי האָט זיך געקליבען צו זינגען. דאָ האָט זיך נאָך אַמאָל געעפענט די טיר און עס איז־

אריין א יונגער מאן, וועמען אלע האבען אנגעקוקט. ער איז גע־וועזען הויך און שלאנק מיט געקרייזעלטע באקענבארדען, קורצע גע־קרויזטע האר און פון זעהר א פארנעהמען אויסזעהן.

מאדאם לע פריער האט איהם אויך אנגעקוקט שטארק אויפ־גערעגט.

— ווער איז דאס? — האט געפרעגט מאריאל.

— איהר קענט איהם דען נישט?

— ניין.

— דאס איז גראף רודאלף בערנהויז.

— אך, דער וואס האט זיך ניט לאנג געשלאגען אויף א דועל מיט פאברע'ן?

— יא.

די דאזיגע געשיכטע האט געמאכט א גרויסען רושם. גראף בערנהויז, אן עסטרייכישער געזאנדטער, א דיפלאמאט מיט א גרויסער צוקונפט, אן עלעגאנטער ביסמארק, ווי דער עולם האט איהם גערופען, האט אויף א באל געהערט, ווי אימיצער האט בע־ליידיגט זיין קייזערין. אויף איבערמארגען האט ער זיך מיט יענעם, א בעוואוסטען פעכטער, געשלאגען און איהם געטויטעט.

נאך דעם דאזיגען דועל, וואס האט אנגעמאכט א גרויסען רעש, איז גראף בערנהויז שנעל בעריהמט געווארען, זיין נאמען האט געקלונגען ניט ווייניגער ווי סאראה בערנהארד'ס, מיט דעם אונטערשיעד נור, וואס ארום איהם האט זיך ארומגעוועבט א גלאנץ פון ריטערליכער פאעזיע. צו דעם אלעמען איז ער געוועזען א זעהר פארנעהמער, רייצענדער מענש, מיט וועמען עס האט זיך געלאזט גאנץ אנגענעהם פערברענגען. לאמארט האט וועגען איהם געזאגט: „ער וועט שוין אונזערע ווידערשפענסטיגע שעהנהייטען צוימען.“

ער האט זיך זעהר ליעבענסווירדיג אוועקגעזעצט נעבען דער מאדאם דע בורן, מאסיוואל האט פערנומען זיין פלאץ ביים פיאנא און גענומען עטליכע אקארדען.

כמעט אַלע געסט האָבען זיך צוגעזעצט נעהנטער, אום בע־סער צו הערען און אין דער זעלבער צייט די זינגערין צו זעהן. לאַמארט איז געשטאַנען שולטער צו שולטער נעבען מאַריאַל׳ן.

עס האָט איינגעטראַטען אַ שטילקייט פול ערוואַרטונג. דאַן האָט דער מוזיקער גענומען לאַנגזאַם שפּיעלען. עס האָט געקלונ־גען ווי אַ שעהנע מוזיקאַלישע ערצעהלונג. דאָ און דאָרט האָט עס זיך אפילו ווידערהאָלט, דאָ און דאָרט איז עס געוועזען אַביסעלע צו אונרוהיג, צו נערוועז, אַלס גאַנצעס אָבער איז דאָס ווערק געוועזען מערקווירדיג אָריגינעל. עס האָט דערצעהלט ווי אַ פרוי, די בילד־שעהנע קעניגין פון קאַרטהאַגא, איז געגאַנגען אויפ׳ן ברעג פון ים מיט אַ נשמה פול בענקעניש און טרויער. עס האָט דערצעהלט, ווי זי האָט געליטען, ווי אונגליקליך זי איז געוועזען. און דער קאָמ־פּאָזיטאָר, בעת ער האָט איבערגעגעבען אין טענער די דאָזיגע אַלע געפיהלען פון דער אונגליקליכער קעניגין, האָט די אויגען ניט אַרונטערגענומען פון דער מאַרקיזע בראַטיאַנע.

אונבעוועגליך אונטער דער שווערער לאַסט פון איהרע האָר, שוואַרצע ווי די נאַכט, האָט די איטאַליענערין געוואַרט, קוקענ־דיג פאַר זיך מיט שטאַרע אויגען. אין דעם ענערגישען, עטוואָס האַרטען אויסדרוק פון איהר פּנים, אין איהרע שוואַרצע אויגען און ברעמען, אין איהר גאַנצער ליידענשאַפטליכער, דונקעלער שעהנ־הייט, איז געלעגען עטוואָס פּאַקענדעס, ווי אַ דראָהענדער שטורם אויף אַ פערוואָלקענטען הימעל.

מאַסיוואַל האָט ווייטער געשפּילט, איבערגעגעבען אויף די עלפאַנטביינערנע קלאַווישען די ווייטערדיגע טראַגישע געשיכטע פון דער קעניגין, דערביי האָט ער עטוואָס בעוועגט דעם קאָפּ מיט די לאַנגע האָר אַהין און אַהער.

פּלוצים האָט די זינגערין זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, געעפענט דעם מויל און אַרויסגעלאָזט אַ פערצווייפעלטען לאַנגען קרעכץ. עס איז ניט געווען יענע געוועהנליכע טראַגישע פערצווייפלונג, וועלכע די זינגער ברענגען אַרויס אויף דער ביהנע און בעגלייטען

מיט דראמאטישע בעוועגונגען. עס איז אויך ניט געווען יענער אזוי בעליעבטער קרעכץ פון בעטראגענער ליעבע, נאך וועלכען אלע צוהערער קלאפען בראוואָ, נור אן אונבעשרייבליכער טאָן איז עס געווען, עכט, ניט געמאכט, ווי דער יאָמער פון א פערוואונדעטער חיה, דער געשריי פון אן אמת פערצווייפעלטער פרוי איז עס געווען, וואס מען האט בעטראגען און פערראטהען. דאן איז זי אנשווייגען געווארען. און מאסיוואל האט ווידער אנגעהויבען, און ציטערענדיג, אויפגערעגט און מיט וועהטאג האט ער דערצעהלט ווייטער די געשיכטע פון דער אונגליקליכער קעניגין, וועלכע דער געליעבטער מאן האט פערלאזען.

דערנאך האט די פרויען־שטימע ווידער אנגעהויבען. זי האט איצט געזערדט פון די מורא'דיגע יסורים פון איינזאמקייט, פון דעם ברענענדיגען דורשט נאך דער פערגאנגענער ליעבע און פון דעם אונגליק, וואס ער איז אוועק, אויף אייביג אוועק.

איהר ווארעמע, ציטערנדיגע שטימע האט זיך אריינגעריסען אין אלעמענס הערצער. עס האט געשיינט, אז זי האט דורכגעליטען צוזאמען מיט דער קעניגין אדער וועניגסטענס, אז זי אליין איז פעהיג געווען צו ליעבען מיט אזא פייערדיגער ליעבע, זי, די דאָזיגע פינסטערע איטאליענערין מיט די דונקעלע לאקען. אז זי איז אנשווייגען געווארען, זיינען טרערען געשטאנען אין איהרע אויגען און זי האט זיי לאנגזאם אפגעווישט. לאמארט האט זיך צונעבויגען צו מאריאל'ן און געזאגט מיט א ציטערנדיגער שטימע:

— נאָט, איז זי שעהן אין דיזען אויגענבליק! אט דאס איז א פרוי, די איינציגע דא!...

דערנאך האט ער צוגעלעגט נאך א קורצען שווייגען:

— און אפשר, ווער ווייסט! אפשר האט זי מיט די מוזיק נור אויף אונז אזא איינדרוק געמאכט. ווארים אלסדינג איז איינבילדונג. אויב אזוי איז זי א גרויסע קינסטלערין און די דאָזיגע מוזיק איז אמת'ע קונסט.

צווישען דעם ערשטען און צווייטען טייל פון דער קאמפאזי־ציאן איז געווען אן אנטראקט, און מען האט גראטולירט דעם קינסטלער און די זינגערין זעהר ווארים. לאמארט האט אויסגע־דריקט בעגייסטערונג און ער איז טאקי אויף אן אמת געווען בע־גייסטערט, ער, וואס האט געקענט פיהלען די שעהנקייט, אין וועל־כע פארמען זי זאל ניט ערשיינען. דער אופן, ווי אזוי ער האט אויסגעדריקט דער מארקיזע בראטיאנע וואס ער האט געפיהלט, בשעת זי האט געזונגען, איז געווען אזוי שמייכעלהאפט, דאס זי איז רויט געווארען, און די אנדערע דאמען, וואס האבען דאס צו־געהערט, האבען זיך אביסעלע געערגערט דערפון.

ער האט דערפיהלט דעם איינדרוק, וואס זיינע ווערטער הא־בען געמאכט, און אז ער האט זיך אומגעדרעהט, אום זיך ווידער צו זעצען, האט ער דערזעהן, אז גראף רודאלף בערנהויז זיצט נעבען דער באראנעסע פרעמין. זיי האבען דארט גערעדט און געשמייכעלט, און עס איז קאנטיג געווען, אז זיי האבען ביידע פערגעניגען פון דעם געשפרעך.

מאריאל איז אלץ אומעטיגער געווארען. איצט איז ער גע־שטאנען אנגעשפארט אן דער טיר. דער ראמאניסט איז צו איהם צוגענאנגען.

דער דיקער פרענזעל און דע מאלטרי זיינען געשטאנען נע־בען מאדאם דע בורן, וועלכע האט זיי טהעע אנגעבאטען. לא־מארט האט אויפמערקזאם געמאכט זיין פריינר דערויף און דער־ביי בעמערקט מיט אן איראנישען שמייכעל:

— זי וואלט זיי אלעמען אפגעגעבען פאר איין איינציגען, וועלכער פעהלט איהר.

— ווער פעהלט איהר? — האט מאריאל געפרעגט.

— בערנהויז פאר וועמען דער גאנצער פעסט ווערט היינט געגעבען.

מאריאל האט עס ניט געגלויבט, אבער אין הארצען האט איהם דאך א שטאך געטהאן.

— זי קען איהם שוין לאנג?

— ניין, העכסטענס א טעג צעהן. אבער זי ארבייט אויף אלע כלים, איהם אריינצוקריגען. ווען איהר וואלט דא געווען, וואלט איהר זיך אמוזירט.

— ווארום וואלט איך זיך אמוזירט?

— איהר וואלט דאן געזעהן, ווי אזוי זי האט איהם אנגעהויבען צו זוכען. זי האט איהם צוערשט געטראפען ביי דער באראנעסע דע פרעמין. יענעם טאג בין איך אויך דארט געווען צום דינער. בערנהויז קומט אהין אריין זעהר אפט. דאס קענט איהר גלייך זעהן, איהר טהוט נור א קוק, ווי זיי זיצען דארט. קורץ, אונזער שעהנע פריינדין, מאדאם דע בורן, האט זיך גלייך א נעהם געטהאן צו דער ארבייט, אז זי האט איהם דארט דערזעהן. און זי וועט איהם אריינקריגען, כאטש די קליינע פרעמין איז רייצענדער פון איהר. זי, אונזער פריינדין, איז אבער ערפאהרענער פון איהר און פאנגט אן איהר קאקעטעריי פיעל כיטרער. זי איז מעהר פרוי, איז מעהר מאדערנע פרוי, פערשטעהט מעהר די קונסט פון פערפיהרען. דא ליעגט איהר גאנצער קראפט. זי קען זיך אליין זעהר גוט און ווייסט, וואס פיר א ריכטיגע מיטלען צו געברויכען, אום א מאן צו פאנגען.

מאריאל האט איהם אונטערבראכען:

— מיר דאכט זיך, אז איהר איבערטרייבט. מיט מיר האט זי זיך שטענדיג געהאלטען זעהר איינפאך.

— יא, ווייל אייך האט זי געקענט געפעלען נור מיט איינפאכקייט. אט דאס מיין איך דאך: זי ווייסט, מיט וואס יעדען צו געפעלען. איבריגענס וויל איך ניט ריידען וועגען איהר קיין שלעכטס. זי איז מיר פיעל ליעבער ווי די אנדערע איהר גלייכען. אבער פרויען אין דעם ריכטיגען זין זיינען זיי קיינער ניט.

מאסיוואל האט ווידער אנגעהויבען צו שפיעלען, און זיי זיינען אנשווייגען געווארען. דאן האט די מארקיזע בראטיאנע אנ-

געהויבען צו זינגען דעם צווייטען טייל און איהר שטימע האט ארויסגעבראכט טענער פול ליידענשאפט, פול פייער.

אבער לאמארט האט די אויגען ניט ארונטערגענומען פון דער באראנעסע פרעמין און דעם גראף בערנהויז, וועלכע האבען זיך נאך אלץ אונטערהאלטען.

אזוי גיך ווי דער לעצטער טאן פון דעם קלאוויר איז פערשטארבען אונטער אפלאדיסמענטען, האט ער זיך אנגערופען אויפגערעגט:

— יא, ווי איך האב אייך געזאגט, פרויען אין דעם ריכטיגען זין זיינען זיי קיינע ניט. די אנשטענדיגסטע צווישען זיי זיינען ווייט פון ווירקליכער אנשטענדיגקייט. וואס מעהר איך דערקען זיי, אלץ ווייניגער געפין איך ביי זיי יענע בערוישענדע ליעבע, וואס די עכטע פרוי האט געדארפט האבען פאר אונז. אמת, זיי בערוישען אונז אויך, אבער זיי פערגיפטען אונז, ווייל דאס, וואס זיי האבען פאר אונז, איז געפעלשט. זייער גיפט איז זיס, אמת, אבער ווייך, אלטער, עכטער ווייך איז עס ניט. זעהט איהר, מיין ליעבער, די פרוי איז געשאפען אום צו ערפילען צוויי גרויסע, וואונדערפולע אויפגאבען: צו ליעבען און צו זיין א מוטער. אבער פרויען פון דעם מין זיינען ניט פעהיג צו ליעבען און קינדער ווילען זיי אויך ניט האבען. און האט וועלכע פון זיי א קינד, מחמת א פערזעהן, קוקען זיי אויף דעם ווי אויף א בעזונדערען אונגליק, ווי אויף א שווערע לאסט. ניין, פרויען זיינען זיי ניט!

מאריאל'ען האט געוואונדערט דער בייזער טאן, מיט וועלכען דער שריפטשטעלער האט גערעדט וועגען די פרויען, און דערפאר האט ער געפרעגט:

— היינט פארוואס לויפט איהר אזוי נאך די פרויען?

לאמארט האט געענטפערט מיט היץ:

— פאר וואס? פאר וואס? נו, ווייל זיי אינטערעסירען מיך. איהר וועט זיך דאך ניט וואונדערען, פאר וואס דער דאק-

טאָר נעהט אין שפּיטאל, די קראַנקע צו אונטערזוכען? די דאָזיגע פּרויען זיינען פאַר מיר, אַזוי צו זאָגען, מיין קליניק.

ער האָט זיך, קענטיג, אַביסעל בערוהיגט נאָך דעם דאָזיגען ענטפער און ער האָט נאָך צוגעלעגט:

— אויסער דעם לויף איך זיי נאָך, ווייל עס לוינט מיר אַזוי. אייגענטליך בין איך ניט מעהר מאַן, ווי זיי פרויען. ווען איך לויף עמיצען פון זיי נאָך, זוך איך אויסצוגעפינען, וואָס געפעלט מיר אין איהר, מיט וואָס אַזוינס ציהט זי מיך צו זיך, און איך ציה אַרויס פון איהר דעם גיפט, ווי דער נייגעריגער כעמיקער נעהמט אַמאָל גיפט, כדי אויסצוגעפינען, ווי עס ווירקט.

ער איז אַ ווײַלע אַנשוויגען געוואָרען און דערנאָך ווידער אָנגעהויבען:

— זעהט איהר, אויף אַזאַ אופן קענען זיי קיינמאָל ניט מיך ריכטיג אַריינכאַפּען. איך שפּיעל צוליעב שפּיעלען, פּונקט ווי זיי און אפשר בעסער פון זיי. איך קען דאָס פאַר מיינע ביכער בענוצען, זיי אָבער האָבען ניט קיין נוצען פון זייער שפּיעלען. זיי זיינען אַלע נאַריש, די דאָזיגע פערדאָרבענע, דורך זייערע געדאַנקען פערדאָרבענע פרויען.

און, צוהערענדיג זיך צו איהם, האָט מאַריאַל געפיהלט, ווי אַ שווערע טרויעריגקייט צושפּרייט זיך איבער זיין נשמה, ווי די מעלאַנכאָליע, מיט וועלכער אַ רעגען אין דאָרף פערדונקעלט די ערד. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אין גאַנצען איז דער שריפטשטעלער ניט אונגערעכט, אָבער ער האָט אויך ניט געקענט צוגעבען, אַז ער איז אין גאַנצען גערעכט.

דאָ איז ער מיט אַמאָל אויפגערעגט געוואָרען און זיך אָנגערופען, ניט אַזוי אום די פרוי צו פערטהיידיגען, ווי אָנצוואַווייזען איינע פון די אורזאַכען, וואָרום די היינטיגע פרוי איז אַזוי:

— אַמאָל — האָט ער געזאָגט — ווען די ראָמאַניסטען און דיכטער האָבען זי בעגייסטערט און געמאַכט צו טרוימען, האָט זי געזוכט און געגלויבט צו געפינען דאָס אינ'ם לעבען, וואָס זי

האט געלעזען. היינט אבער האבען די ראמאניסטען און דיכטער אויפגעהערט צו שילדערען די שעהנע, פאעטישע טרוימען, זיי שילדערען נור די נאקעטע ווירקליכקייט. און דערפאר, מיין פריינד, האט איהר ניט מעהר קיין אמת'ע ליעבע אין אייערע ביכער און זי איז נישטא מעהר אינ'ם לעבען אויך. ווי די פרוי איז אין אייערע ביכער, אזוי איז זי אינ'ם לעבען.

לאמארט האט איהם שוין געוואלט ענטפערען מיט א גאנצער לעקציע, ערשט מאדאם דע בורן איז צו זיי צוגעגאנגען.

זי האט היינט אויסגעזעהן אונגעוועהנליך שעהן, איז געווען אנגעטהאן רייצענד. איהר שפאטישע, ארויספאדערענדיגע מינע האט אלע מאל אביסעלע אויפגערייצט צום קאמפף. זי האט זיך געזעצט:

— איך האב זעהר ליעב ווען צוויי מענער ריידען ניט וועגען מיר. איבריגענס זייט איהר דא די איינציגע, וועמען מען קען מיט פערגעניגען אויסהערען. וועגען וואס רעדט איהר?

לאמארט האט איהר אפען און מיט ליעבענסווירדיגען שפאט ערקלערט וועגען וואס זיי האבען גערעדט. ער האט נאך אמאל אנגעגעבען זיינע טענות אין א שארפערער פארמע נאך, ווייל ער האט זיך געוואלט פאר איהר ארויסווייזען, ווי אלע ערפאלג-זוכער אין דער געגענווארט פון פרויען.

און גלייך מאקי האט זי זיך אנגענומען פאר דער מאדערנע פרוי, האט זיך היגעריסען און פערטהיידיגט זי מיט פיעל גייסט, פיינהייט און טיעפזיניגע געדאנקען. א פאר ווערטער, וואס האבען דעם ראמאניסט פערוואונדערט, וועגען טרייהייט און איבערגעבענהייט אפילו ביי אזוינע פרויען, וועלכע, מען דענקט, זיינען גאר ניט פעהיג אויף דעם, האבען געמאכט קלאפען מאריאל'ס הארץ. און אז זי איז אוועק, אום זיך צו זעצען נעבען דער באראנעסע פרעמין, וועלכע האט אויף א מינוט ניט אפגעלאזט פון זיך גראף בערנהויז, זיינען לאמארט און מאריאל ווידער ענטציקט געווען פון איהר פרויען-רייץ און פון איהר פיינעם פערשטאנד.

— א מערקווירדיגע פרוי!

— אן אונגעוועהנליכע פרוי!

האָבעןביידע גערעדט.

פּלוצים האָט זיך דער שריפטשטעלער א כאַפּ געטהאָן:

— זעהט נור!

דאָרט וואו דער גראַף איז געזעסען מיט די ביידע דאַמען, איז אָנגעגאנגען א היציגע דעבאַטע. מאדאם דע בורן האָט אי־בערגעגעבען דער באַראָנעסע פרעמין אלצדינג, וואס לאַמארט האָט געזאָגט וועגען דער הייגטיגער פרוי, און איבערגעגעבען האָט זי לאַמארט'ס ווערטער אזוי, דאָס זיי זאָלען גראד פּאַסען אויף דער באַראָנעסע... דערנאָך האָט מאדאם דע בורן געגעבען א צייכען מאריאל'ן און לאַמארט'ן, זיי זאָלען צוגעהן. און ווען די דע־באַטע איז לעבעדיגער געווארען, האָט זי צוגערופען אַלעמען.

איצט האָבען אַלע אנטהייל גענומען אין דער דיסקוסיאָן, פרעהלאך און פול ליידענשאפט.

יעדער האָט עפּעס געזאָגט, אָבער מאדאם דע בורן איז גע־לונגען אויסצודריקען אינטערעסאנטערע געדאנקען ווי די אנדערע און זי האָט זיי אויסגעדריקט אויף א זעהר אמוזאנטען אופן. אין אַלגעמיין איז זי אין דעם טאָג געוועזען וויציגער, שעהנער און אינ־טערעסאַנטער ווי ווען־עס־איז.

VII

ווען מאריאל האט פערלאזען מאדאם דע בורן׳ס הויז און נים געפיהלט מעהר אויף זיך דעם מעכטיגען צויבער פון איהר אנוועזענהייט, איז איהם זעהר שווער געווארען אויפ׳ן הארצען. ער האט דערשפירט אין זיך און אומעטום ארום זיך, אין זיין פלייש, אין זיין זעעלע, אין דער לופט און אין דער גאנצער ארו־מיגער וועלט עפעס אזוינס, ווי די פרייד פון זיין לעבען, וואס האט איהם זיים א געוויסע צייט אין גאנצען בעלעבט, וואלט מען ביי איהם אוועקגענומען.

וואס האט אזוינס פאסירט? גאר נישט, אדער כמעט גאר נישט. זי איז צולעצט געווען מיט איהם ליעבענסווירדיג און האט איהם א פאר מאל דורך די בליקען געלאזט וויסען: „איך טראכט דא מעהר פון קיינעם ניט, נור פון דיר אליין.״ און דאך האט ער געפיהלט, אז זי האט איהם געוויסע זאכען אויפגעדעקט, וועגען וועלכע ער וואלט הלואי גאר קיין מאל ניט געוואוסט. אויך דאס איז געווען גאר נישט, אדער כמעט גאר נישט; דאך האט ער זיך געפיהלט פערוואונדעט פון דעם, וואס ער האט זיך דערוואוסט וועגען איהר, ווי א מענש, וואס וואלט פלוצים אויס־געפונען, אז זיין פאטער אדער מוטער האט עפעס א מיאוס׳ע זאך אפגעטהאן. ער האט געמיינט, אז די גאנצע דריי וואכען איז זי אזוי פול געווען מיט איהם, האט אזוי ניט אויפגעהערט צו טראכ־טען וועגען איהם, ווי ער מיט איהר, ווי ער וועגען איהר, און מיט אמאל האט ער זיך דערוואוסט, אז זי האט דא געמאכט, ווי גע־

וועהגליך, איהרע וויזיטען, אז זי האט דא גאר געטראכט וועגען אן אנדערען, קאקעטירט מיט יענעם און געזוכט יענעם פון א קאנ־קורענטקע אוועקצורייסען.

אזוי שנעל ! אה, ווען זי וואלט דאס געטהאן שפעטער, וואלט ער זיך גאר ניט געוואונדערט. ער האט געקענט די וועלט, ער האט געקענט די פרויען און זייערע געפיהלען. ער איז גענוג קלוג געוועזען דאס אלצדינג צו פערשטעהן, האט קיינמאל קיין אונמעגליכעס ניט ערווארטעט און וואלט ניט אייפערזיכטיג גע־וועזן. זי איז געוועזען שעהן. זי איז געבארען געווארען, אום צו גע־פעלען, אום מען זאל איהר שמייכלען און קאמפלימענטען זאגען. פון אלעמען האט זי איהם אויסגעוועהלט און איהם בעגליקט קע־ניגליך. ער וואלט סיי ווי געוועזען איהר שקלאף, א שקלאף צו איהרע קאפריזען, ניט מעהר ווי א פער׳כישוף׳טער, פערליבטער צושויער, פונקט ווי די אנדערע, וואס זייערע הערצער האלט זי געפאנגען ; ער האט געדארפט צופריעדען זיין ; דאך אבער אין יענעם דונקעלען אונטערגרונד פון זיין נשמה, וואו די צארטעסטע געפיהלען שלומערען, האט איהם עפעס וועה געטהאן.

ער איז געוויס געוועזען אונגערעכט ; ער איז אלע מאל אונ־גערעכט געוועזען זינט ער האט זיך דערקענט. ער איז צו שטאלץ און צו סענטימענטאל געוועזען פאר דער וועלט. זיין נשמה האט צו צארט געפיהלט. דאס איז געוועזען די אורזאך, ווארום ער האט געלעבט אזוי צוריקגעצויגען פון דער וועלט. ער האט אויסגע־מיידט צו טרעפען זיך מיט מענשען פאר מורא, טאמער וועט מען זיינע געפיהלען בעליידיגען. ער איז געוועזען אונגערעכט, ווייל דערמיט האט ער נור בעוויזען, אז ער אליין אנערקענט ניט די גע־פיהלען פון אנדערע. ער האט עס געוואוסט. גאר אפט האט ער אין זיך אריינגעקוקט און די דאזיגע אונטאלעראנץ ביי זיך בע־מערקט. ער האט אבער זיך ניט געקענט העלפען, זיין נאטור האט ער ניט געקענט ענדערען.

מאדאם דע בורן האט ער געוויס ניט געהאט וואס פארצו־

ווארפען. ווען זי האט איהם אין די טעג פון גליק אינ'ם סאלאן ביי זיך ניט געוואלט טרעפען, איז עס זיכער געווען דערפאר, אום מען זאל זייער ליעבע, זייערע פערהעלטניסען ניט בעמערקען און זיי זאלען קענען אין גרעסערער זיכערקייט זיך זייער גליק אפגע־בען. היינט פארוואס איז איהם געווען אזוי שווער אויפ'ן האר־צען, פארוואס? ווייל ער האט געמיינט, אז זי האט צו איהם אליין געהערט און ווייל עס איז איהם איצט קלאר געווארען, אז קיינמאל וועט דאס פיעל־זייטיגע הארץ פון דער דאזיגער פרוי, וואס האט געהערט צו דער גאנצער וועלט, איהם אליין געהערען.

זעהר טרויעריג האט ער זיין אבענד פערבראכט. ער האט זיך אלץ געגריבעלט אין דעם שווערען געפיהל, וואס האט איהם איצט געמוטשעט. ווען ער איז געלעגען אינ'ם בעט, האט דער דאזיגער געפיהל איהם נאך מעהר בעוועלטיגט. אזוי ווי ער האט געוואלט ביז'ן גרונט אויספארשען די אורזאכען פון דעם דאזיגען פיינליכען געפיהל, האט ער געטראכט, געגראבען זיך אין זיין הארצען און צוגעהערט זיך צו זיינע געדאנקען. און זיי זיינען געקומען און אוועק, און זיינען ווידער געקומען, קאלטע, בייסענדיגע, ווי דאס אטהעמען פונ'ם פראסט, און האבען געוועקט אין זיין הארצען א וועהטאג, וועלכער איז נאך שוואך און אונבעשטימט געווען, אבער וועלכער האט געפייניגט ווי די אונבעשטימטע נעווראלגישע שמער־צען, וואס קומען אלע מאל איידער גרויסע וועהטאגען בעפאלען.

ערשט איצט איז איהם קלאר געווארען, אז ער איז אייפער־זיכטיג, ניט ווי א פערליעבטער, נור ווי א מאן, וואס האט א רעכט אויף זיין פרוי. וואלט ער זי ניט געזעהן איצט פון מענער ארומגערינגעלט, פון זיינע בעקאנטע, וואלט ער פון דעם דאזיגען געפיהל ניט געטראכט, וואלט ניט געוואגט צו טראכטען, כאטש ער האט איהם אין זיך דונקעל געשפירט. אבער ווען ער האט זי איצט דערזעהן פון זיי ארומגערינגעלט, איצט, ווען זי האט גע־דארפט זיין פון זיין ליעבע בערוישט, ווען ער האט זי איצט גע־טראפען קאקעטירענדיג מיט די אנדערע נאך מעהר ווי פריהער,

איידער זי האָט זיך איהם אָפּגעגעבען, האָט ער זיך דערפיהלט אייפערזיכטיג, פיזיש אייפערזיכטיג, מיט זיין פלייש מעהר ווי מיט זיין נשמה, ניט אונבעשטימט אייפערזיכטיג, נור קלאָר און בעשטימט, ווייל ער האָט גענומען פערדעכטיגען זי.

איז ער געווען איהר ערשטער ליעבהאָבער אדער דער צעהנ־טער? נאָך וועמען איז ער געקומען — צי נאָך לאַמארט'ן, מאַ־סיוואל'ען, דע מאלטרי'ן, צי אפשר גאָר נאָך דעם עסטרייכישען קאָנסול, וואס איז געווען פאר גראַף בערנהויז? וואס אייגענט־ליך האָט ער געוואוסט וועגען איהר? אז זי איז געווען שעהן, צום משוגע ווערען, עלעגאַנטער פון אַלע אַנדערע פרויען, קלוג, פיין, גייסטרייך, אָבער שטענדיג מיט אַנדערע קאפריזען, שטענדיג אין אַן אַנדער מוט, שטענדיג פערליעבט אין זיך און אַ משוגענע קאָקעטקע. וויפיעל ליעבהאָבער האָט זי געהאַט פאר איהם? אז זי וואָלט פריהער קיין ליעבהאָבער ניט געהאַט, וואָלט זי דען דעם מוט געהאַט, דאָרט אינ'ם האָטעל, אליין צו קומען און עפענען זיין טיר? וואָלט זי דען אזוי לייכט געקומען צו איהם דערנאָך אין דעם הייזעל אין אוטיל? איידער זי איז אהין געקומען, האָט זי איהם נור אַ פּאָר פראַגען געשטעלט, וואָס זיי האָבען נור גע־וויזען, ווי פאָרזיכטיג און דורכגעטריבען זי איז.

און ווי זיכער זי האָט אין די קליינע טיר אָנגעקלאַפּט, היג־טער וועלכער ער איז געשטאַנען מיט אַ ציטערענדיגען הארצען. ווי דרייסט זי איז דאָס אריינגעקומען, האָט זיך נור אומגעקוקט, אויב פון די שכנ'ישע הייזער זעהט מען זי ניט. ווי שנעל זי האָט זיך דאָס געפיהלט היימיש אין דעם דאַזיגען פערבאָרגענעם ווינ־קעל, וועלכער איז געדונגען און מעבלירט געוואָרען פאר געהיימע ליעבע. וואָלט די מוטיגסטע, די פרייעסטע פרוי, אזא אפילו, וואס וואָלט זיך אין גאַנצען ניט געקימערט וועגען מאָראל און לייטישע רייד, וואָלט זי אזוי רוהיג דען געווען גלייך דעם ערשטען מאָל, ווען זי וואָלט געקומען אין אזא געהיים ווינקעלע?

וואָלט זי ניט געווען צומישט, צוטומעלט? וואָלט זי ניט

מורא געהאט, טאָמער קלאַפּט זי אין א פרעמדער טיר? וואָלט זי ניט געווען אונרוהיג, נערוועז? וואָלט דער געפיהל פון שעה־מען זיך ניט געווען אין איהר הארצען? וואָלט איהר קערפּער זיך ניט געקוועקעלט, איהרע פיס ניט געציטערט? איהר רוהיגקייט קען מען ערקלערען נור מיט דעם, וואס אזוינע צונויפטרעפענישען זיינען ביי איהר געווען ניט דאָס ערשטע מאָל.

ציטערענדיג פאר אונערטרעגליכער אונרוה, האָט מאריאל זיך געפיהלט פון זיינע געדאנקען פערפאָלגט, ווי איינער, וואס גליטשט זיך אין אן אָפּגרונד ארונטער. ער האָט זיך געסטאַרעט אָנצו־כאַפּען אָן עפּעס, אָפּצוהאַלטען זיין גליטשען, האָט זיך יעדע וויילע אנגעכאַפּט אָן עפּעס און אָנגעהאַלטען זיך. ער האָט געזוכט, גע־פונען און געקומען אויף ריכטיגע און בערוהיגענדע געדאנקען. אבער אן אונבעשטימטע מורא פון וועלכער ער האָט זיך ניט גע־קענט בעפרייען, האָט זיך דאָך אין זיין נשמה אָפּגעשטעלט.

וואס טאקי האָט ער איהר געקענט פאָרוואַרפען? גאָר נישט, אויסער וואס זי איז אנדערש ווי ער, וואס זי האָט אָן אנדער בליק אויפ׳ן לעבען ווי ער און וואס איהר הארץ פיהלט ניט אזוי צאַרט, ווי זיין הארץ.

אויף מאָרגען, ווי נור ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך איהם גלייך פערוואָלט זי צו זעהן, אום צו פערשטאַרקען זיין פערטרויען אין איהר. ער האָט זיך קוים דערוואַרט די שטונדע, ווען זי פלעגט איהרע פריינד אויפנעהמען אין איהר סאַלאָן, און איז אוועק צו איהר.

ווען זי האָט איהם דערזעהן אין איהר סאַלאָן אריינקומען, וואו זי איז געזעסען אליין און א בריעף געשריבען, איז זי איהם אנטקעגען געלאָפען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

— אָה, גוטען מאָרגען, מיין פריינד! — האָט זי אויסגערופען מיט פרייד, אזוי אויפריכטיג, דאָס אלע פינסטערע געדאנקען, וואס האָבען נאָך אין זיין מוח געבלאָנדזשעט, זיינען ווי אפּגע־ווישט געוואָרען.

ער האָט זיך געזעצט נעבען איהר. און ער האָט גלייך איהר אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי אזוי ער ליעבט זי איצט. וואָרים איצט האָט ער זי גאַנץ אַנדערש געליעבט ווי פריהער. אין וואַרימע ווערטער האָט ער אויסגעדריקט פאר איהר דעם געדאַנק, אז עס זיינען פאראן צוויי זאָרטען ליעבע אויף דער ערד: איינע, א ריין פיזישע, וואָס פלאַקערט שטורעמדיג און וואָס ווערט באלד אָפּגעקיהלט נאָך דער ערשטער בעפרידיגונג און די צווייטע, וועלכע נאָך דער ערשטער בעפרידיגונג צוברענט זי זיך ערשט אַלץ מעהר און מעהר, ווייל די דאָזיגע ליעבע איז ניט נור א קערפּערליכע, א פיזישע, נור אויך א זעעלען־ליעבע, א הארץ־ליעבע. די דאָזיגע ליעבע קען קיינמאָל ניט זאַט זיין, ניט אפילו אין די אינטימסטע מאָמענטען, קיינמאָל, קיינמאָל איז זי ניט בעפרידיגט אין גאַנצען, ווייל אויב דער קערפּער פון דעם געליעבטען וועזען האָט זיך פאר איהם געעפענט, איז דער גייסט פון דעם געליעבטען וועזען, זיין נשמה, נאָך וואָס זי, די ליעבע בענקט ניט וועניגער, איז פאר איהר געבליבען נאָך פערשלאָסען.

מאַדאַם דע בורן האָט זיך צוגעהערט צו איהם מיט התפעלות, זי איז בעגייסטערט געוואָרען פון זיינע רייד. דאָס זיינען געוועזען ווערטער פון דער אמת'ער ליעבע. און זי האָט זיך געפיהלט אזוי גליקליך פון דעם געדאַנק, צו האָבען ערוועקט אזא געפיהל גראָד ביי איהם, ביי דעם מאַן, וועלכער האָט עס געקענט אזוי שעהן אויסדריקען און וועלכער איז איהר זעהר געפעלען געוועזען, און וועלכען זי האָט אַלץ מעהר און מעהר געדאַרפט האָבען, ניט פאר איהר קערפּער, נור פאר איהר פרויען־זעעלע, וואָס האָט אזוי געזוכט ליעבע, בעוואונדערונג און הערשאַפט איבער א צווייטען. זי האָט זיך געפיהלט פון דעם אזוי גליקליך, דאָס זי האָט חשק געהאַט איהם אויפ'ן האַלז צו וואַרפען זיך, איהם צו קושען, אין גאַנצען איהם אָפּצוגעבען זיך, אבי ער זאָל זי ווייטער אזוי ליעבען.

איינפאַך, אָהן קונסט, האָט זי איהם געענטפערט, אז זי ליעבט איהם אויך אַלץ מעהר און מעהר. און אין דעם סאַלאָן, אין וועל־

כען צופעליג היינט איז קיינער ניט געקומען, ווען דער אבענד איז צוגעפאלען, זיינען זיי ביידע געזעסען גאנץ אליין און האבען אלץ גערעדט פון איין און דערזעלביגער זאך און זיך געלאסטשעט מיט ווערטער, וואס האבען פאר זיי ביידען געהאט אביסעל אן אנדער בעדייטונג.

מען האט לאמפען אריינגעטראגען, ערשט די מארקיזע בראַ־טיאנע איז אריינגעקומען. מאריאל האט זיך גלייך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן. און ווען מאדאם דע בורן האט איהם בעגלייט אין דעם ערשטען סאלאן, האט ער געפרעגט:

— און ווען זעהען מיר זיך דארט?

— ווילט איהר פרייטאג?

— געוויס. וועלכע צייט?

— ווי געוועהנליך. אום דריי.

— פרייטאג, אדיע.

די צוויי טעג, ביז פרייטאג, האט ער זיך קיין ארט ניט געקאנט געפינען. ער האט געפיהלט אין זיך אזא פוסטקייט, ווי נאך קיינמאל אין זיין לעבען. זי האט איהם געפעהלט. און אזוי ווי ער האט זי לייכט געקאנט זעהן און נור די פארזיכ־טיגקייט האט איהם געשטערט צו בעזוכען זי יעדען טאג, זאגאר מיט איהר צוזאמען צו לעבען, האט ער זיך געמוטשעט אין זיין איינזאמקייט, פון דעם אונענדליכען לאנגזאמען שלעפען זיך פון דער צייט, פון דער אונמעגליגקייט פון א זאך, וואס האט אזוי לייכט געקאנט זיין מעגליך.

פרייטאג איז ער געקומען אין דאס פערבארגענע ווינקעלע מיט דריי שטונדען פריהער. עס איז איהם לייכטער געווען צו ווארטען דארט אויף איהר. מאמענטענווייז איז ער זאגאר גליק־ליך געווען פון דעם געדאנק, אז ער וועט זי באלד זעהן.

אבער ביז די דריי שטונדען זיינען פאראיבער, האט די צייט זיך אזוי לאנגזאם געשלעפט. ער האט די געדולד אנגעהויבען צו פערליערען, איז געשטאנען א לאנגע צייט הינטער דער טיר און

אלץ געוואָרט דער זייגער זאָל שלאָגן דריי, און זי זאָל אריינ־קומען.

דער זייגער האָט צום סוף געשלאָגן דריי און זי איז ניט געווען. עס איז געוואָרן א פערטעל נאָך דריי, ער האָט געצי־טערט פאר אונגעדולד, און זי איז נאָך אלץ ניט געווען.

ער האָט פאַרזיכטיג ארויסגעקוקט אויף דער גאַס, ארויס־שטעקענדיג דעם קאָפ פון דער טיר. קיין לעבעדיגער מענש. ער האָט ניט ארויסגעלאָזט די אוהר פון דער האנד. עס איז געוואָרן האלב נאָך דריי. און די מינוטען האָבען זיך געצויגען אזוי פיינ־ליך לאַנגזאַם. פלוצים האָט ער דערהערט א שטיל גערויש אויפ'ן פלאסטער. א האנד, בעצויגען מיט א האַנדשוה, האָט אַנגעקלאַפּט. ער האָט זיך א כאַפּ געטהאָן און גלייך פערגעסען אָן די אלע פיינ־ליכע מינוטען, וואָס ער האָט דאָ ערשט איבערגעלעבט.

זי האָט געפרעגט אביסעלע פערסאָפּעט:

— איך האָב זיך זעהר פערזאַמט, האַ?

— אָה, ניין, איהר האָט זיך גאָר ניט פיעל פערזאַמט.

— שטעלט זיך פאָר, שיער־שיער האָב איך היינט ניט געקענט קומען. איך האָב געהאַט געסט און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, ווי אזוי מען וועט לויז פון זיי. האָט איהר דאָס הייזעל אויף אייער נאָמען געדונגען?

— ניין. וואָרום דען?

— כדי איך זאָל וויסען, צו וועמען צו טעלעגראַפירען, ווען מען וועט מיך אמאָל ווידער פערהאַלטען.

— דאָ הייס איך הערר ניקאָל.

— גוט. איך וועל עס געדענקען. גאָט, איז דער גאָרטען שעהן.

פאַר איהרע אויגען האָבען זיך געצויגען פינף גרויסע בעטען מיט פרישע, פערשיעדענ־פאַרביגע און דופטענדיגע בלומען, אויף וועלכע א גוט־בעצאָהלטער גערטנער האָט אכטונג געגעבען.

זיי זיינען געבליבען שטעהן נעבען א באַנק.

— מיר וועלען זיך דא צוזעצען אויף א ווײלע. איך וויל אייך דערצעהלען א קאמישע געשיכטע.

און זי האט איהם דערצעהלט א סקאנדאליעזע שטיקעל נײעס, וואס זי האט גור־וואס געהערט און פון וועלכען זי איז נאך נע־ווען אויפגערעגט. מען האט איהר דערצעהלט, אז מאדאם מאסי־וואל, דעם קאמפאניסט'ס פרוי, איז אין אנפאל פון אײפערזוכט געקומען צו לויפען צו דער מארקיזע, בשעת זי האט געזונגען און מאסיוואל האט איהר אקאמפאנירט. עס איז פארגעקומען א גרוי־סער סקאנדאל. מאדאם מאסיוואל האט געמאכט א סצענע דער מארקיזע. מאסיוואל איז געווען אויסער זיך; ער האט געוואלט ארויספיהרען זײן פרוי; זי האט איהם צוקראצט דעם פנים, גע־ריסען איהם די האר, געביסען איהם און קוים מיט צרות האט לאמארט און צוויי דיענער איהם א לעבעדיגען ארויסגעריסען פון איהרע הענד. זײט דעמאלט האט מען מאסיוואל'ן ערגעץ נים אנגעזעהן און לאמארט האט געהאט צו דערצעהלען א שעהנע קא־מישע געשיכטע, וועלכע ער האט אומעדום דערצעהלט זעהר אמוזאנט און גײסטרײך. די דאזיגע פאסירונג האט זי אזוי אינ־טערעסירט, דאס זי האט, דאכט זיך, וועגען קײן אנדער זאך גאר ניט געטראכט. זי האט נאכאנאנד דערמאנט מאסיוואל'ן און לא־מארט'ן און דאס האט מאריאל'ן געערגערט.

— איהר האט ערשט געהערט פון דעם? — האט ער זיך אנגערופען.

— אונגעפעהר א שטונדע צוריק.

„און דערפאר איז זי שפעט געקומען", האט ער א טראכט געטהאן מיט ביטערניש. דערנאך האט ער זיך אנגערופען:

— וועלען מיר ארײנגעהן?

— יא — האט זי געענטפערט צוטראגען.

א שטונדע שפעטער, ווען זי האט איהם פערלאזען, ווײל דעם טאג האט זי זיך זעהר געאײלט, האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין דאס קלײנע, אײנזאמע הויז און זיך געזעצט אויף א שטוהל אין

איהר צימער. אין זיין גאנצען וועזען, אין זיין גאנצער זעעלע האָט ער געפיהלט א אונבעפריעדיגונג, אזוי ווי ער וואָלט זי ניט געהאַט, אזוי ווי זי וואָלט אין גאנצען ניט געקומען. ער האָט זיך אריינגעטראַכט אין זיך, געוואָלט דערגעהן דעם גרונד פון דעם דאָזיגען געפיהל, און דאָרט, אין איהם, איז געווען דונקעל, ער האָט דאָרט קלאָר גאָר נישט ניט געקאָנט דערגעהן. ער האָט נור געפיהלט, אז ווען ער האָט זי געקושט, איז איהר הארץ געווען ווייט פון איהם און איהרע געדאַנקען זיינען געווען פערנומען מיט עפּעס אנדערש.

און דאָ איז איהם מיט אמאָל קלאָר געוואָרען, אז ער ליעבט זי מיט זיינע חושים ניט ווענינער ווי מיט זיין נשמה. אפשר נאָך מעהר. און דער געדאַנק, אז זיין ליידענשאַפט האָט זי ניט אָנגעצונדען, האָט איהם אזוי אויפגערעגט, דאָס א משוגע'נער חשק האָט איהם אָנגעכאַפּט אָנצוזאָגען זי, רופען זי צוריק און אָנצינדען איהר ליידענשאַפט. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך געפיהלט, אז דאָס וועט איהם היינט ניט געלינגען; איהר הארץ וועט ער היינט ניט האָבען. ער האָט אלזאָ געמוזט וואַרטען אויף דעם טאָג, די שטונדע, ווען זי, וועלכע איז אזוי אָפט גאַנץ אנדערש געשטימט געווען, וועט זיין אין א שטימונג פון ליעבע...

לאַנגזאַם, זעהר מיעד, מיט שלעפּענדיגע טריט, די אויגען ארונטערגעלאָזט, פונ'ם לעבען איבערדריסיג, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים.

VIII

דעם גאַנצען ווינטער איז זי געקומען רעגעלמעסיג אין דאָס געדרונגענע הייזעל, אפילו ניט אַלע מאָל פּינקטליך.

די ערשטע צוויי מאָנאַטען האָט זי פערשפּעטיגט אַמאָל אַ שטונדע און אַמאָל צוויי.

אינ'ם הערבסט, ווען דער רעגען האָט געגאָסען, איז מאַריאַל גאַנץ אָפט געשטאַנען אונטער אַ רעגענשירם, הינטער דער גאָר־טען־טיר, ציטערענדיג פאַר קעלט, און געוואַרט אויף איהר. דאַן האָט ער זיך געלאָזט אויפבויען הינטער יענער טיר אַ מין היל־צערנע בודקע, וואו ער האָט זי אויפגעוואַרט, כדי זיך ניט צו פער־קיהלען. די בוימער האָבען שוין ניט אויסגעזעהן גרין. אויף דעם אָרט פון די ראָזען און פון די אַנדערע בלומען האָבען זיך איצט געצויגען ברייטע בעעטען פון ווייסע, ראָזעווע, וויאָלעטעווע, פּור־פּערנע און געלע פּלאַנצען, וואָס האָבען פון זיך ארויסגעהויכט אין די פייכטע לופט, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעמישט דער מעלאַנכאָלישער דופט פונ'ם רעגען און פערוועלקטע בלעטער, אַ שארפען באַלזאַם־גערוך, וועלכער איז אויך געווען אביסעל טרוי־עריג. פאַר דער טיר פון דער קליינער וואוינונג איז געשטאַנען אַ קרייץ, וואָס דער גערטנער האָט פון פערשיידענ־פאַרביגע בלומען געמאַכט. און קיינמאָל איז מאַריאַל איהם ניט פערבייגעגאַנגען, אַז ער זאָל ניט אַ טראַכט טהאָן, דאָס דער דאָזיגער קרייץ פון בלומען פערדעקט אַ קבר.

אָה, ווי טיעף די קליינע בודקע הינטער דער טיר איז איהם

אין די ביינער אריין! דער רעגען האט געקלאפט אויפ'ן נידרי־גען דאך, אויף די ברעטער, און ער, מאריאל, איז דארט געשטאנען, געווארט און דא געהאפט, און דא די גרויסע פערלארען, און דא איז ער גאר פערצווייפעלט געווען.

ער האט געפיהרט א קאמפף, א שטענדיגען, ביטערען פער־ביסענעם קאמפף, מיט עטוואס אזוינס, וואס ער האט ניט געקאנט אנטאפען, מיט עטוואס אזוינס, וואס קאן זיין, איז גאר אין גאנ־צען אויף דער וועלט ניט געווען: מיט דער ליעבע פון דעם דאזיגען פרויען־הארצען.

און ווי מאדנע זי האט זיך אויפגעפיהרט, אז זי איז שוין געקומען. זי האט געוואלט שווייגען, פלוידערען, האט דעם הוט פונ'ם קאפ ניט אראבגענומען, די האנדשוה ניט אויסגעטהאן, דעם שלייער אויפ'ן פנים ניט אויפגעהויבען, אפילו איהם ניט א קוש געטהאן; זי איז געזעסען און איהר קאפ איז פערנומען גע־ווען מיט הונדערטערליי קלייניגקייטען, וואס האבען זיך איהר אויסגעוויזען וויכטיגער, ווי אויסצושטעלען די ליפען דעם גע־ליעבטען, וועלכער איז נעבען איהר געזעסען מיט א הארצען, פול ברענענדיגע ליעבעס־ווערטער, וואס ער האט אבער ניט ארויסגע־רעדט. ער האט זיך צוגעהערט צו איהרע רייד, ער האט איהר גע־ענטפערט און געמאכט זיך, ווי דאס וואלט איהם כלומר'שט אינטע־רעסירט, וואס זי דערצעהלט.

מאנכעסמאל האט ער געפרובט ארייננעהמען איהרע הענד אין זיינע; זי האט איהם דאן אנגעקוקט פריינדליך, אבער רו־היג, אזוי שרעקליך רוהיג!... צייטענווייז האט זי איהם ארויס־געוויזען מעהר ליעבע, מעהר צוגעבונדענקייט. אבער ער, וואס האט פערפאלגט איהר יעדע מינע מיט די אויגען פון דעם ליעב־האבער, האט זיך דאן אנגעשטויסען, אז דערפאר האט זי איהם מעהר ליעבע ארויסגעוויזען, ווייל גראד אין דעם טאג האט זי צופעליג קיין אנדער זאך ניט געהאט וועגען וואס צו טראכטען.

איבריגענס האט איהר שטענדיגער צו־שפעט־קומען בעוויזען

מאַריאַל׳ן, ווי ווייניג חשק זי האָט געהאַט צו די דאָזיגע אינטימע בעגעגענישען. וואָלט זי אויף אַן אמת חשק געהאַט צו דעם, וואָלט זי זיך שוין צוגעאיילט, ניט געקומען צו שפּעט. אַ מערקווירדיגער פערגלייך מיט זיך אַליין איז איהם פונ׳ם זינען ניט אַרויס. זומער, ווען עס איז געווען גוט וואַרעם, איז ער גלייך, ווי נור ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, געלאָפען אין דאָס באָדע־צימער און האָט גענומען זיין וואַנע. ווען אָבער עס איז קאַלט געוואָרען, האָט ער זיך פריהער פערנומען מיט אַזוי פיעל שטוביגע קלייניגקייטען, איידער ער איז געגאַנגען און גענומען זיין וואַנע. אַלע מאָל איז ער אַריינגעקומען אין דאָס באָדע־צימער מיט אַ שטונדע שפּעטער. די דאָזיגע אינטימע בעגעגענישען אין דעם הייזעל איז פאַר איהר געווען, ווי אַ וואַנע ווינטער־צייט.

זייט אַ געוויסער צייט האָט זי אָפט אויך אָנגעהויבען אָפּצולעגען זייערע צוזאַמענטרעפעניסען אויף דעם נעקסטען טאָג. אין דעם לעצטען מאָמענט האָט זי טעלעגראַפירט, אַז זי קאָן ניט קומען, האָט אַלע מאָל געהאַט עפּעס אַן אַנדער אויסרייד. און דאָס האָט איהם שיער ניט משוגע געמאַכט.

ווען זי וואָלט איהם כאָטש אָפען געזאָגט, אַז זיין שטאַרקע ליידענשאַפט איז איהר ניט אָנגענעהם, וואָלט ער געליטען, מורא׳דיג געליטען, אָבער סוף כל סוף וואָלט ער זיך דאָך אַמאָל בערוהיגט. אָבער זי האָט דאָך דאָס איהם ניט געזאָגט, פערקעהרט, מעהר ווי ווען־עס־איז פריהער, האָט זי איהם אַרויסגעוויזען, ווי אָנגענעהם עס איז איהר, וואָס ער ליעבט זי אַזוי משוגע. איצט האָט זי איהם געוואָלט האָבען וואָס אָפטער ביי זיך אינ׳ם סאַלאָן. זי האָט ניט געקאָנט אויסקומען אָהן זיינע שמייכלענדיגע ווערטער, אָהן זיין פערליעבטען בליק, אָהן יענער צערטליכקייט, וואָס זי האָט געפיהלט אין זיין יעדער מינע, אין זיין יעדער בעוועגונג.

איהר אינטימע פריינדשאַפט האָט זי איהם אַרויסגעוויזען אָפען, גאָר זיך ניט געקימערט וואָס מען וועט וועגען דעם דענקען. אפשר האָט זי עס געטהאָן אומיסטנע אַזוי, כדי אייפערזיכטיג צו

מאכען איהרע אנדערע בעוואונדערער. און שטענדיג האט מען איהם דארט ביי איהר געטראפען אינ'ם סאלאן. ער איז אלע מאל גע־זעסען אינ'ם גרויסען פאטעל און גערעדט מיט איהר. און איהר האט פערשאפט אמת'ן פערגעניגען צו פערברענגען מיט איהם אזוי די לאנגע אבענדען גאנץ אליין און דערצעהלען איהם און הערען וואס ער דערצעהלט.

עס איז איהר אנגענעהם געווען דאס אינטימע לעבען מיט דעם דאזיגען קלוגען, פיין־פיהלענדען מענשען, וועלכער האט איהר אין גאנצען געהערט און וועלכער האט זי אזוי פערגעטערט, ווי זי וואלט געווען א גאטהייט אין מענשליכער געשטאלט. און זי האט איהם דערביי אויך גאנץ אפט ענטפלעקט פיעל פון זיך, פון איהרע געדאנקען, פון דעם אונטערגרונד פון איהר נשמה. זי האט זיך געפיהלט מיט איהם פרייער, אינטימער, פאמיליערער, ווי מיט די אנדערע און האט זיך איהם דערפאר אזוי אנפערטרויט, ווי נאך קיינעם ביז אהער.

פאר איהר איז עס געווען פיעל, פאר איהם ווייניג. ער האט נאך אלץ געוואָרט, זי זאל זיך אין גאנצען איהם ענטפלעקען, אין גאנ־צען איהם געהערען מיט איהר נשמה ווי מיט איהר גוף, אזוי ווי ער האט איהר געהערט. אבער, ווי עס האט אויסגעוויזען, איז דאס צוזאמענלעבען איהר ניט געווען בעזונדערס אנגענעהם, מאנכעס־מאל זאגאר פיינליך. זי האט זיך, אמת, אפגעגעבען, און אמאל הינגעריסען אויך, אבער באלד איז זי דערפון מיעד געווארען, און דאס איז איהם געווען זעהר אונאנגענעהם.

זאגאר די לייכטסטע, אונבעדייטענדסטע קליינע צערטליכ־קייטען האבען, ווי עס איז קענטיג געווען, זי נערוועז געמאכט. ווען ער האט מיט איהר גערעדט און דערביי איהר האנד אנגענומען, אום די פינגער צו קושען איינעם נאכ'ן אנדערען, האט זי אימער געמאכט א בעוועגונג, ווי זי וואלט איהר האנד וועלען ארויס־רייסען, און אין איהר ארעם האט ער דאן שטענדיג געפיהלט אן אונגעדולד.

בײם אװעקגעהן, װען ער האָט איהר אויפ'ן האלז געקושט, צװישען דעם קראַגען פונ'ם קלײד און די גאָלדענע האָר, געקושט זי מיט א לאַנגען קוש, װי ער װאָלט אין זיך אײנגעזױגט דעם אראָמאַט פון איהר קערפער אונטער'ן קלײד, האָט זי שטענדיג שטיל זיך א צאַפּעל געטהאָן און אָפּגערוקט פון איהם.

דאַן האָט ער געפיהלט, װי מען װאָלט איהם מיט א מעסער דאָס הארץ פערװאונדעט. און מיט א בלוטענדיגער װאונד איז ער דאַן צו זיך אַהײם געגאַנגען און האָט זיך װידער געגריבעלט אין דער אײנזאַמקײט פון זײן ליעבע. װאָרום האָט זי קײנמאָל ניט געהאַט קײן לײדענשאַפט, כאָטש אויף א קורצע װײלע, װי כמעט אלע פרויען האָבען, בעת זײ גיבען זיך אָפּ, צי פרײװיליג אָדער ניט. אזא לײ־דענשאַפט איז אָפט קורץ, האַלט ניט אָן לאַנג, נאָך איהר קומט, גע־װעהנליך, עקעל, מיעדקײט, אָבער עס איז אזױ זעלטען, זי זאָל אין גאַנצען ניט קומען, קײן מאָל ניט, קײן מאָל ניט, ניט אפילו אויף א װײלע! נײן, זײן געליעבטע האָט אין איהם געזוכט ניט קײן ליעבהאָבער, נור א פרײנד, א קלוגען לעבענס־בעגלײטער.

און אפּשר האָט ער זיך ניט געדאַרפט בעקלאָגען? אפשר שענקען יענע, װאָס גיבען זיך אין גאַנצען אָפּ, ניט אזױ פיעל.

ער האָט זיך ניט בעקלאָגט, נור ער האָט געהאַט אנגסט. ער האָט געהאַט אנגסט פאַר דעם נעקסטען, פאַר דעם, װאָס האָט פלוצים נעקאָנט קומען, װעלכען זי האָט געקענט הײנט אָדער מאָרגען טרעפען. ער האָט געקענט זײן א קינסטלער, א העררפון דער געזעלשאַפט, אַן אָפיציער, א שױשפּיעלער, נור אזא אײנער, װאָס זאָל איהר געפעלען און איהר געפעלען טאַקי דערפאַר, װײל ער װעט זײן דער מאַן, װעלכער װעט צום ערשטען מאָל איהר לײדענשאַפט אָנצינדען, איהר לײדענשאַפט, װאָס װעט זי טרײבען מיט א פײערדיגער בײטש אין זײנע ארעמס אריין.

מאריאל איז שױן געװען אײפערזיכטיג אויף איהר צוקונפט, װי ער איז פיעל מאָל אײפערזיכטיג געװען אויף איהר פערגאַנגענ־הײט, װעלכע ער האָט ניט געקענט.

דערווייל אָבער זיינען איהרע אַנדערע בעוואונדערער גע־וואָרען אייפערזיכטיג אויף מאריאַל׳ן. זיי האָבען גערעדט צווישען זיך וועגען איהם און איהר און זאָגאַר איהר אליין געגעבען אָנצו־הערעניִשען וועגען דעם, וואָס מען רעדט. איין לאַמאַרט נור האָט גע׳טענה׳ט, אַז זי שפּיעלט זיך נור אַזוי מיט מאריאַל׳ן, ווייל איהם נור משוגע מאַכען, און איהם, מאריאַל׳ן, איז אויך אָנגעגעהם צו ערגערען און נערוועז מאַכען די אַנדערע, מעהר איז גאָר נישט צווי־שען זיי ניטאָ, איהר ליעבהאָבער איז ער ניט. איהר פאָטער האָט איהר געפּרובט אויסריידען, זי אָבער האָט איהם נור געענטפערט מיט אַ שטאָלצען שמייכעל. און וואָס מעהר אַרום איהר האָט מען וועגען דעם גערעדט, אַלץ מעהר האָט זי זיך איצט בעמיהט עפענט־ליך אַרויסצואווייזען, אַז מאריאַל איז איהר נעהענטער ווי אַלע אַנדערע. ביז אַהער האָט זי זיך שטענדיג אויפגעפיהרט זעהר פאָרזיכטיג.

און ווען מאריאַל האָט איהר אויך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די ריידעריי, האָט זי געענטפערט:

— דאָס אַרט מיך נים!

— אָך, ווען איהר וואָלט מיךווירקליך ליעב געהאַט!

— האָב איך אייך דען ניט ליעב, מיין פריינד?

— יאָ און ניין. איהר ליעבט מיך דאָ אין אייער הויז, אָבער אַנדערשוואו ניט. איך וואָלט בעסער וועלען, עס זאָל זיין פערקעהרט.

זי האָט זיך צולאַכט און אַרויסגעפּליסטערט:

— יעדער טהוט וואָס ער קאָן.

ער האָט ווייטער גערעדט:

— ווען איהר זאָלט וויסען ווי אַלע מיינע בעמיהונגען רעגען מיך אויף, מיינע בעמיהונגען אויפצוואוועקען אין אייך די ליעבע, די עכטע ליעבע. מאַנכעסמאַל ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך טאַפּ אין דער לופט, מאַנכעסמאַל, אַז איך דריק אין מיינע אָרעמס אייז, וואָס ווערט צושמאָלצען אין מיינע הענד און פערקיהלט מיך.

זי האָט ניט געענטפערט. עס איז איהר ניט אנגענעהם גע־וועזן צו הערען פון איהם אזוינע רייד, און זי האָט גענומען קוקען צוטראגען, ווי אָפט ביי איהם דאָרט אין דעם געדונגענעם הייזעל.

ער האָט דאָן מעהר גאָר נישט געזאָגט, ניט געוואגט צו זאָ־גען. ער האָט זי נור אָנגעקוקט, ווי מען קוקט אין א מוזעאום אויף עפּעס אַן אַנטיק, וואָס רייצט די ליעבהאָבער און וועלכען מען דאַרף דאָך ניט נעהמען מיט זיך אהיים.

טאָג און נאַכט האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען איהר און מורא'דיג געליטען, וואָרים ער האָט זיך איינגע־רעדט, מעהר מיט דער הילף פון געפיהל ווי פון דעם פערשטאַנד, אז זי איז געוועזן זיינע און דאָך האָט זי איהם ניט געהערט, אז ער האָט זי געוואונען און דאָך האָט ער זי ניט געהאַט, אז ער האָט געלעבט אזוי נאָהענט פון איהר און דאָך איז זי געוועזן אזוי ווייט פון איהם. ער האָט זי געליעבט מיט אַלע ניט געזעטיגטע אינ־סטינקטען פון זיין זעלע און זיין קערפּער. ווי אינ'ם אָנפאַנג פון זייער ליעבע האָט ער אָנגעפאַנגען ווידער צו איהר צו שרייבען. ער האָט אויפגעהערט צו בעזוכען זי אזוי אָפט, דערפאַר אָבער האָט ער יעדען טאָג צו איהר געשריעבען. ער האָט געהאָפט, אז פילייכט וועט ער מיט זיינע בריעף אויפוועקען אין איהר די אמת'ע ליעבע.

צייטענווייז, ווען זיין בריעף איז געוועזן זעהר בערעדט, ליי־דענשאַפטליך און שמערצליך, האָט זי איהם געענטפערט. איהרע בריעף, וועלכע זי האָט ציטרע דאַטירט: אין מיטען נאַכט — 1 אוהר — 2 אוהר — 3 אוהר פאַרטאָג — זיינען געוועזן קלאָר, דורכזיכטיג, גוט דורכגעטראַכט, זעהר פריינדליך, און זיי האָט זי איהם געטרויסט, אויפגעמונטערט — צום פערצווייפלען! זי האָט געשריעבען זעהר גוט, זעהר קלוג, זאָגאַר פאַנטאַזיע האָט זיך אין זיי געפיהלט; אָבער ער האָט זיי געקענט לעזען און לעזען, ער האָט געקאָנט זאָגען, אז זיי זיינען געוועזן ריכטיג, גוט, קלוג געשריבען, אז זיי האָבען געשמייכעלט זיין אייטעלקייט,

איהר הארץ איז אין זיי ניט געלעגען, ווי די קושען דארט אין דעם הייזעל, וואו זיי האבען זיך געטראפען.

און פון די דאזיגע בריעף האט ער זי גוט דערקענט, דער־קענט זי ביז דער טיעפסטער טיעפעניש פון איהר זעלע, דען פון דעם געשריבענעם ווארט דערקענט מען אם בעסטען דעם מענשען. דאס אויסגעשפראכענע ווארט בעטריגט און בלענדעט, ווארים דער פנים שפיעלט מיט. מען זעהט, ווי עס קומט פון די ליפען און די ליפען געפעלען און די אויגען פערפיהרען. אבער די שווארצע, איינפאכע ווערטער אויף דעם ווייסען פאפיער זיינען די נאקעטע זעלע.

דער מאן פערבארגט אמאל זיין אייגענע נאטור אין רהעט־טארישע אויסדריקען, ווען ער איז ליטעראריש בעשעפטיגט, צי ווען ער איז א געשעפטסמאן און שרייבט זיינע קארעספאנדענצען, וועלכע זיינען נוגע זיין געשעפט. אבער די פרוי שרייבט נור, אום פון זיך אליין צו ריידען, און אין יעדען ווארט שטעקט עט־וואס פון איהר. זי קען ניט די קונצען פונ'ם סטיל און אונשול־דיג שרייבט זי די ווערטער.

ער האט זיך דערמאנט אן די מעמוארען און בריעף פון בעריהמטע פרויען, וועלכע ער האט געלעזען. ווי קלאר, ווי גייסט־רייך, ווי סענסיטיוו זיי האבען זיך איהם אויסגעוויזען.

אין מאדאם דע בורן'ס בריעף האט ער געפונען אלסדינג, נור קיין געפיהל ניט. די דאזיגע פרוי האט געקענט דענקען, אבער ניט פיהלען. ער האט זיך דערמאנט אן אנדערע בריעף. ער האט זיי פיעל אין זיין לעבען בעקומען. א קליין בירגער־מיידעל, וואס ער האט אמאל אויף דער רייזע געטראפען און איהם א פערטעל יאהר געליעבט, האט איהם שעהנע בריעוועלאך געשריעבען, פול מיט וואונדערפולע שטעלען און אורערווארטעטע טיעפקייט. ער האט זיך פיעל מאל געוואונדערט איבער די עלעגאנץ, די שעהנקייט און די פארשיעדענארטיגקייט פון איהרע אויסדריקען. פון וואנען איז עס צו איהר געקומען? פון איהר הארצען. זי האט א הארץ

געהאט און דאס איז געווען גענוג. די פרוי וועהלט ניט אויס איהרע ווערטער, זוכט ניט אין די ווערטער־ביכער. ווען זי פיהלט שטארק, דריקט זי זיך ריכטיג אויס, אָהן זוכעניש און אָהן בע־זונדערע מיה.

ער האט זיך בעמיהט ארויסצולעזען פון זיין געליעבטער'ס בריעף די אמת'ע נאטור איהרע. זי איז געווען ליעבענסווירדיג און פיין. אָבער ווארום האט זי ניט געפונען קיין אנדערע ווערטער פאר איהם, מיט מעהר געפיהל? אָה, ער האט דאָך פאר איהר ווערטער געפונען, וואס האבען געברענט ווי פייערדיגע קויהלען.

ווען זיין דיענער האט אריינגעבראכט די פאסט־זאכען, האט ער גלייך צווישען זיי געזוכט די בעקאנטע, טהייערע האנדשריפט אויף די בריעף. ווען ער האט זי דערקענט, איז ער פערצאפעלט געווארען, און מיט א קלאפענדיגען הארצען האט ער דעם קאָנ־ווערט א כאפ געטהאן. ער האט איבערגעלעזען נאך אמאל דעם אדרעס, דערנאך האט ער איהם אויפגעריסען. וואס שרייבט זי? געפינט זי דארט דאס ווארט „ליעבע"? זי האט עס נאך קיינמאל ניט געשריעבען, נאך קיין מאל ניט ארויסגערעדט, אז זי זאל דער־ביי ניט צולעגען דאס ווארט „זעהר": איך האב אייך זעהר ליעב; איהר געפעלט מיר זעהר. אָה, ער האט געקאנט די דאזיגע ווערטער, וואס האבען גאר נישט געזאגט, ווייל אנדערע ווערטער זיינען דער־ביי געשטאנען. די ליעבע איבערהויפט וויים ניט פון קיין גראדען און שטופען. קען מען זאגען, מען ליעבט זעהר און מען ליעבט ניט זעהר? זעהר ליעבען, מיינט ווענינ ליעבע. מען ליעבט — און דאס איז גענוג געזאגט. עפעס צוגעבען צו דעם איז איבריג. מען קען גאר נישט אויסטראכטען, גאר נישט זאגען, וואס זאל שטארקער מאכען דעם דאזיגען ווארט. עס איז קורץ און מיינט אלסדינג. עס איז דער גוף, די נשמה, דאס גאנצע דא זיין. מען פיהלט עס, ווי די ווארעמקייט פונ'ם קערפער; מען אָטהעמט עס איין, ווי די לופט; מען טראגט עס אין זיך, ווי די געדאנקען, דען עס ווערט איין איינציגע געדאנק.

מאריאל איז געווארען דער שקלאף פון דעם דאזיגען קורצען ווארט. און זיין בליק איז געלאפען איבער די ציילען און האט געזוכט דעם אויסדרוק פון א ליעבע, וואס זאל זיין אזוי שטארק ווי זיינע. און ער האט געפונען דארט גענוג ווערטער, אז ער זאל קענען זאגען: זי ליעבט מיך. אין איהרע בריעף האט זי גע־שפונען ווייטער דעם אינטערעסאנטען, פאעטישען ראמאן, וואס זי האט אנגעפאנגען ביים מאנט סענט־מישעל. עס איז געווען „איבער ליעבע", אבער ניט די ליעבע.

ווען ער האט דעם בריעף איבערגעלעזען א פאר מאל, האט ער איהם פערשלאסען אין א שופלאד און זיך אוועקגעזעצט פער־צווייפעלט אין דעם לעהנשטוהל. דארט האט ער שוין פיעל שווע־רע שטונדען פערבראכט.

שפעטער האט זי איהם געענטפערט עטוואס קירצער. מסתמא האט איהר דערעסען אימער צו שרייבען די זעלבינע פראזען און וועגען די זעלבינע זאכען צו ריידען. און אפשר דערפאר, ווייל זי איז איצט געווען פערנומען אין דער געזעלשאפט, מעהר ווי ווען־עס־איז פריהער.

עס איז געווען זעהר א פרעהליכער ווינטער. א פערגעניגענס־טומעל האט זיך איבער פאריז געטראגען, האט פערכאפט די גאנצע שטאדט. דורך די גאסען האבען די גאנצע נאכט זיך געטראגען דראשקעס און עקיפאזשען. מען האט זיך אמוזירט. מען האט נור גערעדט וועגען טהעאטערס, בעלער, מאטינעען און אנדערע אזויגע פערגעניגענס. א מין עפידעמיע פון וואוילטאג האט פלו־צים אנגעשטעקט אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט און ניט אויס־געמיעדען מאדאם דע בורן אויך.

ביי א באלעט, וואס מען האט געטאנצט ביים עסטרייכישען קאנסול, האט איהר שעהנהייט א פוראר געמאכט. גראף בערג־הויז האט זי בעקאנט געמאכט מיט דעם קאנסול'ס פרוי פירסטין מאלטען, מיט וועלכער מאדאם דע בורן האט זיך גאר אין א קורצער צייט זעהר נאהענט בעפריינדעט. דורך דעם האט זי שנעל בע־

קאנטשאפטען געמאכט אין דער דיפלאמאטישער וועלט און צוויישען די העכסטע אריסטאקראטען. מיט איהר גראציעזער, פערפיהרערישער האלטונג, מיט איהר עלעגאנץ און איהר קלוגהייט און איהר פיינעם גייסט האט זי שטארק אויסגענומען אין יענער הויכער געזעלשאפט. זי איז געווארען מאדע, איז אריינגעקומען אין די העכסטע קרייזען און די פרויען פון פראנקרייך, וואס האבען די העכסטע נעמען געטראגען, זיינען געקומען צו איהר אויף בעזוך.

יעדען מאנטאג איז ארום איהר הויז געשטאנען א גאנצע רייהע עקיפאזשען און קופעעס און די דיענער זיינען ארומגעלאפען צוטומעלט, האבען פערביטען די הערצאגינען מיט די מארקיזעס, ווען זיי האבען די גרויסע נעמען אויסגערופען ביי דער אריינגאנגסטיר פונ'ם סאלאן.

זי איז געוועזען בערוישט פון דעם. די קאמפלימענטען, וואס מען האט איהר געזאגט, די איינלאדונגען, דאס געפיהל, אז זי איז איינע פון די אויסגעוועהלטע, דאס גליק אזוי בעוואונדערט און געזוכט צו ווערען, האבען זי אין גאנצען פער'כישופ'ט.

איהרע פריהערדיגע הויז־פריינד האבען געפרובט געגען דעם קעמפפען. און די רעוואלוציאן האט געבראכט דערצו, אז זיי אלע, דאס הייסט איהרע פריהערדיגע פריינד, זיינען געווארען איינער מיט'ן אנדערען זעהר אינטים, האבען געגרינדעט אזא זארט ליעג, צו קעמפפען. זאגאר פרענזעל איז אין דעם דאזיגען ליעג אריינגענומען געווארען און מאריאל'ן האט מען אלס אנפיהרער ערוועהלט, ווייל מען האט זעהר גוט־געוואוסט וועגען זיין ליעבע צו מאדאם דע בורן און וועגען איהר בעזונדערע פריינדשאפט צו איהם.

אבער ער האט געזעהן, ווי זי רייסט זיך אפ פון איהם און פליהט אוועק אין יענעם נעבעל פון געזעלשאפטליכער פאפולאריטעט, ווי א קינד זעהט זיין קליינעם, רויטען באלאן, וואס זיין פאדים האט ארויסגעלאזען, אוועקפליהען.

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אזוי ווי זי וואָלט זיך גע־טראָגען צווישען אַן עלעגאַנטער, טאַנצענדיגער מענגע ווייט, ווייט אוועק פון יענעם גרויסען גליק, אויף וועלכען ער האָט אזוי גע־האָפט. און ער איז אייפערזיכטיג געוואָרען אויף די גאַנצע וועלט, אויף יעדען: אויף די מענער, אויף די פרויען, אויף די זאכען. ער האָט אָנגעהויבען צו האסען דאָס לעבען, וואָס ער האָט גע־פיהרט: אַלע געזעלשאַפטען, טהעאַטערס, בעזוכען, קאָנצערטען, ווייל דאָס האָט אַלעס אוועקגעריסען שטיקער פון איהר, אוועקגע־נומען איהרע טעג און נעכט. מיט איהר אַליין איז ער איצט געווען זעהר זעלטען, ווייל זעהר זעלטען האָט זי אַ פרייע מינוט געהאַט. און ער האָט דערפון אזוי געליטען, דאָס ער איז שיער קראַנק גע־וואָרען, און זיין פנים האָט אויסגעזעהן אזוי בלייך, דאָס זי האָט איהם איינמאָל געפרעגט:

— וואָס איז אייך? איהר זעהט אויס אזוי בלייך. איהר זייט קראַנק?

— איך בין קראַנק. איך ליעב אייך צו שטאַרק.

זי האָט איהם געוואָרפען אַ בליק פול דאַנקבאַרקייט:

— מיין פריינד, מען ליעבט קיינמאָל ניט צו שטאַרק.

— איהר מיינט דאָס?

— יאָ, געוויס!

— זעהט איהר דען ניט, אז איך שטאַרב פאַר ליעבע צו אייך, דאָס האָפנונגסלאָזע ליעבע?...

— ערשטענס, ליעבט איהר מיך ניט האָפנונגסלאָז, און ווידער שטאַרבט מען ניט פון אַזוינע זאכען. מיין פריינד, וואָס ווילט איהר? זיינען אַלע אונזערע פריינד ניט אייפערזיכטיג אויף אייך? דאָס בעווייזט דאָך, אז גאָר שלעכט בעהאַנדעל איך אייך ניט.

ער האָט אָנגענומען איהר האַנד:

— איהר פערשטעהט מיך ניט.

— איך פערשטעה אייך זעהר גוט.

— זעהט איהר דען ניט, ווי איך לייד?

— איך זעה.

— און דאָך...

— עס טהוט מיר זעהר וועה פאר אייך, ווייל איהר זייט מיר זעהר, זעהר טהייער.

— איך בין אייך זעהר טהייער און דאָך, און דאָך...

— און דאָך בין איך איך, קען נור זיין איך. איהר זאָגט מיר: „זייט אזוי ווי איך. דענקט, פיהלט, דריקט זיך אוים אזוי ווי איך". אָבער דאָס קען איך דאָך ניט, מיין אָרימער פריינד! איך בין, וואָס איך בין. איהר מוזט מיך נעהמען, ווי גאָט האָט מיך בעשאפען. איך האָב זיך אוועקגעשענקט צו אייך, איך בע־דויער עס ניט. איך וויל ניט אוועק פון אייך, איהר זייט מיר זעהר, זעהר ליעב.

— איהר ליעבט מיך ניט!

— איך ליעב אייך אזוי ווי איך קען. בין איך שולדיג, אז איך קאָן אנדערש ניט ליעבען?

— ווען איך וואָלט געוועז זיכער אין דעם, קאָן זיין, אז איך וואָלט זיך בערוהיגט.

— וואָס מיינט איהר?

— איך מיין... איך גלויב, אז איהר קענט אנדערש ליעבען, נור איך בין ניט פעהיג אין אייך צו ערוועקען די אמת'ע ליעבע.

— ניין, ניין, מיין פריינד, איהר האָט א טעות. קיינער איז מיר אמאָל געוועזען און וועט זיין אזוי נאָהענט ווי איהר. אין דעם בין איך איבערצייגט. אָבער איך וויל ניט זיין פאַלש צו אייך, ווי אנדערע פרויען וואָלטען עס געטהאָן. איך וויל, איהר זאָלט מיר זעהן אזוי ווי איך בין אין דער ווירקליכקייט. מיינע גע־פיהלען צו אייך וויל איך ניט איבערטרייבען, ווייל זיי ניט פעל־שען. איהר דארפט מיר דאנקען דערפאר. רעגט זיך ניט אויף, זייט ניט נערוועז. האָט צוטרויען צו מיין צונויגונג, וואָס גע־הערט אין גאנצען צו אייך.

ער האָט אַרויסגעפּליסטערט, וועהרענד ער האָט געפּיהלט, ווי ענדלאָז ווייט זיינען זייערע זעלען געוועזן איינע פון דער אַנ־דערער:

— איך בין פאַר אייך נור עמיצער, וועלכען איהר ווילט אָפּט זעהן נעבען זיך זיצען, מיט וועמען עס איז אייך אנגענעהם צו זיצען, מיט וועמען עס איז אייך אנגענעהם צו ריידען, צו פאַר־ברייננען. איהר אָבער זייט פאַר מיר די גאַנצע וועלט. איך קען נור אייך, איך פיהל נור אייך און איך דאַרף נור אייך.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן פריינדליך און געענטפערט:

— דאָס ווייס איך, דאָס פאַרשטעה איך. און איך זאָג אייך: ליעבט מיך אַזוי אַלע מאָל, ווען עס איז נור מעגליך, דאָס מאַכט מיך גליקליך. אָבער צווינגט מיך ניט, איך זאָל מיט אייך אַ קאָמעדיע שפּיעלען, ווייל דאָס וואָלט מיר וועה געטהאָן און עס וואָלט געוועזן אונטער אונזער ווירדע. איך קען ניט מיין נאַ־טור ענדערען, זי זאָל זיין עהנליך צו אייערער. נעהמט מיך, ווי איך בין.

פּלוצים האָט ער געפרעגט:

— האָט איהר אַמאָל געדאַכט, אַמאָל וועגלויבט, כאָטש איין טאָג, כאָטש איין שטונדע, אַז איהר וועט מיך, פריהער אָדער שפּעטער, אַנדערש קענען ליעבען?

זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און געשוויגען.

ער האָט אונגעדולדיג געוואַרט און דערנאָך געזאָגט:

— איהר זעהט, איהר האָט אויך אַמאָל אַנדערש געגלויבט.

זי האָט געענטפערט לאַנגזאַם:

— איך האָב דאָך געקענט זיין אַ ווייל געגאַרט אין זיך.

ער האָט אויסגעשריען:

— אה, ווי פיין און פּסיכאָלאָגיש איהר האָט זיך אויסגע־דריקט! מען פילאָזאָפירט ניט אַזוי איבער די שטימע פונ'ם הארצען.

זי האָט זיך פערטראַכט. דער געדאַנק וועגען זיך אַליין,

וועגען איהרע פריהערדיגע געפיהלען, האט זי אינטערעסירט. זי האט זיך אנגערופען:

— איידער איך האב אייך אזוי געליעבט, ווי איך ליעב אייך היינט, האב איך א ווײלע ווירקליך געגלויבט, אז איך וועל פאר אייך האבען מעהר — מעהר... פייער... ליידענשאפט... דעמאלט אבער וואלט איך זיכער געווען וועניגער איינפאך, וועניגער אפען, שפעטער פיליכט ניט אזוי אויפריכטיג.

— וואָרום שפעטער ניט אזוי אויפריכטיג?

— ווייל אייער ליעבע מיינט: אלסדינג אדער גאר נישט. און ווי איך פערשטעה דאס, דאזיגע אלסדינג אדער גאר נישט, מיינט עס אזוי: אפריהער אלסדינג, שפעטער גאר נישט. און ווען עס הויבט זיך אן דאס גאר נישט, דאן פאנגען אן די פרויען צו ליגען.

ער האט זיך אנגערופען נערוועז:

— פערשטעהט איהר דען ניט, ווי אונגליקליך איך פיהל זיך, ווי איך לייד ביי דעם געדאנק נור אליין, אז איהר האט מיך אנדערש געקענט ליעבען. איהר אליין האט עס אמאל געפיהלט. דאס בעווייזט, אז ווען־עס־איז וועט איהר אן אנדערען טאקי גאנץ אנדערש ליעבען.

זי האט געענטפערט:

— דאס גלויב איך ניט!

— וואָרום? וואָרום? ווען איהר וועט די אמת׳ע ליעבע דערפיהלען, יענעם געפיהל אינ׳ם הארצען, וואס לאזט זיך ניט אויסדריקען מיט ווערטער, יענע ליידענשאפט צו פערמישען אייער לעבען, אייער זעלע, אייער קערפער מיט אן אנדערענס, דאן וועט איהר פריהער אדער שפעטער זיך מוזען אונטערגעבען יענעם געפיהל, יענער ליידענשאפט...

— ניין. איך האב אייך געגעבען אלסדינג, וואס איך קען געבען. זייט איהר ליעבט מיך האב איך פיעל נאכגעדאכט. איך בין איבערצייגט, אז טיעפער און שטארקער ליעבען, ווי איך ליעב

אייך, קאָן איך ניט. איהר זעהט, איך רייד מיט אייך, ווי איך וואָלט צו מיר אַליין גערעדט, אַזוי אָפענהערציג. איך טהו עס, ווייל איהר זייט קלוג, ווייל איהר פערשטעהט אַלסדינג, און עס איז פיעל בעסער פון אייך גאַרנישט צו פערבעהאַלטען. דאָס איז דער איינציגער מיטעל, אום צו קענען אָנהאַלטען אויף אַ לאַנגע צייט אונזער צוגעבונדענטקייט איינער צום אַנדערען. און אויף דעם האָף איך, מיין פריינד.

ער האָט זיך צוגעהערט צו איהר און איינגעזויגט אין זיך איהרע ווערטער, ווי אַ דורשטיגער זיין טרונק. דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די קניע און פערבאָרגען זיין פנים אין איהר שויס.

ער האָט געדריקט איהרע ביידע קליינע הענטעלאך אויף זיין מויל און געמורמעלט: — אַ דאַנק! אַ דאַנק! און ווען ער האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען, אום זי אָנצוקוקען, האָבען צוויי טרעהרען געגלאַנצט אין איהרע אויגען. דאַן האָט זי מיט די אָרעמס ארומגעכאַפּט זיין האַלז, צוגעבויגען איהם צו זיך לאַנגזאַם, האָט זיך איינגעבויגט צו איהם און איהם אַ קוש געטהאָן אויף די אויגען-לעדלאך.

— זעץ זיך! — האָט זי געזאָגט — און שטעה דאָ ניט פאַר מיר אויף די קניע. מען קען נאָך דערזעהן.

ער האָט זיך געזעצט. אַ ווײלע האָבען זיי געשוויגען און זיך אָנגעקוקט. דערנאָך האָט זי איהם געפרעגט, אויב ער האָט חשק צו געהן מיט איהר ווען־עס־איז די וואָך צו דער אויסשטעל־לונג פונ'ם סקולפּטאָר פרעדאָ, וועגען וועלכען גאַנץ פּאַריז האָט גע־רעדט מיט בעגייסטערונג. זי האָט ביי זיך אינ'ם באַדע־צימער פון דעם זעלבינגען קינסטלער אַ בראָנזענעם אמאָר געהאַט, אַ קליינע רייצענדע פיגור, וואָס האָט דאָס וואַסער אין די וואַנע גע־לאָזט לויפען. זי האָט זעהר געוואָלט זעהן אַלע זיינע ווערק, וואָס זיינען ארויסגעשטעלט געוועזן אין דער גאַלערעע באַרין.

זיי האָבען בעשטימט דעם טאָג. דערנאָך איז מאַריאַל אויפ־געשטאַנען, אום צו געהן.

— ווילט איהר מאָרגען מיך טרעפען דאָרט, אין... אונזער הויז? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— אָה, ווען איהר זאָלט נור וועלען קומען!

און ער איז אוועק, אין גאַנצען פער׳שיכור׳ט פון גליק, פון יענעם „אפשר", וואָס שטאַרבט קיינמאָל ניט אין דעם פערליעבטען הארצען.

IX

דער עקיפאזש פון מאדאם דע בורן, פון צוויי פערד געשלעפט, האט זיך געטראגען איבער דאס פלאסטער פון דער רי דע גרעניל. א האגעל האט געקלאפט אין די שויבען, געשמיסען די גאס, וועלכע איז שוין פול געוועזן מיט ווייסע קערנער. עס איז געוועזן אינ׳ם אנפאנג פונ׳ם פריהלינג, אין אפריל. די פערביי־געהער האבען הויך אויפגעשטעלט די קראגענס פון זייערע אויבערמאנטלען און זיינען געלאפען אונטער די געעפענטע רעגענשירעמס. נאך צוויי וואכען וואונדערשעהנעם וועטער איז ווידער אנגעקומען א ביטערע קעלט, אזוי ווי דער ווינטער וואלט צום לעצטען מאל געוואלט אן זיך דערמאנען.

מאדאם דע בורן האט געהאלטען איהרע פיס אויף א וואַרימער פלאש און איז געזעסען איינגעוויקעלט אין איהר פעלץ. זי האט מיט שרעק געטראכט וועגען דעם, אז שפעטסטענס אין א שטונדע ארום וועט זי מוזען נעהמען א דראשקע, אום צו פאהרען צו מאריאל׳ן, מיט וועלכען זי האט זיך געדארפט טרעפען אין דעם געדונגענעם הייזעל.

זי האט זעהר געוואלט איהם א טעלעגראמע שיקען, אז זי קען ניט קומען. אבער זייט צוויי מאנאטען האט זי זיך פארגענומען צו טהאן דאס אזוי ווייניג ווי מעגליך, ווארים זי האט אלע קרעפטען אנגעווענדעט צו ליעבען איהם אזוי ווי ער האט זי געליעבט.

זי האט רחמנות געהאט אויף איהם, און זייט זי האט

איהם דאן אויף די אויגען געקושט, האט זי א צייט לאנג נאכא־
נאנד ווירקליך געפיהלט צו איהם א שטארקערע און ווארימערע
נייגונג.

זי האט זיך געפרעגט, אליין פערוואונדערט איבער איהר
קאלטקייט צו איהם, פארוואס זאל זי איהם ניט ליעבען, וויפיעל
פרויען ליעבען זייערע ליעבהאבער. ווארים געפעלען איז ער דאך
איהר זיכער מעהר געוועזן ווי עמיצער פון די אנדערע מענער.

און זי האט בעשלאסען, אנצואווענדען אלע איהרע קרעפטען,
אום איהם צו ליעבען ווארימער, שטארקער, אזוי ווי ער זי. אפשר
איז די דאזיגע אונפעהיגקייט צו ליעבען ביי איהר אזא זארט
פוילקייט, וועלכע מען קען איבערוועלטיגען?

און זי האט געפרובט איבערוועלטיגען דאס אין זיך. זי האט
געפרובט זיך אויפרעגען, ווען זי איז געקומען צו איהם אין דאס
געדונגענע הייזעל. און מאנכעסמאל איז עס איהר ווירקליך גע־
לונגען. זי האט זיך בעמיהט צו זיין צערטליכער און ליידענ־
שאפטליכער און דאס איז איהר אויך א געוויסע צייט געלונגען.

און איצט האט זי אנגעהויבען צו גלויבען, אז זי פאנגט אן
איהם צו ליעבען מיט א ליידענשאפט, שטארק ווי זיינע. און זי
האט בעשטעלט מאריאל׳ן אפטערע צוזאמענטרעפענישען אין דעם
געדונגענעם הייזעל, כדי צו זאגען איהם: „איך פיהל, אז איך
ליעב אייך אלץ מעהר און מעהר״. — אבער לאנג האט עס ניט
אנגעהאלטען; זי האט זיך גאר באלד געכאפט, אז איהר ליידענ־
שאפט איז נור אן אויסגעטראכטע, אז אין איהר בלוט איז דאס
דאזיגע פייער נימא, אז זיינע צערטליכקייטען דערעסען איהר.
דאס איז איהר קלאר געווארען דורך די אונבעשטימטע גלייכ־
גילטיגקייט, וואס האט זי שטענדיג בעפאלען אין דעם טאג,
ווען זי האט איהם געדארפט טרעפען. פארוואס האט זי זיך אויך
ניט געפיהלט אין אזוינע טעג אויפגערעגט, ווי פיעל אנדערע פרויען,
בעת זיי ערווארטען די הייס־בעגעהרטע אומארמונגען? זי האט
זיך איהם אפגעגעבען, בעזיעגט פון זיינע ברוטאלע לאסקעס, און

האָט ניט ווילענדיג אויפגעציטערט, אָבער האָט זיך קיינמאָל ניט הינגעריסען. אפשר איז אין איהר נאַטור, אין איהר פיינער, צאַרטער, זעהר אַריסטאָקראַטישער נאַטור, געלעגען אַ געפיהל פון חרפּה, פון יענעם חרפּה־געפיהל, וואָס איז בעקענט העכערע, פיי־נערע וועזענס און אין וועלכען זי אַליין, די פרוי, מיט מאָדערנע אַנשויאונגען, איז ניט קלאָר געווען?

מאַריאָל האָט עס צייטענווייז געפיהלט. ער האָט געזעהן, ווי עס ווערט אין איהר אויסגעלאָשען דאָס קינסטליכע פייער. ער האָט פערשטאַנען, אַז זי האָט נור געמאַכט אַ פּראָבע, איהם אין גאַנצען זיך אָפּצוגעבען. און אַ שווערע, טויטליכע טרויעריג־קייט האָט זיין נשמה געדריקט.

זי האָט איצט געוואוסט אַזוי ווי ער, אַז די פּראָבע האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען און אַז אַלע האָפנונגען זיינען געווען פער־לאָרען. דעם בעסטען בעוויז האָט זי היינט געהאַט, ווען זיצענ־דיג איינגעטוליעט אין איהר פּעלץ, די פיס אויף דער ווארימער פלאַש און אַרויסקוקענדיג פון איהר עקיפּאַזש, ווי דער האָגעל האָט אויף די שויבען געשמיסען, האָט זי גאָר קיין חשק ניט געפיהלט צו פערבייטען די דאָזיגע אַנגענעהמע ווארימקייט אויף אַ קאַלטע דראָזשקע, כדי צו פאָהרען צו דעם אָרימען מענשען.

דאָך, וועגען ברעכען מיט איהם, וועגען בעפרייען זיך פון זיין ליעבע איז איהר אפילו אויפ'ן זינען ניט אַרויף. זי האָט גוט געוואוסט, אַז אום איינצוהאַלטען אַ פערליעבטען מאַן, איינצו־האַלטען איהם אין גאַנצען, ווי עמיצער זיין פּריוואַט אייגענטהום, ביי דער קאָנקורענץ פון אַנדערע פרויען, מוז מען זיך איהם אָפּ־געבען, מוז מען איהם איינהאַלטען מיט דער קייט, וואָס האַלט צוזאַמענשמיעדט איין קערפּער צום אַנדערען. דאָס האָט זי גוט גע־וואוסט און אַזוי מוז עס זיין, דאָס איז נאַטירליך, לאָגיש, אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין.

זי וועט זיך איהם אַלזאָ ווייטער אָפּגעבען. אָבער וואָרום אַזוי אָפּט? זייערע צוזאַמענטרעפעני שען וועלען זיין פּאָר איהם

פיעל רייצענדער, ווען זיי וועלען פאַרקומען זעלטענער, ווען דעם גרויסען גליק וואָס זי ברענגט איהם, וועט ער ניט אַזוי אָפט גע־ניסען.

יעדעס מאָל איז זי צו איהם געפאָהרען מיט א געפיהל, אז זי שענקט איהם די זעלטענסטע, טהייערסטע מתנה. ווען מען שענקט, איז אַלע מאָל, צוזאַמען מיט'ן געפיהל פון גליק וואָס מען שענקט, אויך דאָ א געוויסער געפיהל דערביי, אז מען אָפּפערט מיט עפּעס, אז מען איז גוט, אז מען מאַכט גליקליך.

זי האָט זאגאר גערעכענט, אז די ליעבע פון מאריאל'ן וועט זי לענגער איינהאַלטען, ווען זי וועט זיך מיט איהם ניט אזוי אָפט טרעפען. וואָרים יעדער אַפּעטיט וואַקסט, ווען מען הונגערט איהם אויס, און די קערפּערליכע ליידענשאַפט איז קיין אנדער זאַך ניט נוי אַפּעטיט.

זי האָט באַשלאָסען היינט איהם צו בעזוכען, אָבער צו מאַכען זיך, אז זי פיהלט ניט גוט. דאָס פאָהרען אהין, וואָס האָט זיך ערשט מיט א מינוט צוריק איהר אויסגעוויזען אזוי שווער, מחמת דעם שלעכטען וועטער, איז איהר פּלוצים פאַרגעקומען צו זיין אזוי לייכט און אנגענעהם. און זי האָט פערשטאַנען, וואָרום דאָס האָט זיך איהר איצט מיט אמאָל אַנדערש אויסגעוויזען, וואָרום זי האָט פריהער ניט געוואָלט צו איהם פאָהרען און איצט מיט אמאָל יאָ, און זי האָט אין איהר האַרצען געלאַכט פון זיך אליין. פריהער, ווען זי האָט גערעכענט, אז זי וועט זיך איהם דאַרפען אָפּגעבען, האָט זי זיך דערמאָנט אָן די אַלע אונבעקוועמליכקייטען, וואָס זי האָט דערביי געהאַט. זי האָט זיך די פינגער צושטאָכען מיט די שפּילקעס, בשעת זי האָט זיך אָנגעטהאָן; זי האָט געדאַרפט זו־כען איהרע זאַכען וואָס זי האָט אַלע מאָל צוואָרפען, בשעת זי האָט זיך שנעל אויסגעטהאָן, היינט די גאַנצע אונבעקוועמליכקייט פון אויסטהאָן און אָנטהאָן זיך אליין. איצט אָבער האָט זי בע־שלאָסען אַרויסצודרעהען זיך היינט פון דעם מיט'ן אויסרייד, אז

זי פיהלט ניט גוט, איז שוין דאָס פאָהרען אהין איהר געווען אנ־געגעהם.

און צום ערשטען מאָל האָט זי איצט טיעף, טיעף אין זיך אריינגעטראַכט. איז דער דאָזיגער ליעבע־ראַנדעוואו בעשטעלט מיט א טאָג אָדער צוויי פריהער, ניט ווי א געשעפט אָדער ווי דער בעזוך ביי א דאָקטאָר? עס איז גאַנץ נאַטירליך, אז נאָך א לאַנגען און ליידענשאַפטליכען צוזאַמען־זיין זאָלען די ליפּען, וואָס האָבען גערעדט וואַרימע ווערטער, זיך בעהעפטען דורך א לאַנגען, פייערדיגען קוש; אָבער ווי פערשיעדען דאָס איז געווען פון דעם קוש אָהן פייער, וועלכען זי האָט געגעבען איין מאָל א וואָך, מיט דעם זייגערל אין דער האַנד.

דער בעסטער בעוויז, אז דאָס איז איהר שווער געווען, איז דער פאַקט, אז דוקא די טעג, ווען זי האָט זיך מיט איהם ניט גע־זאָלט טרעפען, האָט זיך איהר מאַנכעמאָל זעהר שטאַרק איהם גע־וואָלט זעהן; דעם דאָזיגען פערלאַנג האָט זי אָבער קיינמאָל ניט געהאַט, ווען זי איז צו איהם געפאָהרען דורך הינטער־געסלאַך, אויף דער שמוציגער דראָזשקע.

איצט אָבער, ווען זי האָט בעשלאָסען אויסצומיידען די אַלע אונבעקוועמליכקייטען, האָט זי איהם געוואָלט זעהן. זי האָט זיך פּלוצים געזאָגט: היינט, אין דעם דאָזיגען שלעכטען וועטער וועל איך ביי איהם זיין אין צייט, כדי ער זאָל ניט נערוועז ווערען.

דאַן האָט זי געעפענט אין דער פאָדערשטער וואַנד פון׳ם עקיפּאַזש א קליינעם, געהיימען שראַנק, וואָס איז פערבאָרגען גע־ווען הינטער דעם שוואַרצען זייד פון׳ם עקיפּאַזש, ווי א קליינער בודואַר. באַלד ווי זי האָט געעפענט די ביידע טירלאַך, איז ער־שיענען א שפּיעגעל, אין וועלכען זי האָט איהר גאַנצען פּנים גע־קענט זעהן. הינטער דעם שפּיעגעל זיינען געשטאַנען א פּאָר זילבערנע טואַלעטען־זאַכען, מיט סאַטין בעשלאָגען. א קעסטעלע מיט פּודרע, א ליפּען־שטיפט, צוויי פלעשעלאַך מיט אָדעקאָלאָן, א טינטער, א פעדער־הענטעל, א שער, א קליין פּאַפּיער־מעסערעל,

אום אויפצושניידען דעם נייעם ראמאן, וואס מען האט אויפ'ן וועג געלעזען; א קליין זייגערל, רונד און גרויס ווי א גאלדערנער נוס, איז געווען אין דעם שראנק איינגעפאסט. עס האט געוויזען די פיערטע שטונדע.

מאדאם דע בורן האט א טראכט געטהאן: איך האב ווע־טיגסטענס נאך א האלבע שטונדע צייט. און זי האט א דריק געטהאן אויף א ספרוזשינע, אזוי דאס דער דיענער, וועלכער איז געזעסען נעבען קוטשער מיט א הער־רעהר ביים אויער, כדי איהרע בעפעהלען אויפצונעהמען, האט זיך א כאפ געטהאן. זי האט גע־נומען דעם אנדער ברעג פון דעם קריסטאלענעם רעהר, וואס איז אינ'ם עקיפאזש געהאנגען, צוגעטראגען צו די ליפען און אויסגע־שריען:

— צום עסטרייכישען קאנסול!

דערנאך האט זי זיך אנגעקוקט אין דעם שפיעגעל מיט א צופריעדענער מינע, האט געעפענט דעם פעלץ, כדי נאך אמאל איהר קלייד צו בעטראכטען. דער קראגען פון דער קלייד איז געווען מיט פיינע, ווייסע פעדערן בעפוצט, וועלכע זיינען געווען אזוי העל, דאס זיי האבען געלויכטען. די טאליע איז אויך געווען מיט פעדערן בעזעצט, אזוי דאס די יונגע פרוי האט אויסגעזעהן, ווי א זעלטענער, ווילדער פייגעל. אויף איהר הוט איז אויך געזעסען א גאנצער בוש מיט פעדערען פון די פערשיעדענסטע פארבען און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז איהר שעהנער געזיכט טראגט זיך אונטער דעם גרויען הימעל אינ'ם האגעל.

זי האט זיך נאך אלץ בעטראכט, ווען איהר עקיפאזש האט זיך אפגעשטעלט נעבען עסטרייכישען קאנסול. דאן האט זי ווי־דער צוגעמאכט אויף זיך דעם פעלץ, ארונטערגעלאזען דעם שפיע־געל און פערשלאסען דעם שראנק. ווען זי איז ארויסגעגאנגען פונ'ם עקיפאזש, האט זי דעם קוטשער געזאגט:

— איהר קענט פאהרען אהיים. איך דארף אייך ניט מעהר.

דאן האט זי געפרעגט דעם לאקעי, וועלכער איז געלאפען איהר אנטקעגען:

— איז די פרינצעסין אין דער היים?

— יא, מאדאם.

זי איז אריינגעגאנגען ארויף די טרעפ און איז אריינגע־קומען אין א גאנץ קליינעם סאלאן, אין וועלכען די פרינצעסין מאטלען איז געזעסען און האט א בריעף געשריעבען.

זי האט זיך אויפגעהויבען מיט א פרעהליכען שמייכעל, ווען זי האט איהר פריינדין דערזעהן. זיי האבען זיך צוויי מאל צור קושט, דערנאך האבען זיי זיך געזעצט איינע נעבען דער אנדערער, אויף צוויי קליינע שטוהלען געגען קאמין. זיי האבען איינע די אנדערע אמת ליעב געהאט, זיי זיינען איינע דער אנדערער זעהר געפעלען געווען. אין אלע קלייניגקייטען האבען זיי געשטימט, איבער אלע און אלסדינג האבען זיי געהאט איין מיינונג, ווארים זיי זיינען געווען גאנץ עהנליכע נאטורען, פון דעם איינענעם וויי־בערשען שטאף, האבען זיך אויפגעצויגען אין דער זעלביגער אט־מאספערע, מיט די זעלביגע וואונשען און גערדאנקען, באטש די פירסטין איז געווען א שוועדין און איז פערהייראט געווען פאר אן עסטרייכער. איינע האט געצויגען צו דער אנדערער און זיי האבען זיך ווירקליך זעהר גוט געפיהלט, ווען זיי זיינען צוזאמען געווען. האלבע טעג נאכאנאנד האבען זיי געקענט אזוי זיצען און פלוידערען און דערביי גאר ניט בעמערקען, ווי די צייט איז אוועק.

— איהר זעהט, ווי איך האב אייך ליעב — האט מאדאם דע בורן זיך אנגערופען — איהר וועט היינט אבענד ביי מיר זיין און דאך ווילט זיך מיר פריהער נאך אמאל אייך זעהן. אזוי ליעב האב איך אייך.

— פונקט ווי איך אייך! — האט די שוועדין מיט א שמייכעל געענטפערט.

און אויס געוואהנהייט האבען זיי זיך איינע די אנדערע גע־נומען קאמפלימענטען מאכען.

מאדאם דע בורן האָט נאָכאַכאנד געקוקט, בשעת זי האָט גע־רעדט, אויפ'ן זייגער. עס האָט געשלאָגען פינף. ער האָט דאָרט געוואַרט שוין א שטונדע. זי האָט זיך א כאַפּ געטהאָן פונ'ם אָרט.

— שוין? — האָט די פרינצעסין געפרעגט.

מאדאם דע בורן האָט געענטפערט דרייסט:

— יאָ, איך מוז זיך איילען. מען וואַרט אויף מיר. איך וואָלט בעסער דאָ פערבליבען.

זיי האָבען זיך צוקושט און מאדאם דע בורן, וועלכע האָט גע־בעטען מען זאָל אָ דראָזשקע רופען, האָט זיך געזעצט און איז אוועקגעפאָהרען.

דאָס פערד האָט געהונקען און קוים געשלעפּט דעם אַלטען וואָגען. און די שמוציגקייט פון דעם דאָזיגען קאַסטען, די מיעד־קייט פון דעם פערד, דאָס אַלסדינג האָט די יונגע פרוי געפיהלט אין זיך.

זי האָט איהם געטראָפען האַלב דערפראָהרען פאַר דער טיר.

דער רעגען־גוס האָט געליאַרמט איבער די בוימער, דער האָ־געל האָט געקלאַפּט אויף דעם רעגענשירם, בעת זי איז געגאַנגען צו דעם קליינעם הייזעל. איהרע פיס האָבען געזונקען אין דעם שמוץ.

דער גאָרטען איז געוועזען טרויעריג, אָהן א ברעג טרויעריג, טויט, זומפּיג. מאריאָל איז געוועזען בלייך. ער האָט זעהר גע־ליטען.

און ווען זיי זיינען אין דאָס שטוב אריין, האָט זי אויסגע־רעדט:

— מיין גאָט, ווי דאָ איז קאַלט!

און דאָך האָט געברענט פייער אין ביידע צימערן. אזוי אָבער ווי ערשט מיטאָג־צייט האָט מען די אויוועגס געמאַכט, האָבען זיך די פייכטע ווענד זיך נאָך ניט אויסגעטריקענט, און עס האָט איהר געשווינדערט.

זי האָט זיך אָנגערופען:

— איך וויל נאך א ווײלע זיצען אינ׳ם פעלץ.

זי האט איהם נור געעפענט, און דאס קלייד, מיט פעדערן בעזעצט, האט זי געמאכט אויסזעהן, ווי א פרעמדער פייגעל, וואס האט זיך געגרייט אוועקצופליהען.

ער האט זיך געזעצט נעבען איהר. זי האט ווידער געזאגט:

— ביי מיר איז היינט א שעהנער דינער. איך פרעה זיך שוין מיט דעם.

— ווער וועט זיין?

— נו, איהר און פרעדא, מיט וועמען איך וויל זיך אזוי בע־קענען.

— פרעדא וועט זיין?

— יא. לאמארט וועט איהם ברענגען.

— אבער פרעדא פאסט ניט פאר אייך. איבערהויפט זיינען סקולפטארען ניט די מענשען, וואס זאלען געפעלען יונגע, שעהנע פרויען און פרעדא נאך ווייניגער ווי אן אנדערער.

— אה, ליעבער פריינד, דאס איז אונמעגליך. איך בע־וואונדער איהם דאך אזוי.

זייט צוויי חדשים האט דער סקולפטאר פרעדא, מיט זיינע בילדער, וואס ער האט אויסגעשטעלט אין דער גאלערעע בארין, איינגענומען גאנץ פאריז. מען האט איהם פריהער אויך גע־ליעבט און געשעצט, און מען האט גערעדט פון איהם, אז ער מאכט זעהר שעהנע פיגורען. אבער ווען דאס פובליקום איז געשטאנען אין די זאאלען פון דער רי בארין פאר זיינע אלע געזאמעלטע ווערק, דאן ערשט האט אויסגעבראכען דער ריכטיגער ענטהוזי־אזמוס.

— עס איז קאנטיג געווען, אז ער האט געהאט א בעזונדערע פעהיגקייט איבערצוגעבען חן׳עוודיגקייטען און עלעגאנץ, דאס מען האט געמיינט, אז מען האט פאר זיך א גאנץ נייעם פארמען־קענער.

זיין ספעציאליטעט איז געווען קליינע פיגורען, ווייניג, זעהר

ווייניג בעקליידעט, וועמענס פיין פערשלייערטע פארמען ער האט פראכטפול איבערגעגעבען. זיינע טענצערינס, וועלכע ער האט געמאכט א גאנצע מאסע, האבען ארויסגעוויזען אין זייערע הארמאנישע בעוועגונגען, אין זייערע הארמאנישע שטעלונגען, די גאנצע בויגינג, זעלטענע שעהנקייט פון דעם פרויען־קערפער.

זייט א מאנאט האט מאדאם דע בורן געארבייט אויף אלע כלים, מיט איהם זיך געהעגטער צו בעקענען. אבער דער קינסט־לער איז געווען, ווי מען האט געזאגט, א בער, און האט די גרויסע געזעלשאפט אויסגעמיעדען. ביז לאמארט, וועלכער איז אויפ־ריכטיג געווען פאר איהם בעגייסטערט, האט ביי איהם ענדליך דאך גע'פועל'ט, ער זאל בעזוכען מאדאם דע בורן.

מאריאל האט געפרעגט:

— ווער וועט נאך זיין?

— די פרינצעסין מאטלען.

דאס האט איהם געערגערט. די פרינצעסין איז איהם ניט געפעלען געווען.

— און ווער נאך?

— מאסיוואל, בערנהויז און דע מאלטרי. ווייטער קיינער ניט. איהר קענט פרעדא?

— יא, אביסעל.

— וואס דענקט איהר וועגען איהם?

— מיר געפעלט ער זעהר. איך האב נאך קיינמאל ניט גע־טראפען א קינסטלער, וואס זאל אזוי לעבען אין זיין קונסט. און ער איז זעהר אינטערעסאנט, ווען ער רעדט וועגען דעם.

זי איז געווען גליקליך און האט געזאגט:

— עס וועט זיין אינטערעסאנט.

ער האט אונטער דעם פעלץ איהר האנד אנגענומען, געדריקט זי אביסעל, דאן האט ער זי א קוש געטהאן. דא האט זי זיך פלוצים געכאפט, אז זי האט פערגעסען צו זאגען דאס זי פיהלט

זיך ניט גוט. און מיט אמאָל האָט זי אויסגעטראַכט אַן אַנדער תירוץ:

— גאָט, איז דאָ קאַלט!

— ווירקליך?

— איך בין אין גאַנצען דערפראָהרען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, אום דעם טהערמאָמעטער צו זעהן, וועלכער איז, אגב, אין אַן אמת, זעהר נידעריג געווען. ער האָט זיך ווידער געזעצט נעבען איהר.

זי האָט ערשט געזאָגט: גאָט, איז דאָ קאַלט! ער האָט געמיינט, אַז ער פערשטעהט זי. שוין זייט אַ דריי וואָכען האָט ער בעמערקט, אַז דאָס האָט איהר דערעסען, אַז זי איז שוין פון דעם מיעד געוואָרען. ער איז פון דעם אַזוי פערצווייפעלט געווען, דאָס ער האָט זיך פיעל מאָל געזאָגט, אַז ער וועט בעסער מיט איהר ברעכען, איידער אַזוי ווייטער צו לעבען.

— וועט איהר גאָר דעם פעלץ היינט ניט אויסטהאָן?

— אָה, ניין — האָט זי געענטפערט — זייט היינט אין דער פריה הוסט איך. איך האָב זיך פערקיהלט פון דעם שרעקליכען וועטער. איך האָב מורא, איך זאָל זיך נאָך ניט מעהר פערקיהלען.

און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט זי געזאָגט:

— ווען איך וואָלט אייך ניט וועלען זעהן אַזוי, וואָלט איך גאָר היינט ניט געקומען.

און אַזוי ווי ער האָט פאַר הארצוועהטאָג און קימער ניט געענטפערט, האָט זי ווייטער גערעדט:

— נאָך אַזוינע שעהנע טעג ווי אין דער לעצטער צייט, איז די דאָזיגע פּלוצימדיגע קעלט געפעהרליך.

זי האָט ארויסגעקוקט אין דעם גאָרטען, אין וועלכען די ביי־מער זיינען שוין געווען כמעט גרין, וועהרענד אויף די צווייגען איז געלעגען דער לויזער צושמאָלצענער שנעע.

ער האָט זי אָנגעקוקט און געטראַכט: „דאָס, אַלזאָ, איז איהר ליעבע". צום ערשטען מאָל האָט ער דערפיהלט אַ מין

האס, א האס פון א מאן, צו דעם דאָזיגען פּנים, צו דער דאָזיגער אונפערשטענדליכער זעלע, צו דעם דאָזיגען פרויען־קערפּער, וועל־כען ער האָט ניט געקענט אין גאַנצען בעזיעגען.

„זי זאָגט, אז זי פריהרט", האָט ער געטראַכט, „זי פריהרט נור, ווייל איך בין דאָ. ווען עס זאָל זיך איהר מאכען עפּעם אזוינס, וואָס זי זאָל האלטען פאר א פערגעניגען, וואָלט זי שוין ניט גע־זאָגט, אז זי פריהרט. פאָהרט זי דאָך אין אַן אָפענעם עקיפּאַזש אין דער גרעסטער קעלט, ווייל זי וויל ווייזען איהרע קליידער! אָה, זיי זיינען אַלע אזוי!"

ער האָט זי אָנגעקוקט, ווי זי איז געגען איהם געזעסען רוהיג. און ער האָט געוואוסט, אז הינטער דעם דאָזיגען קליינעם שטערען, איז געלעגען א וואונש צו בעפרייען זיך פון דער ליעבע וואָס האָט אָנגעהויבען צו דערעסען.

זיינען ווירקליך פאראַן אזעלכע פרויען, וועלכע קענען ליעבען מיט פייער, וועלכע ליעבען אזוי, דאָס זיי ליידען, בעת זיי וואר־פען זיך דעם מאַן אויף די ברוסט, כאַפּען איהם ארום מיט א קרעכ־צען און גיבען זיך איהם אָפּ אין גאַנצען מיט'ן קערפּער אזוי ווי מיט דער זעעלע? מיט'ן מויל וואָס רעדט צו איהם, מיט די אויגען וואָס זעהען איהם, מיט הארצען וואָס קלאַפּט פאר איהם און דער האַנד וואָס גלעט איהם? פרויען, וואָס וואַגען אַלסדינג, ווייל זיי ליעבען; ווערען פערפאַלגט און שפּיאָנירט און איילען דאָך צו דעם, ביי וועמען זייער לעבען איז און פאר וועמען זיי זיינען בעריית צו שטאַרבען?

אָה, די דאָזיגע שרעקליכע ליעבע, וועלכע האָט איהם אין קייטען געשמיעדט, די דאָזיגע ליעבע, אָהן אן אויסוועג און אָהן אַן ענד, אָהן גליק און אָהן זיעג, וועלכע מאכט איהם נערוועז, פערצווייפעלט, וועלכע פרעסט איהם אויף דאָס הארץ. די דאָזיגע ליעבע, וואָס האָט איהם נור געגעבען וועהטאָגען און טרעהרען און די שרעקליכע איבערצייגונג, אז עס איז אונמעגליך צו ער־וועקען ווארימקייט מיט א קוש, ווי ברענענדיג ער זאָל ניט זיין,

אויף קאלטע, טרוקענע ליפען, ווי עס איז אונמעגליך ארויס־צורופען גרינע בליהונג אויף פערטריקענטע בוימער.

ער האט זי אנגעקוקט, ווי אזוי זי איז איינגעשנורט געווען אין איהר רייכען פעדער־קלייד.

— אייער קלייד איז זעהר שעהן — האט ער געזאגט. ווארים ער האט ניט געוואלט ריידען וועגען דעם, וואס איהם האט גע־מוטשעט.

זי האט געענטפערט מיט א שמייכעל:

— איהר וועט נאך זעהן, ווי איך וועל היינט אבענד זיין אויסגעפוצט.

דאן האט זי א פאר מאל א הוסט געטהאן און געזאגט:

— איך וועל זיך נאך אין גאנצען פערקיהלען. לאזט מיך געהן, מיין ליעבער פריינד. די זון וועט זיך צוריקקעהרען, און איך ווי זי.

ער האט זי ניט צוריקגעהאלטען. ער האט געפיהלט, אז ער וועט מיט איהר גאר נישט ניט מאכען. ער האט פערשטאנען, אז איצט איז אלעס געווען אויס, אלע זיינע האפנונגען זיינען גע־ווען פערלארען. און פלוצים האט ער דערפיהלט אין זיך א שטאר־קען וואונש אויפצושטעהן און אנטלויפען פון דער דאזיגער פלא־גענדער הערשאפט, ארונטערווארפען פון זיך איהר מורא'דיגען יאך. זיין הארץ איז אפגעגאנגען מיט בלוט און זי האט צוגעזעהן זיין שטארבען, ניט געפיהלט גאר זיינע ליידען, און איז זאגאר צו־פריעדען געווען מיט דעם, וואס זי האט געטהאן. אבער ער האט געוואלט זיך פון די דאזיגע קייטען אוועקרייסען, ווען ער זאל אפילו גאנצע שטיקער פון זיין קערפער אפרייסען. ער האט גע־וואלט אנטלויפען, ווי א חיה פאר א יעגער, וואס האט זי צום טויט פערוואונדעט. ער האט זיך געוואלט אין דער איינזאמקייט בעהאלטען, אז זיין וואונד זאל זיך קענען היילען און ער זאל דעם דאזיגען דומפפען וועהטאג מעהר ניט פיהלען.

— אלזא, אדיע! — האט ער געזאגט.

זי האָט דערהערט דעם טרויעריגען טאָן פון זיין שטימע און זיך אָנגערופען:

— אויף ווידערזעהן היינט אבענד, ליעבער פריינד!

ער האָט געענטפערט:

— היינט אבענד. אדיע.

דערנאָך האָט ער זי בעגלייט צו דער גאָרטען־טיר און זיך געזעצט אליין געגען פייער.

אליין! יא, עס איז געווען זעהר קאלט און עס איז געווען טרויעריג. עס איז געווען אויס. א שרעקליכער געדאנק. האָפען, ערוואַרטען, פון איהר חלום׳ען מיט יענער גלוט אין הארצען, וואָס איז אונז געגעבען געוואָרען אויף דער דאָזיגער טרויעריגער ערד נור פאר א קורצע ווייל׳ע, פאר עטליכע רגע׳ס, ווי די העלע, פרעהליכע פייערלאַך אין דונקעלע נעכט — אלעס אוועק! א סוף צו די נעכט, ווען ער האָט שלאָפען ניט געקענט פאר אויפרעגונג, וואס ער וועט מאָרגען זי זעהן אין דעם קליינעם הויז! אויס!

ווי ער האָט זי געליעבט! ווי ער האָט זי געליעבט! ווי לאנג וועט עס געדויערען, ביז ער וועט זי קענען פערגעסען. זי איז אוועק, ווייל עס איז געווען קאלט. ער האָט זי נאָך געזעהן ווי פריהער פאַר זיך, ווי זי האָט איהם אָנגעקוקט, איהם בעצויבערט, כדי איהם דאָס הארץ נאָך מעהר, נאָך טיעפער פערוואונדען. אָה, ווי זי האָט איהם פערוואונדעט מיט׳ן לעצטען שטויס! ער האָט געפיהלט די וואונד, וועלכע האָט איצט געבלוטעט. ער האָט געפיהלט, ווי פון דעם דורכגעלעכערטען הארצען שטראָמט עטוואָס אריין אין איהם, וואָס פילט אָן זיין קערפער, וואָס דערגרייכט איהם ביז צו דער האלז און שטיקט איהם.

דאָ האָט ער פערשטעלט די אויגען מיטביידע הענד, אזוי ווי ער וואָלט וועלען פאַרשטעלען זיין אייגענע שוואכקייט, און האָט אָנגעהויבען צו וויינען.

זי איז אוועק, ווייל עס איז געווען קאלט. ער וואָלט נאַקעט איבער׳ן שנעע געלאָפען, אום זי צו טרעפען, עס מאכט ניט אויס

וואו. ער וואָלט פון אַ דאַך זיך אַרונטערגעוואָרפען, אַבי צו איהרע פיס צו ליגען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַן אַלט געשיכטע, פון וועלכער מען האָט אַ מערכען געמאַכט — דאָס מערכען „וועגען דאָס פערליעבט פּאָרל אויף דעם בארג פון רוען". אַ יונגער מייד־דעל האָט איהר גרויזאַמער פאָטער פערבאָטען צו הייראַטען דעם, וועמען זי האָט געליעבט, סיידען זי אַליין זאָל איהם אַרויפטראָ־גען אויף דעם סאַמע שפּיץ פון דעם משופּע'דיגען בארג. און זי האָט איהם אַרויפגעטראָגען. זי איז געקראָכען אויף אַלע פיער, האָט זיך געקאַראַבקעט מיט הענד און פיס און איז געשטאָרבען, ווען זי האָט דערגרייכט דעם שפּיץ. די ליעבע איז אפנים נור אַ מערכען, אַ מעשה, וואָס קלינגט אין די ליעדער אָדער ווערט דערצעהלט אין די אויסגעטראַכטע ראָמאַנען.

האָט זי איהם אַליין ניט געזאָגט, גאָר אין דער ערשטער צייט, ווען זיי האָבען זיך געטראָפען, עטליכע ווערטער, וואָס ער וועט קיינמאָל ניט פערגעסען: „ניט די היינטיגע מענער און ניט די היינטיגע פרויען ליעבען היינט אַזוי, דאָס זיי זאָלען קראַנק ווע־רען פאַר ליעבע. גלויבט מיר, איך קען זיי ביידען".

אין איהם האָט זי זיך גענאַרט, אָבער ניט אין זיך אַליין. וואָרים זי האָט לייכט צוגעזעצט: „יעדענפאַלס, וואָלט איך אייך וועלען זאָגען, אַז איך בין ניט פעהיג ווירקליך הייס צו ליעבען, קיינמאָל ניט."

קיינמאָל ניט? איז דאָס ווירקליך אַזוי? אין איהם האָט זי זיך ניט פערליעבט, דאָס האָט ער איצט געוואוסט בעשטימט. אָבער אין אַן אַנדערען?

איהם האָט זי ניט געקענט ליעבען. פאַרוואָס?

דאָ איז איהם איינגעפאַלען, אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבען פאַר־פעהלט. ער האָט גאָר נישט אויפגעטהאָן, גאָר נישט האָט איהם געגליקט, גאָר נישט האָט ער עררייכט. ער האָט ליעב געהאַט די פערשיידענע צווייגען פון דער קונסט, ער האָט פיליכט גע־קענט עפּעס אויפטהאָן אין איינעם פון די דאָזיגע צווייגען, האָט

אָבער קיין מוט ניט געהאט אין גאַנצען זיך אָפּצוגעבען צו דעם און ניט די אויסדרוויערענדיגע ארבייטס קראפט, וועלכע איז נויטיג, אום עפּעס אויפצוטהאָן אין דעם. קיין ערפאָלג האָט איהם גע־פרעהט, קיין גרויסע ליידענשאַפט פאַר עטוואָס גרויסעס האָט זיין לעבען ניט פערדעלט און אינטערעסאַנטער געמאַכט. זיין איינ־ציגער ענערגישער פערזוך צו געווינען די דאָזיגע פרוי, איז איהם אויך ניט געלונגען. א אונגליקליכער מענש איז ער געווען.

ער האָט נאָך אַלץ געוויינט און פערשטעלט מיטביידע הענד די אויגען. די טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער זיינע באַ־קען און פערנעצט די באָרד, און ער האָט זיי געפיהלט געזאַלצענע אויף די ליפּען.

ווען ער האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען, האָט ער דערזעהן, אז עס איז דונקעל געוואָרען. עס איז ניט פיעל צייט פערבליבען ביז איהר דינער. ער איז אוועקגעפאָהרען אהיים זיך איבער־צוטאָן.

X

ווען מאַריאַל איז געקומען צו מאַדאַם דע בורן, איז נאָך קיינער דאָרט ניט געווען. ער האָט זיך געזעצט און בעטראַכט די ווענד אַרום זיך, די זאַכען, די שטאָפען, די מעבעל, וואָס ער האָט ליעב געהאַט, ווייל זיי האָבען איהר געהערט. די דאָזיגע גאַנצע געמיטליכע וואוינונג, וואו ער האָט זיך מיט איהר בעקענט, וואו ער האָט זי געזעהן און אַזוי אָפט ווידער געזעהן, וואו ער האָט זי אָנגעהויבען צו ליעבען, וואו ער האָט אין זיך די דאָזיגע ליידענשאַפט דערפיהלט, וועלכע איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. ווי אָפט האָט ער זי דאָ ערוואַרטעט, אין די דאָזיגע קאָקעטישע צימערן, וואָס זיינען פאַר איהר געמאַכט געוואָרען. און ווי גוט ער האָט געקענט דעם דופט פון דעם דאָזיגען סאַלאָן, פון דער דאָזיגער שטאָף, אַ לייכטער דופט פון רעזעדא, געשמאַק און איינפאַך! דאָ האָט ער געציטערט פול ערוואַרטונג, פול האָפנונג, געציטערט און גע׳חלום׳ט, און געליטען. ער האָט געדריקט, ווי די האַנד פון אַ פריינד, וואָס מען פערלאָזט, די פאַרענץ פון דעם גרויסען פאָטעל, אין וועלכען ער האָט זיך אַזוי אָפט מיט איהר אונטערהאַלטען. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל ניט קומען, אַז קיינער זאָל ניט קומען, אַז ער זאָל אַליין בלייבען די גאַנצע נאַכט דורך און טרוימען פון זיין ליעבע, ווי מען וואַכט ביי אַ טויטען. דערנאָך וואָלט ער פאַרטאָג אַוועקגעגאַנגען פאַר אַ לאַנגע צייט, פיליייכט פאַר אימער.

די טיר פונ׳ם צימער האָט זיך געעפענט. זי איז אַריינגעגאַנגען מיט ביידע הענד אויסגעשטרעקט צו איהם. ער האָט זיך בע־

ערשט, האָט גאָר נישט איהר געלאָזט מערקען. דאָס איז ניט געווען קיין פרוי, דאָס איז געווען אַ רייצענדער, לעבעדיגער בלומען־בוקעט.

אַ קראַנץ פון נעלקען איז געלעגען אַרום איהר טאַליע און איז געפאַלען ביז צו איהרע פיס אַרונטער אין איינצעלנע קייטען. אַרום די נאַקעטע אָרעמס און שולטערען האָט זיך געדרעהט אַ גירליאַנדע פון פערגעס־מיך־ניט און שנעע־גלעקלאַך, וועהרענד דריי שטאָלצע אָרטשידען האָבען, עס האָט זיך געדאַכט, פון איהר בוזים אַרויסגעטראָטען און דאָס מילך־ווייסע פלייש פוז דער ברוסט מיט זייערע ראָזע און רויטע קאָלירען בעשיינט. אין איהרע בלאָנדע האָר האָבען געגלאַנצט ביילכען אויס עמאַיל, אין וועלכע גאַנץ קליינע דימענטען האָבען געבלישטשעט. [illegible] בריליאַנטען האָבען געציטערט אויף גאָלדענע נאָדלען און געפינקעלט, ווי טהוי־טראָפּענס אַרום דעם טאַליע־אויסשניט.

— איך וועל דערפון קריגען אַ קאָפּוועהטאָג! — האָט זי געזאָגט. אָבער דאָס מאַכט נישט, מיין קלייד פּאַסט מיר אַזוי גוט.

זי האָט געדופטעט ווי דער פריהלינג אינ׳ם גאָרטען. זי איז געווען פרישער פון איהרע בלומען. מאַריאָל האָט זי אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגען און ער האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז עס וואָלט געווען אַזוי באַרבאַריש זי איצט אין די אָרעמס צו דריקען, ווי אויף אַ בליהענדען בעעט אַרויפצוטרעטען. עס איז מעהר ניט געווען עטוואָס, וואָס מען ליעבט. זי האָט אויסגעזעהן מעהר בלום, מעהר פייגעל, ווי פרוי. פאַר וועמען, אַלזאָ, האָט זי זיך אַזוי אויסגעפּוצט? פאַר דעם געליעבטען? אָדער אום די פּרינצעסין מאַלטען קליין צו מאַכען.

די טיר האָט זיך געעפענט, מען האָט געמעלדעט די פּרינצעסין. מאַדאַם דע בורן איז איהר אַנטקעגען געלאָפען און האָט זי אַרומגעכאַפּט קושען. עס איז געווען אַ שעהנער, וואַרימער קוש, וואָס די ביידע מיילער האָבען זיך געגעבען.

מאריאל האט נעציטערט פאר אויפרעגונג. קיינמאל איז זי ניט געלאפען איהם אנטקעגען מיט אזא אויפריכטיגער פרייד. און ער האט א טראכט געטהאן: „דיזע פרויען זיינען שוין נישט מעהר פאר אונז געשאפען".

מאסיוואל איז ערשיענען, הינטער איהם העררן דע פראדא, גראף בערנהויז, דערנאך דע מאלטרי, אנגעטהאן מעשה ענגלישמען, מיט שיך.

נור לאמארט און פרעדא האבען נאך געפעהלט. מען האט גע־רעדט וועגען דעם סקולפטאר און אלע האבען איהם געלויבט. ער האט די טראדיציאן פון דער רענעסאנס אויפגעלעבט און דערצו נאך עטוואס אייגענעס געשאפען, דעם מאדערנעם רעאליזמוס, א. א. וו., א. א. וו.

ענדליך איז ער געקומען. מען איז ערשטוינט געווען. עס איז געווען א דיקער מאן פון אונבעשטימטען אלטער, מיט א מעכטיגען פויער־נאקען, א ברייטען שארף־אויסגעארבייטען קאפ מיט גרויע האר און גרויער בארד, א גרויסער נאז און דיקע ליפען. ער האט געהאלטען די ארעמס אביסעלע צו ווייט פון זיין קערפער, אביסעל צו אומגעלומפערט, מסתמא מחמת זיינע הענד זיינען גע־ווען אזוי גרויס און האבען ארויסגעשטארצעט פון די ארבעל. זיי זיינען געווען ברייט, דיק, האריג, מיט מוסקוליעזע פינגער, די הענד פון א הערקולעס אדער פון א קצב; זיי האבען אויסגעזעהן אונ־געשיקט, לאנגזאם, אזוי ווי זיי װאלטען זיך געשעהמט דא צו זיין.

אבער דער פנים איז געווען בעשיינט פון א פאר קלארע, דורכדרינגענדע, גרויע און זעהר לעבהאפטע אויגען. עס האט זיך אויסגעגעבען, אז נור זיי אליין האבען געלעבט אין דעם דאזיגען שווערען מאן. זיי האבען געפארשט, האבען זיך אומגעקוקט, דורכגענומען אלסדינג און געווארפען זייערע קורצע בעוועגליכע שארפע בליקען אומעדום. מען האט געפיהלט, אז די דאזיגע אונ־

געוועהנליכע אויגען האט בעלעבט א גרויסע, לעבהאפטע אינ־טעליגענץ.

מאדאם דע בורן איז געווען אביסעלע ענטטוישט. זי האט איהם העפליך אנגעבאטען א שטוהל. דער קינסטלער האט זיך געזעצט און געבליבען זיצען, ווי עס האט געשיינט, ניט זעהר צופריעדען, וואס ער איז אהער געקומען.

לאמארט, מיט וועמען ער איז געקומען, האט געוואלט דעם אייז ברעכען, איז ער צוגעגאנגען צו זיין פריינד:

— מיין ליעבער, איך וואלט אייך וועלען ווייזען, וואו איי־גענטליך איהר געפינט זיך. איהר האט געזעהן ערשט אונזער געטליכע ווירטהין, איצט בעטראכט אקארשט איהר אומגעבונג.

ער האט איהם אנגעוויזען אויפ'ן קאמין, וואו עס איז גע־שטאנען א ביוסט פון הודאן, דערנאך אויף צוויי פיגורען פון טאנצענדע פרויען וואס האבען זיך געהאלטען ארומגענומען, אויפ'ן ביורא פון דעם סקולפטאר גלאדיאן, און אויף פיער אנדערע זעהר רייצענדע קליינע פיגורען אויף אן עטאזשערקע.

דא האט פרערא'ס געזיכט אויפגעלויכטען, אזוי ווי ער וואלט זיינע קינדער אונגעריכטערהייט דערזעהן ערגעץ אין א וויסטעניש. ער האט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו די פיער קליינע פיגורען און אז ער האט א נעהם געטהאן צוויי פאר א מאל, מיט זיינע געוואלטיגע הענד, וואס האבען אויסגעזעהן ווי בעשאפען, אום אקסען אומצואוואריפען אין א שעכטהויז, האט מאדאם דע בורן זיך דערשראקען, מורא געהאט, אז ער זאל מיט זיינע אומ־געלומפערטע לאפעס פון זיי א תל ניט מאכען. אבער אזוי גיך ווי ער האט זיי בעריהרט, האט זיך אויסגעגעבען, ווי ער וואלט זיי געגלעט, מחמת ער האט מערקווירדיג געשיקט זיי צווישען די פינגער געדרעהט, וואס זיינען אזוי פלינק געווארען ווי די פינגער פון א זשאנגלער. ווען מען האט איהם אזוי געזעהן בעטראכטען די פיגורען, האט מען גלייך בעמערקט, אז דער דאזיגער דיקער

מאַן האָט געהאַט אין די פינגער און אין דער נשמה א טיעפע, אידעאַלע ליעבע פאַר אַלע קליינע, עלעגאַנטע זאַכען.

— א יאַ, שעהן? — האָט לאַמאַרט געפרעגט.

דער סקולפּטאָר האָט זיי גענומען לויבען, אַקוראַט ווי ער וואָלט די פיגורען קאָמפּלימענטען געוואָלט זאָגען. ער האָט גערעדט רוהיג און זיכער און וועניג ווערטער קלאָר אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען, דערנאָך האָט ער בעקוקט די אַנדערע אַנטיקען, וואָס מאַדאַם דע בורן האָט צוליעב איהם זיי אַלע אַרויסגעשטעלט. ער האָט זיי געשאַצט, איז געוועזען ערשטוינט און גערירט, וואָס ער האָט דאָ געזעהן אַזוינע טהייערע אַנטיקען, האָט זיי נאָכאַנאַנד אין די הענד גענומען, געקעהרט זיי מיט ליעבע אויף אַלע זייטען, אַזוי ווי ער וואָלט זיי געלאַסטשעט. אין א דונקעלען ווינקעל איז געשטאַנען א בראָנזענע פיגור, שווער ווי א קאַנאָנע. מיט איין האַנד האָט ער זי אויפגעהויבען, צוגעטראָגען זי צום לאָמפּ, בעטראַכט זי א לאַנגע צייט און דערנאָך, אָהן די מינדסטע אָנשטרענגונג, זי ווידער אַוועקגעשטעלט אויף איהר אָרט.

לאַמאַרט האָט זיך אָנגערופען:

— קענטיג, ער איז געבוירען געוואָרען, אום מיט מאַרמאָר און שטיין צו בעשעפטיגען זיך.

אַלע האָבען געקוקט אויף איהם סימפּאַטיש.

דער דיענער האָט געמעלדעט:

— דער טיש איז געגרייט.

מאַדאַם דע בורן האָט גענומען דעם סקולפּטאָר'ס אָרעם, אום אין דאָס עס־צימער צו געהן, און אַז זי האָט איהם געזעצט רעכטס פון זיך האָט זי איהם געפרעגט:

— אייער קונסט איז דאָך די עלטסטע פון אַלע, ניט אַזוי?

ער האָט געענטפערט מיט זיין רוהיגער שטימע:

— מאַדאַם, די פּאַסטוכער אין דער ביבעל האָבען געשפּיעלט אויף דער פלייטע; דאָס בעווייזט, אַז די מוזיק איז נאָך עלטער,

אבוואהל נאָך אונזער אויפפאסונג איז די וואהרע מוזיק ניט זעהר אַלט. אָבער די עכטע סקולפּטור איז זעהר אַלט.

זי האָט געפרעגט:

— האָט איהר ליעב מוזיק?

ער האָט געענטפערט מיט ערנסטער איבערצייגונג:

— איך האָב ליעב יעדע קונסט.

זי האָט ווידער געפרעגט:

— ווייסט מען, ווער דער ערשטער סקופּטאָר איז געוועזן?

ער האָט נאָכגעדאַכט, דאַן האָט ער געזאָגט מיט א ווייכער שטימע, אזוי ווי ער וואָלט א קורצע ליעבעס-געשיכטע דער־צעהלט:

— נאָך דער גריכישער טראַדיציאָן איז דער ערשטער סקולפּ־טאָר געוועזן דער אַטהענער דעדאַלאָז. אָבער א שעהנע לעגענדע שרייבט צו די דאָזיגע ערפינדונג צו איינעם א טעפּער מיט'ן נאָ־מען דיבוטאַדעס פון סיקאָן. זיין טאָכטער קאָרא האָט דעם סי־לועט פון איהר חתן אויף דער וואַנד געצייכענט, איז געקומען איהר פאָטער און אָנגעפילט דעם דאָזיגען סילועט מיט לייהם און איהם מאָדעלירט. אזוי איז מיין קונסט געבאָרען געוואָרען.

לאַמאַרט האָט זיך אָנגערופען:

— רייצענד! — דערנאָך האָט ער נאָך א קורצען שווייגען צוגעלעגט:

— אך, פרעדא, ווען ער וויל נור ריידען!

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מאַדאַם דע בורן:

— איהר ווייסט גאָר ניט, מאַדאַם, ווי אינטערעסאַנט ער איז, ווען ער רעדט וועגען עטוואס, וואס ער ליעבט, וואס איהם איז טהייער, ווי לייכט ער געפינט דאַן די פּאַסענדע ווערטער, ווי ער קען אויפוועקען אַן אינטערעס און ליעבע צו זיין קונסט.

אָבער דער סקולפּטאָר, ווי עס האָט אויסגעזעהן, איז ניט גע־וועזן אויפגעלעגט דאָ זיך אַרויסצואווייזען. ער האָט פעררוקט א

פּרעג פון זיין סערוועטקע אונטער'ן קראגען און האָט גענעסען דעם סוף מיט אַ מין דרך ארץ, מעשה פּויער.

דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען זיין גלאָז וויין און זיך אויפֿ־געהויבען. ער האָט, קאָנטיג, אָנגעהויבען צו פּיהלען זיך בעסער, אָנגעהויבען זיך איינצוגעוואָהנען מיט דער אונבעקאנטער אומ־געבונג.

יעדע ווײַלע האָט ער זיך אומגעדרעהט, וואָרים ער האָט גע־זעהן אינ'ם שפּיגעל אַ גאַנץ מאָדערנע גרופּע פּלאסטיק, וואס איז הינטער איהם אויפ'ן קאַמין געשטאַנען. די ארבייט איז איהם אויסגעקומען אונבעקאנט. ער האָט געפּרובט טרעפען, ווער איז איהר שעפער. ענדליך האָט ער עס ניט געקענט מעהר אויסהאַל־טען און געפרעגט:

— ניט אמת, דאָס איז דאָך פון פאַלזשור?

מאדאם דע בורן האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— יא, עס איז פון פאַלזשור. ווי אזוי האָט איהר דאָס גע־קענט דערקענען דורכ'ן שפּיגעל?

איצט האָט ער געשמייכעלט:

— אָה, מאדאם, איך דערקען גלייך אויף דעם ערשטען בליק, איך ווייס אליין ניט ווי, אויב דער סקולפּטאָר איז אויך אַ מאַלער אָדער אויב דער מאַלער איז אויך אַ סקולפּטאָר. עס זעהט גאַנץ אַנדערש אויס, ווי פון איינעם וואס איז נור אַ קינסט־לער פון איין פאַך.

לאָמאַרט האָט געוואָלט מען זאָל דערזעהן זיין פריינד אינ'ם ריכטיגען ליכט, האָט ער איהם געבעטען ער זאָל דייטליכער ער־קלערען וואס ער מיינט. פרעדא האָט אָנגעפאנגען צו ערקלערען.

ער האָט צוגעליעדערט, דערצעהלט און כאַראַקטעריזירט די מאַלעריי־ארבייט פון סקולפּטאָרען און די סקולפּטור־ארבייט פון מאַלער אזוי אָריגינאַל און אייגענאַרטיג, מיט זיינע לאַנגזאַמע און טרעפענדע ווערטער, דאָס אַלע אַנוועזענדע האָבען צו איהם אויס־געשטעלט אויגען און אויערען. ער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע

געשיכטע פון דער קונסט, האט געבראכט ביישפּיעלען פון עפּאָכע צו עפּאָכע, איז דערגאַנגען ביז צו די ערשטע איטאַליענישע מייס־טערס, וואס זיינען געווען צוגלייך אי מאַלער, אי סקולפּטאָרען. ניקאָלא און זשיאָוואַנני דע פּיזאַנא, דאנאטעלא, לאָרענצא שי־בערטי. און דערביי האט ער ציטירט זעלטענע ווערטלאך פון דידעראָ איבער דעם זעלביגען ענין.

מיט זיינע שווערע הענד, וועלכע ער האט פאַר זיך בע־וועגט, אזוי ווי ער וואלט מיט זיי איצט ליים געקנאָטען און וועל־כע האָבען דערביי אויסגעזעהן לייכט און פלינק, האט ער אזוי זיינע ווערטער אויסגעהאָלפען, דאס אלע האָבען נייגעריג די בעווע־גונגען פון זיינע פינגער נאָכגעפאָלגט, וועלכע האָבען איבער די גלעזער און טעלער אלע בילדער נאָכגעצייכענט, וועגען וועלכע זיין מויל האט גערעדט.

ווען מען האט דערנאָך דערלאנגט א געריכט, וואס ער האט ליעב געהאט, איז ער פּלוצים אנשווייגען געווארען און האט גע־געסען.

מעחר האט ער שוין ביים טיש ניט גערעדט און זיך כמעט ניט אינטערעסירט מיט דעם געשפּרעך, וואס איז אָנגעגאַנגען ארום איהם וועגען טהעאטער, פּאָליטיק, צייטונגס־אַרטיקלען, בע־לער און חתונות. ער האט געגעסען זעהר פיעל, געטרונקען דעם וויין ניט־געמישט, וועלכער האט אויף איהם גאַר ניט געווירקט, וואָרים ער האט געהאט א קלאָרען געזונדען פערשטאַנד, וואס האט געקענט פערטראגען דעם שטארקען טראָפּען.

ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין דעם סאַלאָן, האט לאַמאַרט, וועלכער האט זיך בעמיהט צו ווייזען דעם סקולפּטאָר פאר די אנדערע אין זיין גאַנצען גלאַנץ, איהם צוגעפיהרט צו א גלעזערנעם שראַנק, וואו עס איז געשטאַנען דער זילבערנער טינ־טער פון בענווענוטא סעליני, וואס איז בעריהמט געווען אין דער קונסט־וועלט.

אז דער סקולפּטאָר האט דאס דערזעהן, איז ער גוי פער־

שיכור'ט געווארען. ער האט דאס אנגעקוקט מיט אזוינע פער־ליעבטע אויגען, ווי מען קוקט אויף דעם פנים פון א געליעבטער. און גאנץ פערכאפט פון דעם דאזיגען קונסט־ווערק, האט ער גע־נומען ריידען וועגען סעליני און אויסגעדריקט וועגען איהם מערק־ווירדיג־טיעפע און אריגינעלע געדאנקען. און דערנאך, ווען ער האט בעמערקט, אז מען הערט זיך צו צו איהם, האט ער זיך ברייטער צולאזט איבער זיין געגענשטאנד, אפגעשטעלט זיך אויף איינ־צעלהייטען און זיי ענטוויקעלט, געזעצט זיך אין א גרויסען פאטעל, דערביי האט ער געהאלטען דעם טהייערען אנטיק אין דער האנד און געקוקט אויף דעם.

צעהן יאהר לאנג האט ער איבער דער וועלט געדרייזט, האט נור מארמאר, שטיין, בראנז, שניצערייען געזעהן, אלץ ווערק פון מייסטער־הענד, אדער גאלד, זילבער, עלפאנט־ביין, קופער, וואס די צוויבער־פינגער פון קינסטלער האבען אין מייסטער־ווערק פער־וואנדעלט.

און ער איז געווען דורך און דורך סקולפטאר, ווען ער האט גערעדט. פלאסטיש און בולט האבען זיינע טרעפליכע ווערטער די געדאנקען ארויסגעבראכט.

די הערדען, וואס זיינען ארום איהם געשטאנען, האבען זיך צוגעהערט צו איהם מיט אויסערגעוועהנליכען אינטערעס, וועה־רענד די ביידע דאמען, וועלכע זיינען נעבען קאמין געזעסען, האבען זיך אנגעהויבען צו לאנגווייליען אביסעל און שטיל זיך גע־סוד'עט. זיי האט פערדראסען, וואס דער עולם האט זיך היינט מעהר אינטערעסירט מיט דער קונסט, ווי מיט זיי.

אז פרעדא איז אנשוויגען געווארען, האט לאמארט, וועלכער איז אין גאנצען געווען בעגייסטערט, איהם די האנד געדריקט און זיך אנגערופען:

— ווירקליך, מיר ווילט זיך אייך א קוש געבען. איהר זייט דער איינציגער קינסטלער, דער איינציגער גרויסער מאן היינט־צו־טאג, וואס האט לײדענשאפט. דער איינציגער, וואס ליעבט

באמת דאָס, וואס ער שאַפט, וועלכער געפינט זיין גליק דאַרין, דער איינציגער, וואס ווערט קיינמאָל ניט מיעד פון זיין קונסט. איהר לעבט אין דער אייביגער קונסט, פון עטוואס אַנדערש דענקט איהר ניט. איך טרינק פאַר אייער געזונד.

פרעדא איז אוועק פריהער פאַר אַלעמען, ווייל, ווי ער האָט ערקלערט, ער איז געוועהנט געווען גלייך מיט'ן טאָג צו זיין ביי דער ארבייט.

ווען ער איז אוועק, האָט לאַמאַרט זיך אָנגערופען בעגייסטערט צו מאַדאַם דע בורן:

— נו, ווי געפעלט ער אייך?

זי האָט געענטפערט גאָר ניט בעגייסטערט:

— גאַנץ אינטערעסאַנט, אָבער ער רעדט צופיעל.

דער שריפטשטעלער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און ביי זיך גע־טראַכט: נאַ, ער האָט איהר קלייד ניט בעוואונדערט, די איינ־ציגע טהייערע זאַך, וואס ער האָט גאָר ניט בעמערקט אַפילו. אַזאַ פערברעכער! דערנאָך האָט ער איהר געזאָגט אַ פּאָר קאָמפּלי־מענטען, זיך געזעצט נעבען פּרינצעסין מאַלטען און אָנגעהויבען צו איהר צו פלירטען. גראַף בערנהויז איז צוגעגאַנגען צו דער ווירטהין פון'ם הויז, צוגערוקט אַ קליין בענקעלע, וואס איז אַזוי נידריג געווען, דאָס עס האָט זיך אויסגעוויזען, ווען ער האָט זיך געזעצט, אַז ער זיצט צו איהרע פיס. מאַסיוואַל, מאַריאָל, מאַל־טרי און הערר דע פּראַדא האָבען ווייטער גערעדט וועגען דעם סקולפּטאָר, וועלכער האָט אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקען איינ־דרוק. דע מאַלטרי האָט איהם פערגליכען מיט די אַלטע מייס־טערס, וואס האָבען זייער גאַנץ לעבען לאַנג געליעבט נור דאָס שעהנע אויף דיזער וועלט. וועגען דעם האָט ער אַבישעל פילאָ־זאָפירט מיט אַפילו גאַנץ קלוגע, ריכטיגע, אָבער צו־שווערע ווער־טער.

מאַסיוואַל האָט גענוג געהערט וועגען אַ קונסט, וועלכע איז ניט געווען זיינע, איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּרינצעסין און האָט

זיך אוועקגעזעצט נעבען לאמארט'ן, וועלכער איז באלד אויפגע־שטאנען און האט זיך צוריקגעקעהרט צו די הערדען.

— געהען מיר? — האט ער זיך אנגערופען צו מאריאל'ען.

— גערן.

דער שריפטשטעלער האט ליעב געהאט בייגאכט, ווען ער האט עמיצען בעגלייט, צו ריידען. זיין שארפע, שרייענדיגע שטימע, וואס האט זיך געטראגען אין די נאכט, איז ווי אויף די הייזער הענגען געבליבען און אין די הויך אויף די ווענד געפלויגען. ער האט פיעל געהאלטען פון זיין פעהיגקייט צו ריידען, האט אויסגע־נומען מיט דעם ביי זיך אליין און דאס איז איהם גענוג געווען, און נאך דער דאזיגער מיעדקייט פון לונגען און די פיס האט ער גע־קענט געשמאק שלאפען.

ביי מאריאל'ען זיינען די לעצטע כוחות אויסגעגאנגען. זיין גאנצע עלענדקייט, זיין גאנצער אונגליק, זיין גאנצער קימער, זיין גאנצע נידערגעשלאגענקייט האבען אין זיין הארצען געקאכט, זייט ער האט איהר שוועל איבערטראטען.

מעהר האט ער ניט געקענט, מעהר האט ער ניט געוואלט. ער האט געוואלט אנטלויפען, אנטלויפען און ניט קומען צוריק.

ווען ער האט מאדאם דע בורן פערלאזען, האט זי איהם גע־זאגט איהר אדיע אביסעלע צוטראגען.

דיביידע מענער זיינען ארוים אויף די גאס. קיין ווינד איז ניט געווען און די בייטאגיגע קעלט האט אויך געהאט נאכגע־לאזט. עס איז געווען ווארעם און מילד, ווי נאך א פריהלינגס־שטורם. אויפ'ן הימעל האבען געציטערט שטערן, אזוי ווי דורך דעם ענדלאזען רוים וואלט א זומער־הויך זיך דורכגעטראגען און זיי דארט אנגעצונדען.

די טרעפען אין דרויסען זיינען ווידער געווארען גרוי און טרוקען, ועהרענד אין מיטען גאס, וואו מען איז געפאהרען, האט די נאסקייט אונטער דעם שיין פון די גאז־לאנטערנעס גע־גלאנצט.

לאַמאַרט האָט זיך צורעדט:

— גאָט, וואָס פאַר אַ גליקליכער מענש איז דער דאָזיגער פרעדא! ער ליעבט נור איין זאַך אויף דער וועלט, זיין קונסט. ער דענקט נור וועגען דעם, לעבט נור דאַפיר, און דאָס פילט אָן מיט פרייד, גליק און שטענדיגע צופריעדענהייט זיין לעבען. ער איז ווירקליך אַ קינסטלער פון דעם אַלטען זאָרט. עס טשעפּען איהם ניט קיין פרויען, זייערע קליידער און קאַפּריזען אַרען איהם ניט, די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט שענקט ער זיי ניט. האָט איהר בעמערקט, ווי וועניג ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אונזערע ביידע שעהנהייטען, וועלכע זיינען געוועזען אַזוי פערפיהרעריש היינט ביי נאַכט? ער ליעבט ריינע פּלאַסטיק, פערקינסטעלטע אינטערעסירט איהם ניט. און אונזער געטליכע מאַדאַם דע בורן דענקט איצט זיכער, אַז ער איז אַן אונערטרעגליכער עזעל. פאַר איהר איז אַ ביוסט פון הודאָן, אַדער אַ טינטערל פון סעליני נור אַ ראַהם פאַר איין מייסטערווערק, פאַר דעם מייסטערווערק, וואָס הייסט מאַדאַם דע בורן... גאָט, ווי קליינליך, ווי אונבעדייטענד און ווי פערליעבט אין זיך איז אַזאַ פרוי!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קלאַפּ געטהאָן דעם שטאָק אַן פּלאַסטער, און דער קורצער, שאַרפער הילך האָט אַ רגע אָפּגעקלונגען אין דער גאַס. דערנאָך האָט ער ווייטער גערעדט:

— זיי טהוען אַלצדינג, פּרובען אַלצדינג, וואָס זאָל זיי שעהנער מאַכען, אַנציהענדער, אין טואַלעטען, אין פּוצען זיך, אין דער מאָדע, וואָס בייט זיך אַלע צעהן יאָהר, אָבער זיי האָבען גאָר קיין בעגריף ניט פון דעם, וואָס איז באמת זעלטען, שעהן און טהייער אויף אימער, וואָס אַ גרויסע, קינסטלערישע איבערגעבונג פערלאַנגט, אַ שטודיום אָהן אייגעננוציגקייט. איבריגענס זייינען זייערע חושים צו וועניג אויסגעבילדעט. זיי זיינען צו ווייבעריש, קענען גאָר נישט פערשטעהן, וואָס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות מיט ווייבערשען געצענדינסט, וועלכער פערשלינגט

אין זיי אַלצדינג. זייער פערשטאַנד און געשמאַק האָבען עטוואס ווילדעס, אינדיאַנישעס, קריגערישעס.

ער האָט ווידער א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן שטאָק אָן דעם פּלאַסטער און דערנאָך ווייטער גערעדט:

— איבריגענס צופיעל פון זיי פערלאַנגען דאַרף מען ניט; אָבער ווי ווייניג פערשטאַנד און געשמאַק זיי ווייזען ארויס, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען העכערע זאַכען, ווייזען זיי זיך ארויס גאָר ווילד און נאַריש, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אונז, מענער. אום זיי צו פאַנגען, איז גאָר ניט נויטיג, מיר זאָלען האָבען נשמה, הארץ, פערשטאַנד, בעזונדערע אַנדערע מעלות און פערדינסטען, ווי אַמאָליגע צייטען, בעת מען האָט פאר א מאַן געשווערמט צו־ליעב זיין ווערטה אָדער זיין מוט. די היינטיגע פרויען זיינען שוי־שפּיעלערין, שוישפּיעלערין אין דער ליעבע. און זיי דאַרפען נור פּאַרטנערס, וואס זאָלען מיטשפּיעלען, וואס זאָלען מיטשפּיעלען די ראָלען אזוי גוט ווי זיי.

א ווייל[ע] זיינען זיי געגאַנגען איינער נעבען דעם אַנדערען און האָבען געשוויגען.

מאַריאָל האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו איהם. אין זיינע געדאַנקען האָט ער איהם נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט און אין זיין פערצווייפלונג איז ער איינפערשטאַנדען געוועזען מיט איהם אין יעדען פּונקט.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען:

— אָבער מיר אַליין זיינען אין דעם שולדיג. מיר טרעפען זיך ניט מיט די ריכטיגע פרויען. עס זיינען פאַרהאַן אַנדערע פרויען אויך.

דער שריפטשטעלער האָט געענטפערט:

— די איינציגע פרויען, וואס זיינען נאָך היינט אויך פעהיג צו ליעבען, זיינען די דאָרפישע מיידלאַך אָדער די סענטימענטאַלע בירגער־פרויען, ווען זיי זיינען אָרעם און אונגליקליך פערהייראַט. איך האָב גאָר אָפט אַזויגע בעטריבטע הערצער געטרויסט. זיי

זיינען איבערפילט פון געפיהל, פון אויפריכטיגען געפיהל. איב־ריגענס גלויב איך, אז אין אונזער יונגער, רייכער געזעלשאפט, אין וועלכער די פרויען נויטיגען זיך אין גאר נישט און בענקען נאך גאר נישט און האבען קיין אנדערען פערלאנג, ווי נור אביסעל צו ווערען אונטערהאלטען, אבער גאנץ פארזיכטיג, אין אונזער גע־זעלשאפט, אין וועלכער די מענער פערברענגען געוויסע שטונדען ביי זייער אפיציעלען פערגעניגען, פונקט ווי ביי זייער אפיציעלער ארבייט, וואס מוז פון זיי אפּעגטהאן ווערען, אז אין דער דאזיגער געזעלשאפט איז די אמאליגע וואונדערבארע אנציהונגסקראפט פון איין געשלעכט צום אנדערען פערשוואונדען.

מאריאל האט שטיל געזאגט:

— דאס איז אמת.

און זיין זעהנזוכט צו אנטלויפען איז געוואקסען. צו אנט־לויפען וויט אוועק פון די דאזיגע מענשען, פון די דאזיגע אפען, וועלכע, אום זייער לעדיגע צייט צו פטר'ן האבען נאכגעמאכט די שעהנע, צערטליכע ליידענשאפטען פון אמאל, נאכגעמאכט אהן א פונק פון אמת'ן געפיהל.

— גוט נאכט! — האט ער געזאגט — איך געה שלא־פען.

ער איז געקומען אהיים, האט זיך געזעצט ביים שרייבטיש און אנגעשריבען:

„אדיע, מאדאם. קענט איהר זיך נאך דערמאנען, וואס איך האב אייך געשריבען אין מיין ערשטען בריעף? דעמאלט האב איך אייך אויך געזאגט אדיע. אבער איך בין ניט אוועק. ווי נאריש דאס איז געווען פון מיר! ווען איהר וועט די דאזיגע ציי־לען לעזען, וועל איך שוין האבען פערלאזען פאריז. דארף איך אייך ערקלערען, ווארום? אזוינע מענער ווי איך טארען זיך ניט טרעפען מיט אזעלכע פרויען ווי איהר. ווען איך וואלט א קינסט־לער געווען און ווען דאן וואלט מיר אויסגעקומען אויסצודריקען דאס, וואס איך האב איבערגעלעבט די גאנצע צייט, זייט איך

האָב אייך בעגעגענט, וואָלט די בעגעגענונג, קען זיין, דעם טאָ־לענט אין מיר אויפגעוועקט. אָבער איך בין נור א געוועהנליכער מענש, ווענען זיין ליעבע צו אייך האָט נור שרעקליכע ליידען געבראכט. ווען איך האָב אייך צום ערשטען מאָל געזעהן, האָב איך גאָר ניט געוואוסט, אז איך קען אזוי פיהלען און ליידען. אן אנדערע אויף אייער אָרט וואָלט מיין הארץ בעלעבט, מיין נשמה מיט פרייד און גליק בעלויכטען, איהר אָבער האָט נור פערשטאָנען, ווי צו פייניגען, ווי צו מאַטערען מיך. אנדערש קענט איהר ניט, איך ווייס עס. איך מאך אייך ניט שולדיג, און איך בין ניט בייז אויף אייך. איך האָב אפילו קיין רעכט ניט אייך דאָס צו שריי־בען. פערצייהט עס מיר. איהר זייט שוין אזא, וועלכע קען ניט פיהלען דאָס, וואס איך פיהל, וועלכע קען אפילו זיך ניט אָנשטוי־סען וועגען דעם, וואס אין מיין הארצען טהוט זיך, בעת איך קום אריין אין אייער צימער, ווען איהר רעדט מיט מיר, ווען איך קוק אויף אייך. יאָ, איהר האָט מיר אָנגעבאָטען א רוהיגען, פער־גינפטיגען גליק און דאפיר האָב איך אייך געזאָלט דאנקען מיין לעבען לאנג אויף די קניע. אבער איך וויל עס ניט. אָה, ווי שרעקליך, ווי פיינליך איז די ליעבע, ביי וועלכער מען מוז בסדר בעטלען א ווארים וואָרט, א לאסקע, בעטלען און עס קיינמאָל ניט בעקומען. מיין הארץ איז פוסט, ווי דער מאָגען ביי א בעטלער, וואָס איז א לאנגע צייט אייך נאָכגעלאָפען מיט אן אויסגעשטרעק־טער האנד. איהר האָט איהם שעהנע פערשפּרעכונגען צוגעוואָר־פען, אָבער קיין ברויט. ברויט האָב איך פערלאנגט — ליעבע האָב איך געוואָלט האָבען. איך געה אוועק אונגליקליך, ארעם, ארעם פון אייער ליעבע, וואס א פּאָר ברעקלאך פון איהר האָט איהר מיר צוגעוואָרפען. גאָר נישט מעהר איז מיר אויף דער וועלט געבלי־בען, ווי נור די שמערצליכע עראינערונג אין מיר, וועלכע איך מוז דערשטיקען. און איך וועל זיך בעמיהען עס צו טהאָן.

„אדיע, מאדאם. פערצייהט. א דאנק. פערצייהט... היינט אבענד ליעב איך אייך נאָך פונ'ם גאנצען הארצען. אדיע, מאַ־דאם. אנדרע מאריאל.״

XI

א הערליכער פריהמארגען האט איבער דער שטאדט געלויכ־טען. מאריאל האט זיך אויף דער דראזשקע געזעצט, וועלכע האט געווארט פאר זיין טיר מיט א רייזע־טאש און צוויי קופערטס, וואס זיינען דארט געלעגען נעבען קוטשער. ביי נאכט נאך האט דער דיענער איינגעפאקט וועש און אנדערע נויטיגע זאכען פאר א לענגערע צייט. און מאריאל איז איצט אפגעפאהרען, איבער־לאזענדיג אין דער היים אן אדרעס: פאנטיינבלוי, פאסט־אפים. ער האט קיינעם ניט מיטגענומען, ווייל ער האט געוואלט, אז קיי־נער זאל איהם אן פאריז ניט דערמאנען, קיין שטימע האט ער ניט געוואלט הערען, וואס ער האט שוין אמאל דא געהערט.

ער האט א זאג געטהאן צום קוטשער: „ליאנער וואקזאל.” די דראזשקע האט זיך פונ׳ם ארט גערירהט. דא האט זיך מא־ריאל דערמאנט אן דעם אנדערען אפפאהרען פאר־א־יאהריגען פריהלינג, צו מאנט סען־מישעל. און, אום דאס צו פערגעסען, האט ער גענומען קוקען אויף דער גאס. די דראזשקע האט זיך פערקי־רעוועט אין די עווניו שאמפס־עליסעע, וועלכע איז אין גאנ־צען פערגאסען געווען פון דער פריהלינגס־זון. די גרינע בלע־טער, וועלכע האבען אין זיך געהאט ארייגעזויגט די ווארימקייט פון די פערגאנגענע וואכען און וואס זייער וייטערער וואקסען איז פלוצים פערהאלטען געווארען די לעצטע צוויי האגעלדיגע טעג פון דעם קאלטען שטורם, האבען זיך געעפענט אין דעם דאזיגען

שטראַהלענדיגען פריהמאָרגען און אַרויסגעהויכט פון זיך אַ גע־רוך פון פרישער גרינקייט און פון אַרומשוועבענדיגער בליהונג.

עס איז געווען איינער פון יענע פריהלינגס־טעג, ווען מען פיהלט, אַז די קאַשטאַנען־ביימער אין די עפּענטליכע פּאַרקס און אין אַלע עוועניוס פון גאַנץ פּאַריז ווילען זיך אין איין טאָג מיט בליהונג בעדעקען.

ער האָט געטראַכט, ווהערענד די דראָזשקע האָט איהם גע־טרייסעלט: „איצט וועל איך ענדליך רוהען. איצט וועל איך אין דער שטילקייט קענען זעהן, ווי דער פריהלינג וועט קומען אין דעם איינזאַמען וואַלד.”

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דאָס פאָהרען נעהמט גאָר קיין ענד ניט. נאָך די פּאָר שטונדען, וואָס ער האָט פאַר־בראַכט אַליין, קעמפּפענדיג מיט זיינע געפיהלען און געדאַנקען, האָט ער זיך געפיהלט אין גאַנצען צובראָכען, אַזוי ווי ער וואָלט צעהן נעכט נעבען אַ שטאַרבענדען געוואַרט.

אַז ער איז אָנגעקומען אין די שטאָדט פאָנטיינבלוי, איז ער אוועק צו אַ נאָטאַריוס, אום אויסצוגעפינען, אויב ער קען ניט קריי־גען ערגעץ־וואו אין׳ם וואַלד אַ ווילאַ צו דינגען. מען האָט איהם פאָרגעלעגט צוויי פאָטאָגראַפיעס פון צוויי הייזער אין׳ם וואַלד. דאָס הויז, וואָס איז איהם בעסער געפעלען געוואָרען, איז ניט לאַנג בעוואָהנט געווען פון אַ יונג פּאָרל. דער נאָטאַריוס, אַן ערנסטער מאַן, האָט אַ שמייכעל געטהאָן, וואָרים ער האָט פערדעכטיגט, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ ליעבעס־געשיכטע, און ער האָט גע־פרעגט:

— איהר זייט אַליין?

— יאָ, אַליין.

— אפילו אָהן דיענער?

— אָהן דיענער. איך האָב מיינע דיענער אין פּאַריז אי־בערגעלאָזען. איך וואָלט עמיצען פון דער געגענד גענומען. איך בין אהער געקומען, אום צו קענען אין דער שטיל אַרבייטען.

— אָה, שטיל וועט שוין זיין, געגוג שטיל.

שפּעטער א ווײַלע האָט אַן אָפּענער וואָגען געפירט מאַ־ריאַל׳ען מיט זיין געפּעק נאָך מאַנטיגני.

דער וואַלד האָט אָנגעהויבען צו ערוואַכען. צו די פיס פון די גרויסע ביימער, וואס זייערע קעפּ זיינען פערצווייגען געווען מיט א לייכטער גרינקייט, האָבען די בושעס אָנגעפאַנגען אָנצונעהמען א דייטליכע פאָרמע. די פריהע בירקען־ביימער מיט זייערע זיל־בער־גלאַנציגע שטאַמען זיינען, האָט זיך אויסגעוויזען, געווען די איינציגע וואס האָבען שוין געטראַגען א זומער־קלייד, ווערענד די מעכטיגע אייכען־ביימער האָבען נור אויף די שפּיצען פון זיי־ערע צווייגען געוויזען ציטערנדיגע גרינע פלעקען. די ביכען־ביימער, וואס האָבען שנעלער געוואָלט עפענען זייערע שפּיציגע קנאָספּען, האָבען געטרייסעלט פון זיך די טויטע בלעטער פון׳ם פערגאַנגענעם יאהר.

דאָס פריש־ארויסגעשפּראָצטע גראָז פון ביידע זייטען וועג, אויף וועלכען די מעכטיגע ביימער האָבען נאָך זייער שאָטען ניט געוואָרפען, האָט געלויכטען און געגלאַנצט, ווי לאַקירט. און יע־נער גערוך פון ארומשוועבענדער בליהונג, וועלכען מאַריאַל האָט שוין געשפּירט אין דער עווענױ טשאַמפּס־עליסעע, האָט איהם איצט ארומגערינגעלט און געבאָדען ווי אין א ים פון זונען־שיין און פון יונגען, בליהענדיגען לעבען. ער האָט אריינגעזויגט אין זיך דעם דאָזיגען גערוך, ווי איינער, וואס איז ערשט פון א געפענגניס ארויס, מיט׳ן גאַנצען לונגען, מיט דעם געפיהל פון א מענשען, וואָס האָט זיך ערשט פון זיינע קייטען בעפרייט. און חיות׳ענ־דיג זיך, האָט ער געלאָזט אראָבהענגען זיינע ביידע הענד פון׳ם וואָגען איבער די רעדער.

ער איז געפאָהרען דורך מאַרלאָ, וואו דער קוטשער האָט איהם אויף דעם האָטעל קאַרא אָנגעוויזען, וואס האָט זיך ערשט גע־האָט געעפענט און וועלכער איז בעריהמט געווען אין דער גאַנ־צער געגענד. דערנאָך איז ער ווייטען געפאָהרען איבער א שליאָך.

פון לינקס האָט זיך געצווייגט דער וואלד, רעכטס — א גרויסע עוועניו מיט בעזונדערע גרופען ביימער און אין פאָראויס דער האָריזאָנט, וועלכער איז פערשפאָרט געווען פון בערגלאַך.

צום סוף זיינען זיי אריינגעפאָהרען אין א לאַנגע דאָרף־גאַס, א ווייטע, א בלענדענדיגע, וואו פוןביידע זייטען האָבען זיך געצויגען צוויי לאַנגע, לאַנגע רייהען פון קליינציקע, ציגעלנע הייזקעס. די גאַס איז געלאָפען ביז צו א שמאָלען טהאָל, וועלכער איז אריינגעפאלען אין א קליין טייכעל. אז מאריאל האָט עס דערזעהן, איז ער געוואָרען מלא שמחה. עס איז געווען א קליין, שמאָל, לעבהאפט־פליסענדיג, מורמלענד טייכעל, וואס האָט אויף איין ברעג די פונדאמענטען פון די הייזער און די גאָרטען־ווענט בעשפריצט און אויף דעם אנדערן די לאָנקעס געבאָדען, אויף וועלכע עס זיינען ביימער געשטאַנען, וואס האָבען קוים־קוים געבליהט.

מאריאל האָט באלד אויסגעפונען דאָס אָנגעגעבענע הויז, און עס איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. עס איז געווען אן אלטע הויז, וואס א מאָלער האָט אויסגעבויט, וועלכער האָט דאָרט פינף יאָהר געוואוינט, דערנאָך פון דאָרט ארויסגעצויגען און האָט עס איצט פערדונגען. עס איז געשטאַנען נאָהענט ביים וואסער, פון וועלכען נור א קליין גערטעלע האָט עס אָפּגעשיידט. דאָס טייכעל איז דאָרט געפאלען אן ערך א פוס אָדער צוויי הויך איבערן דאם און דערנאָך זיך אָוועקגעטראָגען ווייטער אין א ווירבלען. פון די פענסטער האָט מען געקענט זעהן די לאָנקעס אויף דעם אנדערען ברעג.

— דאָ וועל איך קומען צו זיך — האָט מאריאל א טראַכט געטהאָן.

ער האָט געדונגען דאָס הויז. דער סעקרעטאר פונ'ם מאַגיסטראַט האָט איהם צוגעשטעלט צוויי פרויען, איינע צום קאָכען און די אַנדערע צום אויפראַמען און וואַשען.

אונטען איז געווען דער זאַאל, דאָס עס־צימער, די קיך און

צוויי קליינע צימערען; אויפ'ן ערשטען שטאק, א שעהן שלאף־צימער און א גרויסער קאבינעט, וואס דער מאלער, דער אייגענטימער פונ'ם הויז, האט איהם אלס אטעליער בענוצט. די מעבעל איז דארט געוועזן מיט ליעבע איינגעשטעלט; עס איז קאנטיג געוועזן, אז דער, וואס האט דארט געוואהנט, האט דאס הויז און די גאנצע געגענד ליעב געהאט. איצט האט עס אויסגעזעהן אביסעלע אפגעלאזען און אין אונארדנונג, ווי געוועהנליך א הויז אהן א בעל הבית.

אבער מען האט דאך געפיהלט, אז דאס קליינע הויז איז בעוואהנט געוועזן. אן אונבעשטימטער גערוך פון פארפיום האט זיך נאך אין דער לופטען געטראגען. און מאריאל האט געטראכט: „לויט דעם גערוך קען מען זיך אנשטויסען, אז די פרוי, וואס האט דא פאר מיר געוואהנט, האט בענוצט איינפאכען פארפיום, איז געווען ניט קיין עלעגאנטע דאמע. גליקליכער מאן!"

דער אבענד איז צוגעפאלען. מאריאל האט זיך שוין געהאט איינגעשטעלט. ער האט זיך געזעצט ביים אפענעם פענסטער און איינגעזויגט אין זיך די פרישע, זיסע פייכטקייט פון די נאסע בלעטער, און געקוקט אויף די אונטערגעהענדיגע זון, וואס האט גרויסע שאטענס אויף די לאנקעס געווארפען.

דיביידע פרויען, צוגרייטענדיג אונטען דאס עסען, האבען גערעדט, און דומפף האט זיך געטראגען זייער פויערשע אויסשפראך איבער די טרעפען ארויף, ווערענד דורך די פענסטער האט זיך אריינגעריסען דאס מעקען פון בהמות, דאס בילען פון הינד און שטימען פון מענער, וועלכע האבען זייערע פיה פונ'ם פעלד געטריבען און גערעדט צווישען זיך.

דא איז באמת געווען רוהיג און די בערוועז האבען זיך דא געקענט בערוהיגען.

מאריאל האט זיך געפרעגט צום טויזענדסטען מאל זייט היינט אין דער פריה: וואס האט זי געקענט טראכטען, ווען זי האט מיין בריעף ערהאלטען און וואס וועט זי איצט טהאן?

דערנאָך האָט ער א טראכט געטהאָן: און וואס טהוט זי דאָרט איצט אין דעם דאָזיגען אויגענבליק?

ער האָט אַ קוק געטאָהן אויפ'ן זייגער: האלב זיבען. איצט איז זי אין דער היים און נעהמט אויף איהרע געסט.

ער האָט דערזעהן פאר זיך איהר סאלאָן, ווי זי פערברענגט מיט דער פּרינצעסין מאַלטען, דער באראָנעסע פרעמין, מיט מאַ־סיוואל און גראף בערנהויז.

פּלוצים האָט ער זיך אַ טרייסעל געטהאָן. ער האָט דאָרט געוואָלט זיין. עס איז געוועזן גראד די צייט, ווען ער פּלעגט ביי איהר זיין. און ער האָט זיך גענומען פיהלען אונרוהיג. ער האָט ניט בעדויערט, ווארים זיין ווילען איז געוועזן פעסט. אָבער א מין קערפּערליכע ליידען האָט ער געפיהלט, ווי א קראַנקער, ווען מען האָט אַפּגעזאָגט איינצוגעבען מאַרפיום אין דעם מאָ־מענט, ווען ער איז געוואָהנט געוועזן דאָס צו קריגען.

ער האָט מעהר ניט געזעהן די לאַנקעס, ניט די זון, וואס איז אונטערגעגאנגען אויפ'ן האָריזאָנט הינטער די בערגלאך. נור זי האָט ער געזעהן, פון פריינד ארומגערינגעלט, פערנומען מיט איהרע געזעלשאַפטליכע נארישקייטען, וואס האָבען זי פון איהם אוועק־געריסען.

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— איך וויל ניט מעהר פון דעם טראכטען.

ער איז אויפגעשטאנען, ארונטער אין דעם גאָרטען ביז צום טייכעל. דער פרישער הויך פונ'ם וואסער, וואס איז איבער'ן דאָס געפאלען, האָט זיך אין נעבעל פערוואנדעלט, וועלכער האָט זיך איבער'ן טייכעל געשפּרייט. און דאָס געפיהל פון קעלט, וואס האָט זיין טרויעריג הארץ נאָך קאַלטער געמאכט, האָט איהם גע־צוואונגען זיך צוריקצוקעהרען. דער טיש אינ'ם עס־צימער איז שוין געווען געדעקט. ער האָט געגעסען שנעל. דערנאָך, אזוי ווי ער האָט ניט געהאט וואס צו טהאָן, איז ער אוועק שלאָפען מיט א זעהר שווערען, טרויעריגען הארצען. ער האָט אָבער ניט גע־

קענט איינשלאָפֿען. אין די געדאַנקען האָט ער נאָכאַנאַנד געזעהן מאַדאַם דע בורן פאַר זיך. ער האָט געליטען. ער האָט ניט געקענט זי פֿונ׳ם האַרצען אַרויסרייסען.

ווען האָט זי איצט געהערט? וואַהרשיינליך גראַף בערנ־הויז.

דאָס אייגענטליך איז געווען דער ריכטיגער מאַן פאַר איהר. אַ געזעלשאַפֿטס־מענש, עלעגאַנט און מיט אַ נאָמען. ער איז איהר געפֿעלען געווען. וואָרים אום איהם צו געווינען, האָט זי איהר גאַנצען רייץ אָנגעווענדעט, כאָטש זי איז געווען די געליעבטע פֿון אַן אַנדערען.

אָבער ביי די דאָזיגע ערינערונגען, וואָס האָבען וואונדען אין זיין האַרצען אויפֿגעריסען, האָט ער זיך דאָך געגומען פיהלען מיעד און זיינע געדאַנקען האָבען אָנגעפאַנגען איינצודרימלען. אָבער קיין ריכטיגער שלאָף איז דאָס ניט געווען. נאָכאַנאַנד האָ־בען זיך פֿאַר איהם געטראָגען זי און דער גראַף. די גאַנצע נאַכט האָט ער זיי געזעהן פֿאַר זיך. זיי האָבען איהם געמוטשעט און אויפֿגערעגט, זיינען פֿערשוואונדען אויף אַ ווײַלע, אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם ערלויבען ענדליך איינצושלאָפֿען, און זיינען באַלד ווידער געקומען און איהם געוועקט דורך אייפֿערזוכט־קרעמפֿפען...

אַזוי גיך ווי עס איז געוואָרען טאָג, איז ער אויפֿגעשטאַנען און איז אוועק אין דעם וואַלד מיט אַ שטאָק אין דער האַנד, מיט אַ שטאַרקען שטאָק, וואָס דער אייגענטימער פֿונ׳ם הויז האָט דאָ איבערגעלאָזט.

די זון האָט געשיינט דורך די נאָך כמעט נאַקעטע שפּיצען פֿון די אייכען־ביימער אויף דער ערד, וואָס איז דאָ בעדעקט גע־ווען מיט גראָז און דאָרט מיט טויטע, טרוקענע בלעטער. געלע שמעטערלינגען האָבען געפֿלאַטערט ביי דער זייט פֿונ׳ם וועג, ווי קליינע, ציטערענדיגע פֿלאַמען.

אויף דער רעכטער האַנט פֿונ׳ם וועג איז געווען אַ הויכער באַרג. מאַריאָל האָט גענומען קריכען אויף איהם. אַרויפֿגעקראָ־

כען, האט ער זיך געזעצט אויף א גרויסען שטיין, ווייל ער איז געווען אויסגעמאטערט. ער האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס פאר שוואכקייט. זיין הארץ האט שטארק געקלאפט, זיין גאנצער קערפער איז געווען ווי צו'הרג'עט און צובראכען.

דאס איז ניט געווען פון מיעדקייט. ער האט עס זעהר גוט געוואוסט. עס איז איהם געקומען פון איהר, פון דער ליעבע, וואס האט איהם געדריקט ווי א מורא'דיגע משא. און ער האט געפליס־טערט: אך, גאט, גאט! ווען וועל איך זיך פון דעם בעפרייען, איך, וואס האב מיין גאנץ לעבען לאנג שטענדיג געזוכט נור דאס, וואס פערשאפט ניט קיין שמערצען.

זיינע צוהיצטע געדאנקען, וועלכע האבען פאר וועהטאג גע־ציטערט, האבען איהם אין גאנצען בעוועלטיגט. ער האט זיי ניט געקענט בעהערשען, בערוהיגען. זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט האט זיך פערשארפט און געארבייט. ער האט זיך פערטיעפט אין זיין נשמה, אין זיין אינערען וועזען, האט זיך בעמיהט, בעסער זיך צו דערקענען, בעסער צו פערשטעהן און מיט אייגענע אויגען דעם גרונד פון דעם דאזיגען אונערקלערליכען קריזיס אויסצו־פארשען.

ער האט זיך געזאגט:

— איך האב קיינמאל קיין ערנסטע ליידענשאפט ניט גע־האט. איך בין ניט קיין ענטוזיאסט, די ליידענשאפט איז ניט אין מיין נאטור, מיין פערשטאנד איז שטארקער ווי מיין הארץ, מיין קוריאזיטעט איז שטארקער ווי מיין אפעטיט. איך בין אייגענט־ליך גישט מעהר ווי א קלוגער, אינטעליגענטער מענש, וועמען די פערגעניגענס שטעלען זעלטען־ווען צופריעדען. איך האב גענו־מען פון לעבען אלצדינג, וואס איך האב געקענט, אהן בעזונדערער ליידענשאפט, ווי אן ערפאהרענער מענש, וואס ווייסט די ריכטיגע מאס. אלצדינג האב איך געטהאן מיט אן אויסרעכענונג, קיין זאך בלינדערהייט. דאס איז זאגאר מיין פעהלער, מיין הויפט שוואכקייט. איז געקומען די דאזיגע פרוי און מיך פער'שיכור'ט

גענען מיין ווילען און יעדען איינציגען געפיהל פון מיר אוועקגענו־מען. דאָס, קאָן זיין, איז עס. פריהער האָב איך געפיהלען גע־האַט פאַר ניט לעבעדיגע זאַכען, פאַר די נאַטור, וועלכע האָט מיך שטענדיג בעסער און ווייכער געמאַכט, פאַר די מוזיק, וועלכע איז אַ מין גייסטיגע צערטלעריי, פאַר אַלצדינג, וואָס איז אנגענעהם און שעהן אויף דער וועלט.

דערנאָך איז זי געקומען, די דאָזיגע פרוי, און האָט צונויפ־גענומען אַלע מיינע עטוואָס אונבעשטימטע, בייטענדיגע געפיה־לען און זיי אויף זיך געצויגען און אין ליעבע פערוואַנדעלט. עלע־גאַנט און שעהן, איז זי מיינע אויגען געפעלען געוואָרען, פיין, אינטעליגענט, קלוג, איז זי מיין זעעלע געפעלען געוואָרען. און דורך אַ מערקווירדיגען מאַגנעטיזם, דורך אַ נעהיימע, אונווידער־שטעהליכע מאַכט, מיט וועלכע איהר גאַנצע פערזענליכקייט איז פון דער נאַטור בעשענקט, האָט זי מיין הארץ געפאַנגען, מיך אין גאַנצען פער'שיכור'ט, ווי דער דופט פון מאַנכע בלומען.

זי האָט אַלצדינג אין מיר איינגענומען. איך האָב מעהר גאָר נישט געוואָלט, מעהר גאָר נישט געדאַרפט, מעהר גאָר נישט פער־לאַנגט. איך האָב מעהר וועגען קיינעם און גאָר נישט ניט גע־טראַכט, קיינער און גאָר נישט האָבען מיך מעהר ניט אינטערע־סירט.

מיט וואָס פאַר אַ געפיהלען איך פלעג דאָס פריהער קוקען אויף דעם אויפבליהענדען וואַלד! היינט זעה איך איהם גאָר ניט ווי געהעריג איז, שפּיר גאָר ניט זיין דופט. עס ווייזט זיך מיר אויס, ווי איך וואָלט דאָ גאָר ניט געוועזען. מיט אַלע מיינע געדאַנקען בין איך ביי דער דאָזיגער פרוי, וועלכע איך וויל ניט, איך וויל ניט ליעבען.

איך מוז מיינע טרוימען דורך מיעדקייט פערזאַגען, אַניט וועל איך ניט געזונד ווערען.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אַרונטערגעקלעטערט דעם פעל־זיגען אַראָבהאַנג און איז מיט גרויסע שריט אוועק ווייטער. אַבער

די עראינערונג האָט איהם געדריקט, אזוי ווי ער וואָלט אויף זיך געשלעפּט א שווערע משא.

ער איז געגאַנגען אַלץ שנעלער. יעדע ווײַלע האָט די זון דורך דעם בלעטער־ים צו איהם א שמייכעל געטהאָן, אָדער דער פרישער דופט פונ׳ם וואלד האָט איהם אויפ׳ן פּנים א הויך גע־טהאָן, און דאַן האָט ער דערפיהלט, ווי איהם איז עפּעס לייכטער געוואָרען, אזוי ווי א פאַרגעפיהל פון א ווייטען, ווייטען טרויסט וואָלט ער דערשפּירט.

פּלוצים איז ער געבליבען שטעהן. „איך געה ניט שפּאַ־צירען, איך לויף״ — האָט ער א טראַכט געטהאָן. און אין דער אמת׳ן איז ער געלאָפען, געלאָפען פון זיך אליין, ער האָט ניט גע־וואוסט וואוהין. ער איז געלאָפען, פון זיין ליעבע פערפאָלגט.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו געהן רוהיגער. דער וואלד האָט אָנגענומען אַן אַנדער אויסזעהן, איז געוואָרען געדיכטער, שאָטענדיגער, ווייל דאָ האָט די זון וואָרימער געשיינט. קיין הויך פונ׳ם ווינטער איז דאָ ניט פערבליבען. עס האָט דאָ גע־שוועבט דער פריהלינג, אזוי ווי ער וואָלט ערשט די נאַכט געקו־מען, אזוי פריש און יונג.

מאַריאַל איז געגאַנגען אונטער די גרויסע ביימער, געגאַנגען א לאַנגע צייט, איין שטונדע, צוויי שטונדען. האָט זיך בעוועגט צווישען די צווייגען, דורך דעם גרויסען, פרישען, פעט־גלאַנצי־גען, ווי לאַקירטען, בלעטער־ים. די שפּיצען פון די ביימער האָ־בען פערשטעלט דעם הימעל, ביימער, וואס האָבען געוואַקסען גלייך, ביימער, וואס האָבען געוואַקסען קרום, ווייסע און דונקעלע ביימער, אַנדערע מיט שוואַרצע מאָך בעדעקט. זיי האָבען גע־קלעטערט איינער הינטער׳ן אַנדערען צום הימעל, הויך איבער די יונגע ביימלאַך און איבער די בושעס ביי זייערע פיס און זיי בע־שאָטענט מיט א געדיכטען דונקעלען דאַך, דורך וועלכען נור צייט־מענווייז האָט זיך די זון דורכגעבראָכען. דער גאָלדענער שטראָם פון זונען־שטראַהלען האָט געפלאָסען איבער דעם ווייטען בלעטער־

ים, אז ער איז געוואָרען אוים עהנליך צו א וואַלד, נור האָט אויס־געזעהן ווי א ים פון ליכטיגע און געלע שטראַהלען.

מאַריאַל איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט. וואו איז ער געווען? אינ׳ם וואַלד אָדער אויפ׳ן גרונד פון ים, פון א ים פון בלעטער, פון ליכט בעגאָסען און פון גרינקייט?

ער האָט זיך געגומען פיהלען בעסער, רוהיגער און ער האָט זיך אביסעל פערגעסען. און ער האָט זיך אוועקגעלעגט אויפ׳ן רויטען טעפּיך פון די פערוועלקטע בלעטער, וועלכע די דאָזיגע ביימער וואַרפען ערשט דאַן אַרונטער, ווען זיי בענייען זיך מיט פרישע.

ער האָט גענאָסען די בעריהרונג מיט דער פרישער ערד, מיט דער ריינער מילדקייט פון דער לופט. און באַלד האָט ער דער־פיהלט אפריהער אונבעשטימט, דערנאָך אַלץ בעשטימטער, קלאָ־רער, אז אין דער דאָזיגער געגענד איז ער ניט אליין. און ער האָט א טראַכט געטהאָן: „אַך, ווען זי וואָלט דאָ אויך גע־ווען!״

ער האָט פּלוצים ווידער פאַר זיך דערזעהן מאַנט סען־מישעל און זיך דערמאָנט, אז דאָרט, אונטער דעם צויבער פון דער ער־וואַכטער ליידענשאַפט, אונטער די לאַסקעס פון דעם ים־ווינטעל און פון דעם גאַנצען יונגען פריהלינג, וואָס האָט אין דער לופטען געשוועבט, איז זי געווען גאָר אַן אַנדערע ווי אין פּאַריז. און ער האָט געטראַכט, אז נור דעמאָלט האָט זי איהם אביסעל געליעבט, דעמאָלט, נור א פּאָר שטונדען. יאָ, יאָ, דעמאָלט אויפ׳ן ברעג, פון וועלכען דאָס וואַסער האָט צוריק געטראָטען, האָט זי איהם טאַקי געליעבט, בעת זי האָט איהם אָנגערופען ביי זיין ערשטען נאָמען: „אַנדרע״. דעמאָלט האָט זי איהם ווי געזאָגט: „איך בין דיינע.״ און אויפ׳ן וועג פון די משוגעים, דאָרט אויפ׳ן שפּיץ פונ׳ם טורעם, וואו ער האָט מיט איהר כמעט דורך דער לופט געשוועבט, האָט זי פאַר איהם א געוויסע ליידענשאַפט גע־

האט, וועלכע זי האט שוין מעהר קיינמאל ניט געפיהלט, זיינט איהר קאקעטער פוס האט דאס פלאסטער פון פאריז בעריהרט.

אבער דא, מיט איהם, אין דעם דאזיגען גרינעם בלעטער־ים, אין דעם דאזיגען נייעם שטראם פון בליהונג, וואלט אפשר יענע זיסע בעוועגונג ווידער אין איהר הארצען ערוואכט.

ער איז געלעגען אויפ׳ן רוקען, האט זיך געגריבעלט אין זיי־נע פיינליכע געדאנקען און געקוקט צו די זוניגע שפיצען פון די ביימער ארויף. ביסלעכוויז האט ער די אויגען צוגעמאכט. ער איז געווארען מיעד אין דער גרויסער שטילקייט פונ׳ם וואלד. צום סוף איז ער אנשלאפען געווארען. אז ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער בעמערקט, אז עס איז שוין צוויי נאכמיטאג.

ער איז אויפגעשטאנען. ער האט זיך געפיהלט עטוואס וועני־גער טרויעריג, עטוואס וועניגער צובראכען און איז אוועק אהיים.

שפעטער איז ער ארויס פון דעם געדיכטען וואלד.

א לעדיגער וואגען איז פארבייגעפאהרען. מאריאל האט איהם גענומען און געהייסען זיך פיהרען נאך מארלא. פון דארט האט ער בדעה געהאט צו געהן צו־פוס נאך מאנטיגני, נאכדעם ווי ער וועט האבען געגעסען דינער אין דעם האטעל, מחמת ער איז געווען הונ־געריג.

ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט געכטען געזעהן דעם האטעל, וואס האט זיך ערשט געעפענט: האטעל קארא, א קינסט־לער־גאסט־הויז אין אלט־פראנקישען סטיל.

ער איז ארונטער פונ׳ם וואגען און איז אריינגעגאנגען דורך אן אפענע טיר אין א ברייטען זאאל, וואו אלט־פראנקישע טישען און אונבעקוועמע בענק האבען, ווי עס האט זיך אויסגעדאכט, געווארט אויף געסט פון גאר אלטע, אלטע צייטען.

אינ׳ם הינטערגרונד איז געשטאנען א יונג מיידעלע, די קעל־נערין, מסתמא, אויף א נידריגען לייטער און האט אויפגעהאנגען טעלער אויף טשוועקעס, וואס זיינען צו הויך געווען פאר איהר. זי איז געשטאנען אויף די שפיץ־פינגער, אויסגעצויגען אין גאנצען

וואוקס, איין האנד אין די וואנד אריינגעדריקט און אין דער אנדערער א טעלער, און האט מיט פלינקע, גראציעזע בעוועגונגען — ווארים איהר געשטאלט איז געווען שלאנק—די טעלער אן די מיטוואָ־קעס אנגעטשעפעט. דערביי האט איהר קליינער, שלאנקער גוף ביי יעדען ריהר זיך רייצענד געענדערט. אזוי ווי זי איז גע־שטאנען צו איהם מיט'ן רוקען, האט זי ניט געהערט, ווי מאריאל איז אריינגעקומען. ער איז געבליבען שטעהן און האט זי אנגע־קוקט. דא האט ער זיך דערמאנט אן פרעדא, וועלכער האט בע־שאפען זיינע קליינע מייסטער־פיגורען, און ער האט א טראכט געטהאן: „גאט, איז די שעהן! אזוי קליין און אזוי שלאנק!"

ער האט א הוסט געטהאן. זי איז פאר שרעק שיער ניט ארונטערגעפאלען. אבער אזוי גיך ווי זי האט ווידער דאס גלייכ־געוויכט געוואונען, איז זי ארונטערגעשפרונגען פונ'ם לייטער מיט דער לייכטקייט פון א באלעט־טענצערין און צוגעגאנגען צו איהם מיט א שמייכעל:

— איהר ווילט עפעס?

— איך וואלט וועלען עסען פריהשטיק.

זי האט בעמערקט:

— איהר מיינט מיטאג עסען, ווארים עס איז שוין האלב פיער.

ער האט געענטפערט:

— זאל זיין מיטאג, ווען איהר ווילט. איך האב אינ'ם וואלד פערבלאנדזשעט.

זי האט איהם אנגערופען די געריכטען, וואס זיינען געווען צו קריגען. ער האט בעשטעלט און זיך געזעצט.

זי איז אוועק אין די קיך און האט זיך באלד צוריקגעקעהרט אום דעם טיש צו דעקען.

ער האט איהר נאכגעקוקט און געפונען, אז זי איז רייצענד, גראציעז, ציכטיג. דאס קלייד איז פאר די ארבייט אונטערגעקאַ־שערט געווען, די ארבעל פערקאטשעט, דער האלז פריי. און זי

האָט אויסגעזעהן פריש און שעהן, א פערגעניגען צו קוקען. איהר בוזעם איז געווען א רונדער, זי האָט געמוזט זיין זעהר שטאָלץ אויף איהם.

דער פנים איז געווען אביסעלע צו רויט, פון דער פרישער לופט פערברענט, אָבער פריש ווי א בלום, וואס צובליהט זיך. זי האָט געהאַט שעהנע, ברוינע, שיינענדיגע אויגען, אין וועלכע אלצדינג האָט געבליסטשעט, האָט זיך געדאַכט, א לאַכענדיגען מויל מיט שעהנע ציין, ברוינע האָר, זעהר געדיכטע, וואס האָבען אָנגעדייטעט אויף די לעבעדיגע ענערגיע פון דעם דאָזיגען יונגען, פרישען קערפער.

זי האָט געבראַכט רעטעכלאַך און פוטער. ער האָט אָנגעהויבען צו עסען און מעהר ניט געקוקט אויף איהר. ער האָט זיך געוואָלט בעטויבען און בעשטעלט א פלאַש שאמפּאַניער, האָט זי אין גאַנצען אויסגעטרונקען, דערנאָך צוויי גלעזער קימעל נאָך דעם קאַפע. דאַן האָט ער זיך דערפיהלט שיכור׳לאַך. דאָס האָט ער געהאַלטען פאַר פאַרגעסענהייט. זיינע גדאנקען, זיין קימער, זיינע ליידען האָט ער אין דעם העלען וויין דערטרונקען און אויפ׳ן האַרצען איז איהם כמעט פרעהלאַך געוואָרען.

לאַנגזאַם האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים, מיעד און שלאָפעריג. אזוי גיך ווי עס איז דונקעל געוואָרען, איז ער שלאָפען געגאַנגען און האָט באלד איינגעשלאָפען.

אָבער אין א פּאָר שעה ארום האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך געפיהלט ניט גוט. אזוי ווי א שווערער באַרג וואָלט ווידער אויף זיין האַרצען געלעגען. מאַדאַם דע בורן איז ווידער דאָ געווען. זי האָט געבלאַנדזשעט ארום איהם, נאָך אלץ מיט דעם גראַף בערנהויז. ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— ווארום בין איך אייפערזיכטיג?

ווארום איז ער אייפערזיכטיג געווען? דאָס האָט ער גיך בעגריפען. טראָץ זיין שטענדיגער מורא און זיינע כסדר׳דיגע יסורים האָט ער דאָך געוואוסט, אז כל זמן ער איז געווען איהר

ליעבהאָבער, איז זי איהם טריי געווען. טריי אָהן ליידענשאַפט, אָהן ליעבע, אָבער עהרליך צו איהם. איצט אָבער האָט ער אלצ־דינג צושטערט, האָט איהר די פרייהייט צוריקגעגעבען, איצט איז עס געווען אוים. איצט וועט זי זיך אן אנדערען וועהלען. און זיכער דעם גראף בערנהויז, דאָס האָט ער געוואוסט אויף קלאָר. און ער האָט איצט דערפון מורא׳דיג געליטען.

ווארום האָט ער דאָס געטהאָן? ווען ער האָט זי פערלאזען איז זי געווען טריי, פריינדליך און רייצענד. ווארום? ווייל ער האָט געפאָדערט פון איהר א ליעבע, ווי זיינע, וואָס זאָל זיך אויך מיט׳ן קערפער אין גאַנצען, אין גאנצען אָפּגעבען.

איז עס טאקי געווען אזוי? יאָ, אָבער נאָך עפּעס. ער האָט מורא געהאט צו ליידען. ער איז פון דעם שמערץ אנטלאָפען, פון דעם שמערץ, פאר וואס זי ליעבט איהם ניט אזוי, ווי ער זי. פאר דער שרעקליכער דיסהארמאָניע צווישען זייערע קושען, וואָס איהרע זיינען ניט געווען אזוי ליידענשאַפטליך, אזוי הייס, ווי זיינע. פאר די וואונדען פון זיין הארצען, וואס וועלען אפשר קיינ־מאָל אין גאַנצען ניט פערהיילט ווערען. ער האָט מורא געהאט צו פיעל צו ליידען, יאָהרען לאנג טראָגען א צוריסענעם הארצען. שוואך ווי אימער, איז ער פון יענעם שמערץ אנטלאָפען, ווי ער איז זיין גאנץ לעבען לאַנג פאר יעדע גרויסע אָנשטרענגונג גע־לאָפען.

ער איז געווען אלזא אונפעהיג עטוואס אויסצוהאלטען ביז׳ן סוף, זיין ליעבע אין גאַנצען זיך איבערצוגעבען, ווי מען גיט זיך אין גאנצען איבער א געוויסען צווייג פון דער וויסענשאַפט, צי פון דער קונסט, צו ליידען פאר דעם, צו קעמפּפען פאר דעם. דאָן, הייסט עס, איז די גרויסע ליעבע ניט מעגליך אָהן גרויסע ליי־דען.

ביז טאָג האָבען איהם אזוינע געדאנקען פערפאלגט. דער־נאָך איז ער אויפגעשטאַנען און איז ארוים צום טייבעל.

איבער דעם קליינעם דאם האָט א פישער זיין נעץ פערוואר־

פען. דאָס וואַסער האָט געבלישטשעט אינ׳ם ליכט. און ווען דער מאַן, שטעהענדיג אויף זיין שאָקלענדיגען שיף, האָט זיין גרויסען, רונדען נעץ ארויסגעצויגען מיט קליינע, צאַפּעלדיגע פישעלאַך, וואָס האָבען געבלישטשעט ווי קוועק־זילבער, אויף די „פליגלען,״ איז מאַריאַל׳ען לייכטער געווארען אין דער דאָזיגער פרישקייט פון דער מאָרגען־לופט און ער איז רוהיגער געווארען.

דאָס וואַסער וואָס האָט דאָ געמורמעלט, האָט איהם צור־שטרייט אביסעל און ער האָט צו זיך געזאָגט: איך האָב גוט גע־טהאָן, וואָס איך בין פון איהר אַוועק, איך בין צו אונגליקליך גע־ווען.

ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין דאָס הויז און איז באַלד ארויסגעקומען פון דאָרט מיט אַ העמאַק, וואָס ער האָט דאָרט אינ׳ם זאַאַל געפונען, אויפגעהאַנגען איהם צווישען צוויי ביימער, האָט זיך אריינגעלעגט און זיך בעמיהט וועגען גאָר נישט צו טראַכ־טען, האָט נור געקוקט אויף דעם לויף פונ׳ם וואַסער.

אַזוי איז ער געלעגען ביז פריהשטיק, אויסגערוהט נשמה און קערפּער. דערנאָך איז ער אַ לאַנגע צייט געזעסען ביים טיש. אָבער עסען האָט איהם געמוטשעט. ער האָט געוואַרט אויף די פּאָסט. ער האָט נאָך פּאַריז טעלעגראַפירט, נאָך פאָנטיינבלוי געשריבען, מען זאָל איהם זיינע בריעף אהערצו צושיקען. ער האָט גאָר נישט ערהאַלטען. און אַ געפיהל פון איינזאַמקייט האָט איהם גענומען מוטשען. וואָרום? קיין אנגענעהמעס, טרויסטענ־דעס האָט ער דאָך ניט געקענט ערוואַרטען פון דער שוואַרצער לעדער־טאַש פון דעם בריעף־טרעגער, אויסער באַנאַלע ווערטער. היינט וואָרום האָט ער געוואַרט אויף איהר בריעף מיט אַזאַ אונגע־דולד, אַזוי ווי זיין גאַנץ גליק וואָלט פון דעם אָבגעהאָנגען?

צי איז דאָרט אין זיין נשמה ניט פערבאָרגען געווען נאָך אַ האָפנונג?...

ער האָט געפרעגט איינע פון די אַלטע ווייבער:

— ווען קומט אָן די פּאָסט?

— אום צוועלף.

גראָד איז דער זייגער געווען אזוי פיעל. ער האָט זיך צו־געהערט מיט אַלץ גרעסערער אונגעדולד. דערנאָך האָט ער זיך א כאַפּ געטהאָן — מען האָט אין די הויז־טיר אָנגעקלאַפּט. דער בריעף־טרעגער איז אריינגעקומען, האָט געבראכט נור צייטונגען און דריי גלייכגילטיגע בריעף. מאריאל האָט דורכגעקוקט די בלעטער, נאָך אַמאָל זיי דורכגעקוקט און זיי האָבען איהם געלאַנג־ווייליגט. ער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב.

וואָס זאָל ער טהאָן? ער האָט זיך ווידער אין דעם העמאַק אריינגעלעגט, איז אָפּגעלעגען אזוי ארום אַ האַלבע שעה און האָט דערנאָך דערפיהלט אַ בעדערפעניש צו געהן ערגעץ אנדערש־וואו. זאָל ער אין דעם וואַלד געהן? יא, דער וואַלד איז געווען זעהר שעהן. אָבער די איינזאמקייט דאָרט האָט זיך געפיהלט נאָך שאַר־פער ווי אין הויז, ווי אין דאָרף, וואו מאַנכעסמאָל האָט זיך דאָך געהערט אַ וועלכער־עס־איז קלאַנג פונ׳ם לעבען.

און די דאָזיגע שווייגענדיגע איינזאמקייט אונטער די ביי־מער האָט ווידער זיין נשמה מיט שווערען טרויער בעלאַסטעט. אין זיינע געדאנקען פערטהאָן, איז ער ווידער אוועק איבער דעם אייגענעם וועג ווי נעכטען. און אז דאָס קליינע, זשיוואָווע מיי־דעל אינ׳ם האָטעל קאָרא האָט פאַר איהם אַ שוועב געטהאָן, האָט ער אַ טראַכט געטהאָן: „איך וועל דאָרט עסען.” אַן דעם דאָ־זיגען געדאנק האָט ער זיך אָנגעכאַפּט. אזוי וועט איהם מעגליך זיין אַ פּאָר שטונדען צו פּטר׳ן. און ער איז אוועק אהין.

דער לאַנגער דאָרף־שליאַך האָט זיך געצויגען אין אַ גלייכער ליניע דורך דעם קליינעם מהאָל, צווישען צוויי רייהען נידעריגע הייזער מיט ציגעלנע דעכער. אייניגע פון זיי זיינען געשטאַנען נעבען שליאַך און אַנדערע פּעררוקט אויף קליינע הויפען, וואו היהנער האָבען געפּיקעט אין קופּעם מיסט, פון וועלכע אַ פּאַרע האָט ארויסגעשלאַגען. פויערים האָבען לאַנגזאם געארבייט פאַר זייערע הייזער. אַן אַלטע, איינגעהויקערטע פרוי מיט גרוי־בלאָנ־

דע האַר, טראָץ איהר הויכען אַלטער, וואָרים די דאָרפס־לייט האָ־
בען כמעט קיינמאָל ניט קיין ווייסע האַר, איז איהם פערבייגע־
גאנגען אין א צוריסענער בלוזע; די מאָגערע, קנאָכיגע פיס האָ־
בען זיך אָפּגעצייכענט אונטער א וואָלענעם ראָק, וועלכער איז
אויף די היפטען ברייט געהאנגען. זי האָט געקוקט פאר זיך מיט
גלייכגילטיגע אויגען, מיט אויגען וואס האָבען קיינמאָל מעהר גאָר
נישט געזעהן, ווי די פּאָר איינפאַכע געגענשטאנדען, וועלכע זי
האָט געברויכט אין איהר ארעמען לעבען.

און אנדערע, א איגגערע, האָט אויסגעהאנגען פאר איהר טיר
וועש. הויט און ביינער האָט זי אויסגעזעהן, קנאָכען אָהן פליישׁ,
מיט א ברוסט פלאַטשיג און ברייט ווי ביי א מאן — א שרעק אָנ־
צוקוקען געווען.

מאריאל האָט געטראכט: „אויך פרויען, אומשטיינס גע־
זאָגט!"

דאָס בילד פון מאדאם דע בורן האָט פאר איהם אָפּגעלעבט
אין איהר גאנצער עלעגאנץ און שעהנהייט, אין איהר גאנצער
פרויען־רייץ, זי וועלכע איז בעשאַפען געווארען צו פאנגען מענער־
הערצער, און ער האָט גענומען ציטערען פאר שמערץ איבער זיין
גרויסען פערלוסט.

ער איז אוועק שנעלער, אזוי ווי ער וואָלט פון זיינע געדאנ־
קען אנטלאָפען.

ווען ער איז אריין אין דעם האָטעל, האָט איהם די קליינע
גלייך דערקענט און איהם כמעט פריינדליך אויפגענומען:

— אָה, גוטען מאָרגען.

— גוטען מאָרגען.

— איהר וועט עפּעס עסען, צי טרינקען?

— צוערשט טרינקען. שפּעטער וועל איך עסען.

זיי האָבען גענומען ריידען וועגען דעם, וואס ער זאָל טרינקען און
עסען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זי אויסצופרעגען וועגען
פערשיעדענע זאכען. זי האָט זיך אויסגעדריקט גאנץ גוט מיט

א פאריזער אקצענט, גערעדט אזוי לייכט, ווי זי האט זיך בע־ווענט.

ער האט א טראכט געטהאן, בשעת זי האט גערעדט:

— א זעהר שעהן מיידעל. קען זיין א היבשע סחורה פאר מענער.

ער האט זי געפרעגט:

— איהר זייט א פאריזערין?

— יא.

— איהר זייט שוין לאנג דא?

— פערצעהן טאג.

— געפעלט אייך דא?

— ביז איצט ניט. אבער מען קען נאך ניט וויסען. און אויסער דעם האב איך געמוזט אהער פאהרען, ווייל די פאריזער לופט האט מיר פערשאדט און דא בין איך ווידער געזונד גע־ווארען. אלזא וועט איהר טרינקען א ווערמוט?

— יא, א ווערמוט. און זאגט דעם קאך אדער דער קעכין, דאס עסען מיר ריכטיג צו מאכען.

— אה, וועגען דעם מעגט איהר זיין רוהיג.

זי איז ארויסגעלאפען און האט איהם איבערגעלאזט אליין.

ער איז ארויסגעגאנגען אין דעם גארטען, האט זיך געזעצט אין א לעטאנקע, וואוהין זי האט איהם דעם ווערמוט געבראכט. דעם גאנצען טאג איז ער דארט פערבליבען זיצען, האט געהערט, ווי א פויגעל האט געזונגען אין א שטייגעל, האט געזעהן, יעדע ווײלע דאס מיידעל פערבייגעהן, וועלכע האט מיט איהם קאקע־טירט און זיך אלע מעגליכע מיה געגעבען שעהן צו זיין, ווייל זי האט שוין בעמערקט, אז זי געפעלט איהם.

ווי מיט א טאג צוריק איז ער אוועק פון דארט נאכדעם ווי ער האט א פלאש שאמפאניער אויסגעטרונקען. אבער די לייכטע שיכרות האט די פרישקייט פון דער נאכט פון זיין קאפ פערטריבען און ווידער איז איהם בעפאלען א מורא'דיגע טרוי־

עריגקייט. ער האט געטראכט: „וואס זאל איך טהאן? זאל איך דא בלייבען? ווי לאנג וועל איך אזוי ליידען, ווי לאנג?" און ערשט זעהר שפעט איז ער איינגעשלאפען.

אויף מארגען האט ער זיך ווידער געוויעגט אינ'ם העמאק. דער פישער, וועלכען ער האט געזעהן פיש כאפען, האט איהם אויפ'ן געדאנק געבראכט, אויך דאס צו פרובירען. ער האט געקויפט ביים קרעמער א „וואודע" און פון ניין ביז צוועלף איז איהם קוים געלונגען ארויסצופישען דריי גאנץ קליינע פישעלאך.

נאכ'ן עסען איז ער ווידער אוועק צום האטעל. ווארום? מסתמא, כדי די צייט צו פטר'ן. ווען זי האט איהם דערזעהן, האט דאס מיידעל אנגעהויבען צו לאכען.

ער האט אויך געשמייכעלט. די דאזיגע פריינדליכקייט האט איהם אמוזירט און ער האט ווידער פערפיהרט מיט איהר א שמועס. זי איז געווען נאך מעהר אפענהערציג ווי נעכטען און האט איהם דערצעהלט פערשיידענע זאכען. זי האט געהייסען עליזאבעט לעדרו.

איהר מוטער, א נייהטארקע, איז פאר א יאהרען געשטארבען. דער פאטער, וועלכער איז א בעאמטער געווען, אבער האט קיינמאל ניט געהאט קיין שטעלע מחמת זיין שיכרות און געלעבט פון זיין פרוי און טאכטער'ס פערדיענסט, איז נאך זיין ווייב'ס טויט ערגעץ פערשוואונדען. ווארים דאס מיידעל, וואס איז דעם גאנצען טאג געזעסען און האט גענייהט, האט ניט געקענט פערדיענען גענוג אום צוויי מענשען אויפצוהאלטען. דאס נייהען האט איהר דערעסען און זי האט אנגענומען א שטעלע פון א קעלנערין אין א רעסטאראן, איז אפגעווען דארט א יאהר צייט און אזוי ווי זי איז באלד קראנק געווארען פון דער ארבייט, האט איהר בעל הבית, וועלכער איז אויך געווען דער נייער בעל הבית פון דעם האטעל קארא אין מארלא, זי ארויסגעשיקט אהער אויף זומער מיט נאך אנדערע צוויי מיידלאך, וואס האבען געדארפט שפעטער קו־

מען, צו ארבייטען אינ'ם האָטעל אלס קעלנערין. דער בעל הבית האָט, קאָנטיג, געוואוסט, ווי אזוי ארייַנצוציהען געסט.

די דאָזיגע געשיכטע איז געפעלען געווארען מאריאל'ען. און ער האָט מיט זיין פריינדליכען בענעהמען זיך גענגען איהר זי גע־מאכט איהם צו דערצעהלען א סך מערקווירדיגע אייַנצעלהייטען פון דעם דונקעלען, עלענדען לעבען, וואס איהר פאָטער דער שיכור האָט געפיהרט. זי, דאָס פערלאָרענע, בלאָנדזשענדע מיידעל, וואס האָט קיין אָנהאלט אינ'ם לעבען ניט געהאט, האָט געענטפערט מיט צוטרוי אויף די פריינדליכקייט פון דעם אונבעקאַנטען און אויסגע־רעדט פאר איהם דאָס הארץ אזוי פריי און אונגעצוואונגען, ווי איהר לעבהאַפטיגקייט איז געווען.

— וועט איהר אייער גאנץ לעבען בלייבען א קעלנערין ? — האָט ער געפרעגט.

— אך, דאָס ווייס איך ניט. איך ווייס אפילו ניט, וואס עס קען מיט מיר מאָרגען פּאַסירען.

— אָבער איהר מוזט דאָך א טראַכט טהאָן וועגען אייער צוקונפט.

זי איז געוואָרען ערנסט, אָבער נור אויף איין רגע, דערנאָך האָט זי געענטפערט :

— אך, ווי עס וועט זיך מאכען, אזוי וועט זיין רעכט. וואָס זאָל איך טראַכטען וואָס שפּעטער וועט זיין.

זיי האָבען זיך צושיידט גוטע פריינד. אין א פּאָר טעג ארום איז ער ווידער געקומען, דערנאָך נאָך אמאָל און שפּעטער גאָר אָפט. די נאאיווע אונטערהאלטונג מיט דער עלענדער מיידעל האָט איהם פערשאַפט שפּאַס. איהר שוואַצען האָט איהם אוועקגעריסען פון זיינע טרויעריגע געדאַנקען.

אָבער פּאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צופוס אהיים, איז איהם אזא פערצווייפלונג בעפאַלען, ווען ער האָט גע־טראַכט וועגען מאַדאַם דע בורן. ער האָט קיין בריעף ניט ער־האַלטען. ער האָט קיינעם ניט געשריעבען און קיינער איהם.

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס זי טהוט דאָרט, וואָס זי מאַכט. און ווי ער איז אַזוי געגאַנגען איבער'ן דונקעלען וועג, האָט ער גע־טראַכט וועגען די פערהעלטניסען צווישען זיין אַמאָליגער געליעב־טער און דעם גראַף בערנהויז. יעדען טאָג האָט ער וועגען דעם געטראַכט און יעדען טאָג איז ער אַלץ מעהר זיכער געוואָרען אין דעם. דער גראַף — האָט ער געמיינט — איז דער ריכטיגער מאַן פאַר איהר, פונקט אַזאַ איינער, וואָס פּאַסט פאַר איהר. אַן אַריס־טאָקראַטישער ליעבהאָבער, וואָס וועט פיעל פון איהר ניט פער־לאַנגען, וועלכער וועט זיך פיהלען געשמייכעלט פון דעם אַליין, וואס זי וועט איהם אויסוועהלען פון די אַלע איבעריגע מענער.

ער האָט איהם פערגליכען מיט זיך אַליין. גראַף בערנהויז וועט זיכער ניט זיין אַזוי נערוועז, וועט זיכער ניט פערצווייפעלט ווערען, ווען זי וועט איהם אַפילו ניט אַזוי שטאַרק ליעבען. אַ געזעלשאַפטס־מענש, געשיקט און קלוג און אויסגערעכענט, וועט מיט ווייניג צופריעדען זיין, וואָרים ער האָט, ווי עס האָט געשיינט, ניט געהערט צו דעם שטאַם פון אַזרא, וועלכע פאַר ליעבע שטאַרבען.

איינמאָל, ווען מאַריאַל איז געקומען אין דעם האָטעל האָט ער דערזעהן אין אַ לעטאַנקע צוויי יונגע לייט מיט בערד, מיט וואָלענע מיצלאַך אויפ'ן קאָפּ. זיי זיינען דאָרט געזעסען מיט פּיפּקעס אינ'ם מויל.

דער בעל־הבית, אַ דיקער מאַן, האָט איהם בעגריסט. דאַן האָט ער געזאָגט:

— זייט נעכטען זיינען דאָ צוויי נייע געסט, צוויי מאַהלער.

— יענע הערען, וואָס זיצען דאָרט?

—יאָ. זיי זיינען גאַנץ בעריהמט. דער קליינער האָט אַ זילבערנע מעדאַל פאַראַיאָהרען בעקומען.

דערנאָך, אַז ער האָט איהם אַלסדינג דערצעהלט, וואָס ער האָט געוואוסט וועגען די מאַהלער, האָט ער איהם געפרעגט:

— וואָס וועט איהר היינט עסען אָדער טרינקען, הערר מאַריאַל?

—שיקט מיר ארוים א ווערמוט.

דער בעל הבית איז אוועק. עליזאַבעט איז אַרויסגעקומען מיט דעם טאַץ, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ פלאַש און אַ גלאָז. און גלייך האָט איינער פון די מאהלער זיך אָנגערופען:

— ווי קליינע, נאָך אַלץ בייז?

זי האָט ניט געענטפערט. און ווען זי איז צו מאַריאַל'ן צו־געגאַנגען, האָט ער דערזעהן, אז איהרע אויגען זיינען פערוויינט געווען.

— איהר האָט געוויינט? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט געענטפערט איינפאַך:

— יאָ, אַביסעלע.

— פאַרוואָס?

—יענע העררען האָבען מיך שלעכט בעהאַנדעלט.

— וואָס האָבען זיי אייך געטהאָן?

— זיי האָבען מיך אָנגענומען פאַר אַ שלעכטע מיידעל.

— האָט איהר דאָס אייער בעל הבית דערצעהלט?

— אָך, דער בעל־הבית, דער בעל־הבית, איצט קען איך איהם!

מאַריאַל האָט זיך אַביסעל געערגערט, דערנאָך האָט ער גע־זאָגט:

— דערצעהלט מיר, וואָס אַזוינס האָט פאַסירט.

זי האָט דערצעהלט, ווי דיביידע מענער, וואָס זיינען נעכ־טען געקומען, האָבען באַלד אָנגעהויבען זי צו פערפאָלגען מיט זייער פלירטען. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, האָט זי זיך צואוויינט, ווייל זי איז דאָ גאַנץ אַליין, אָהן שוץ, אָהן געלד און זי פיהלט זיך דאָ ווי פערלאָרען.

מאַריאַל האָט איהר פלוצים פאָרגעלייגט:

— ווילט איהר ביי מיר אַ שטעלע אָננעהמען? ביי מיר וועט

אייך זיין גוט. און ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען נאך פאריז, וועט איהר דאן צייט האבען צו זוכען אן אנדער שטעלע.

זי האט איהם אריינגעקוקט פארשעגד אין די אויגען. דאן האט זי געענטפערט:

— גוט. איך וועל געהן צו אייך דיענען.

— וואס פערדיענט איהר דא?

— זעכציג פראנקען א חודש.

און זי האט צוגעלעגט מיט א געוויסער אונרוהיגקייט:

— און מיט די טרינק־געלד האב איך א זיבעציג פראנקען.

— איך וועל אייך געבען הונדערט.

זי האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט:

— הונדערט פראנקען א חודש?

— יא. אפגעמאכט?

— איך בין צופריעדען.

— איהר וועט דארפען דאס צימער אויפראמען און אכטונג געבען אויף מיינע קליידער און וועש.

— גוט.

— ווען ווילט איהר צו מיר אנקומען?

— ווען איהר ווילט. פון מיינטוועגען כאטש מארגען. נאך דעם, וואס דא איז פארגעקומען, קען איך אוועקגעהן פון דאנען יעדע מינוט.

מאריאל האט איהר דערלאנגט צוויי גאלד־שטיקער:

— דא האט איהר האנד־געלד.

איהר פנים האט זיך מיט פרייד בעגאסען און זי האט גע־זאגט גאנץ ענטשלאסען:

מארגען פאר צוועלף בין איך ביי אייך.

XII

אויף מאָרגען איז עליזאבעט געקומען נאָך מאָנטיגני. א פויער האָט געבראַכט אויף אַ שטופּ־וועגעל איהר קאָרב צופיהרען. מאַריאַל האָט אַוועקגעשיקט איינע פון זיינע צוויי אַלטע פרויען און עליזאַבעט האָט איהר פּלאַץ פערנומען און אַריינגעצויגען אין אַ קליין צימער אויפ׳ן צווייטען שטאָק נעבען דער קעכינ׳ס.

ווען זי האָט זיך איהר נייעם בעל־הבית פאָרגעשטעלט, האָט זי זיך איהם אויסגעקוקט אַביסעלע אַנדערש ווי אין מאַרלא: ניט אַזוי פריי, אַביסעלע צוריקגעהאַלטענער, מחמת איצט איז זי געווען זיין דיענסט, וועהרענד אינ׳ם האָטעל איז זי געווען כמעט זיינע אַ פריינדין.

ער האָט איהר אין קורצע ווערטער ערקלעהרט, וואָס זי האָט געהאַט צו טהאָן. זי האָט איהם אויפמערקזאַם אויסגעהערט און איבערגענומען די אַרבייט אינ׳ם הויז.

אַ וואָך איז פאָראיבער און אין מאַריאַל׳ס זעלע איז קיין ענדערונג צום בעסערען ניט פאָרגעקומען. ער האָט נור בעמערט, אַז ער איז ווייניגער אויסגעצאַנגען. אמת, די פריהערדיגע שאַרפ־קייט פונ׳ם שמערץ האָט עטוואָס נאָכגעלאָזען, אָבער אַ שווערע, מורא׳דיגע טרויעריגקייט האָט איהם געדריקט. די גאַנצע פריהער־דיגע לעבהאַפטיגקייט זיינע, די רעגזאַמקייט פון זיין גייסט, דאָס אינטערעס פאַר די זאַכען וואָס האָבען איהם ביז אהער בעשעפטיגט און אונטערהאַלטען איז געווען אין איהם געשטאָרבען. ער האָט איצט צו אַלסדינג אַן עקעל געפיהלט און אַ גלייכגילטיגקייט. ער

איז זעלטען פונ'ם הויז שפּאַצירען אַרויס, איז געגאַנגען פונ'ם הויז צום העמאַק און פונ'ם העמאַק צום הויז. זיין גרעסטע צו־שטרייאונג איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס שטראָמען פונ'ם טייכעל צוצוקוקען און דעם פישער, בשעת ער האָט דעם נעץ פערוואָרפען.

נאָך די ערשטע טעג פון צוריקהאַלטונג איז עליזאַבעט פרייער געוואָרען. און, פיהלענדיג מיט איהר ווייבערשען אינסטינקט, אַז איהר בעל־הבית איז ניט גליקליך, האָט זי איהם מאַנכעס־מאָל געפרעגט, ווען דאָס אַנדערע דיענסטמיידעל איז דערביי ניט געוועזן:

— גנעדיגער הערר, אייך איז דאָ א פּנים זעהר אומעדיג?

ער האָט געענטפערט אין א טאָן, פול יאוש:

— יאָ, ניט פרעהליך.

— איהר האָט געדאַרפט מעהר שפּאַצירען.

— אַך, פון דעם האָב איך אויך ניט קיין פערגעניגען.

זי האָט איהם אַרומגערינגעלט מיט שטילע אויפמערקזאַמ־קייטען. יעדען אין דער פריה האָט ער זיין צימער געפונען פול בלומען און דופטענד ווי א בליהענדער גאָרטען. עליזאַבעט האָט אַרויסגעשיקט אינגלאַך אין דעם וואַלד, זיי זאָלען ברענגען פון דאָרט בייכלעך און פוטער־בלומען. ער האָט איהר בעדאַנקט פאַר די דאָזיגע אויפמערקזאַמקייט, פאַר איהרע בעמיהונגען איהם אנגענעהמער צו מאַכען זיין טרויעריג לעבען.

זי האָט זיך איהם אָנגעהויבען אויסצואווייזען שעהנער, פייַ־נער. און איינמאָל, בעת זי האָט איהם טהעע דערלאַנגט, האָט ער זאָגאַר בעמערקט, אַז איהרע הענד זיינען אויך שעהנער געוואָרען, גאָר ניט ווי ביי א דיענסט, נור ווי ביי א דאַמע מיט ריינע, גע־פוצטע נעגעל. א צווייטען מאָל האָט ער ווידער בעמערקט, אַז זי טראָגט עלעגאַנטע שיך. דאַן איינמאָל נאָכמיטאָג איז זי אַרויס־געקומען פון איהר צימער אין א רייצענדען גרויען, געשמאַקפולען קלייד. און ער האָט זיך אָנגערופען, ווען ער האָט זי נאָך פון ווייטען דערזעהן:

— גאָט! עליזאַבעט, איהר ווערט דאָך עפּעס גאָר א קאָ־קעטקע!

זי איז רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען און האָט ארויס־געשטאַמעלט:

— איך? אָה, ניין. איך טהו זיך אָן נור אַביסעלע שעהנער, ווייל איך האָב איצט אַביסעל מעהר געלד.

— וואו האָט איהר געקויפט דאָס קלייד?

— איך האָב עס אַליין געמאַכט.

— אַליין געמאַכט? ווען? איהר ארבייט דאָך דעם גאַנצען טאָג אינ'ם הויז.

— ביינאַכט האָב איך עס געמאַכט.

— וואו האָט איהר גענומען די וואַרע, און ווער האָט עס אייך צוגעשניטען?

זי האָט דערצעהלט, אז דער קרעמער אין מאָנטיגני האָט איהר די וואַרע פון פאנטיינבלו געבראַכט. און צושניידען קען זי אַליין, ווייל זי האָט פיער יאָהר געארבייט מיט איהר מוטער ביי שניי־דעריי.

ער האָט געמוזט זאָגען:

— עס פּאַסט אייך זעהר. איהר זעהט אויס אין דעם גאָר שעהן.

און זי איז ווידער רויט געוואָרען.

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך געפרעגט: אויב זי איז אַביסעלע פערליעבט אין איהם. ער האָט נאָכגעדאַכט, גע־צווייפעלט, און ענדליך איז ביי איהם געבליבען, אז עס איז גאַנץ מעגליך. ער איז געווען גוט צו איהר. וואָס אַלזאָ איז דאָ זיך געוועזן צו וואונדערען, ווען דאָס מיידעל האָט זיך אין איהר האר־צען אין איהם פערליעבט. איבריגענס איז דער דאָזיגער געדאַנק איהם געווען גאָר ניט אונאַנגענעהם, וואָרים דאָס קליינע מיידעל איז געווען אויף אַן אמת שעהן און איז גאָר ניט עהנליך געווען צו אַ געוועהנליכע דיענסטמיידעל. זיין מעגליכע אייטעלקייט, וואָס אַן

אנדער פרוי האט אזוי דערשטיקט און פערוואונדעט, האט זיך גע־פיהלט געשמייכעלט און ערלייכטערט, איז כמעט ווידער געזונד געווארען. עס איז געווען א בעלוינונג. דען דער פאקט אליין, אז ער האט ערוועקט אין א צווייטען ליעבע — ווער דער צווייטער זאל ניט זיין — איז דאך געווען א סימן, אז מען האט זיך געקענט אין איהם פערליעבען. זיין עגאיזמוס איז געווען דערמיט צופריעדען. עס וועט איהם אנגענעהם זיין און איהם אויך פיעל לייכטער מאכען אויפ'ן הארצען, צו זעהן, ווי דאס דאזיג קליין הערצעלע ציהט זיך צו איהם. עס איז איהם גאר ניט איינגעפאלען צו שיצען די קליינע פאר דער געפאהר, פון וועלכער ער אליין האט אזוי געליטען, צו האבען מיט איהר מעהר מיטלייד ווי מען האט מיט איהם גע־האט, דען אזוינע זיעגען ווייסען קיינמאל ניט פון קיין מיטלייד.

ער האט אנגעהויבען צו בעאבאכטען איהר און באלד אויס־געפונען, אז ער האט קיין טעות ניט געהאט. יעדען טאג האט ער דאס דורך פערשיעדענע קלייניגקייטען קלארער געזעהן. ווען זי האט איהם איינמאל, בעת זי האט דעם טיש געדעקט, בעריהרט, האט איהם אין די נאז א זעץ געטהאן א גערוך פון געוועהנליכען פארפיום, וואס זי האט מסתמא געקויפט ביים קרעמער אדער אין דער אפטהעק. דאן האט ער איהר געשענקט א פלאש פון זיין פארפיום, וואס ער האט גענוצט און פון פאריז מיט זיך געבראכט, און אנגעבאטען איהר זיין זייף, צאהן־וואסער און פודרע. גאנץ פארזיכטיג האט ער איהר געהאלפען זיך צו ענדערען, יעדען טאג אביסעלע מעהר, יעדען טאג גרינגדליכער און האט די דאזיגע ענדע־רונג נאכגעקוקט מיט נייגעריגע אויגען און א צופריעדענעם שמיי־בעל.

ווערהענד זי איז געבליבען א טרייע, שטילע דיענסט, איז זי געווארען א מיידעל מיט א פערליעבטען הארצען, אין וועלכען אלע קאקעטע אינסטינקטען האבען זיך נאאיוו ענטוויקעלט.

ער אליין האט זיך אלץ מעהר און מעהר צו איהר צוגעבונדען. זי האט איהם דאס לעבען אינטערעסאנטער געמאכט און ער איז

איהר דאַנקבאַר געווען. ער האָט זיך געשפּיעלט מיט דער דאָזיגער ערוואַכטער ליעבע, ווי מען שפּיעלט זיך אין די טרויעריגע שטונדען מיט אַלסדינג, וואָס קען נור צושטרייען. וואָס איהם האָט בעזונדערס צו איהר געצויגען, איז געווען, וואָס ער האָט אין איהר דאָס ווייבליכע געפונען, דאָס וואָס ער האָט געזוכט, דאָס, וואָס יענער אין פּאַריז האָט אין גאַנצען געפעהלט.

די דאָזיגע צאַרטע, פערבאָהאַלטענע אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער האָט געפיהלט מעהר ווי געזעהן, האָט זיין פערוואונדעטע האַרץ געקיהלט ווי א פלאַסטער, אזוי, ווען די שטונדע פון פערצווייפלונג זיינען ווידער געקומען, האָט זיין האַרץ אזוי ניט וועהגעטהאָן. און יענע פערצווייפעלטע שטונדען זיינען נאָך אַלץ געקומען. זיי האָבען געזשוזשעט אַרום איהם ווי פליגען אַרום א וואַנד. ער האָט נור געדאַרפט זיך דערמאָנען אָן יענער, ווי זיין האַרץ האָט ווידער געבלוטעט. אזוי ווי ער האָט אין דער היים אָגעזאָגט מען זאָל קיינעם זיין אַדרעס ניט געבען, האָבען זיינע פריינד איהם ניט געשריבען. איצט האָט איהם דאָס גענומען מוטשען וואָס ער בעקומט ניט קיין בריעף. אָפט האָט ער געלעזען אין די צייטונגען די נעמען לאַמאַרט, מאַסיוואַל צווישען די מענשען וואָס האָבען אַנטהייל גענומען אין א גרויסען דינער אָדער פעסט. איינמאָל איז אין די צייטונגען דערמאָנט געווען, אַז ביי דעם עסטרייכישען קאָנסול אויפ'ן באַל איז מאַדאַם דע בורן געווען איינע פון די שעהנסטע, עלעגאַנטסטע און רייך־געקליידעטסטע דאַמען. א שוידער איז איהם אַריבער איבער'ן לייב. דערביי איז אויך דאָרט דערמאָנט געוואָרען דער נאָמען: גראַף בערנהויז. און ביז אבענד האָט די ערוואַכטע אייפערזוכט איהם דאָס האַרץ צוריסען. איצט איז ער כמעט זיכער געווען, אַז זי האָט מיט'ן גראַף פערהעלטניס. עס איז געווען איינע פון יענע איינגערעדטע איבערצייגונגען, וועלכע זיינען פיינליכער ווי די ווירקליכקייט, ווייל קיינמאָל קען מען פון זיי ניט לויז ווערען.

ער האָט לענגער ניט געקענט אויסהאַלטען און בעשלאָסען, צו

שרייבען לאַמאַרט'ן און פּרובען פון דער זייט זיך דערוויסען פון איהם וועגען דעם.

און איינמאָל ביינאַכט איז ער געזעסען ביי זיין לאָמפּ און האָט געשריעבען דעם דאָזיגען בריעף. לאַנג, געשיקט, פול אונ־בעשטימטער טרויעריגקייט האָט ער זיין בריעף געשריבען און גע־זוכט דורך פערשטעלטע פראַגען צו דערגעהן דאָס, וואס האָט איהם געמוטשעט.

אין פיער טעג אַרום, ווען די פּאָסט איז אָנגעקומען, האָט ער דערקענט אויף א קאָנווערט לאַמאַרט'ס האַנד־שריפט.

דער ראָמאַנען־שרייבער האָט איהם געלאָזט וויסען וועגען טויזענד טרויעריגע קלייניגקייטען, וועלכע האָבען פאַר זיין בעטריבטען הארצען א גרויסען ווערט געהאַט. פון דעם בריעף האָט מאַריאָל געזעהן, אַז זיין פערדאַכט איז וועניגסטענס ניט געווען גרונדלאָז און אַז היינט אדער מאָרגען האָט מען געקענט ערוואַרטען, אַז צווישען דעם גראַף און מאַדאַם דע בורן זאָלען זיך פערבינדען נאָהענטע פערהעלטניסע.

זיין פריהערדיגע געליעבטע האָט געלעבט ווי פריהער, נאָך אימער געגלאַנצט אין דער געזעלשאַפט. נאָך זיין פערשווינדען האָט מען פון איהם א קורצע צייט געשפּראָכען מיט א גלייכגיל־טיגער נייגעריגקייט. מען האָט גערעדט, אַז ער איז אוועקגעפאָה־רען, מחמת פאַריז האָט איהם דערעסען.

איבערגעלעזען דעם בריעף, איז ער ביז פאַרנאַכט געלעגען אין זיין העמאַק, האָט ניט געקענט עסען, ניט שלאָפען און ביי־נאַכט האָט ער פיבער געהאַט. אויף מאָרגען האָט ער זיך גע־פיהלט אזוי מיעד, אזוי פערצווייפעלט, אזוי צובראָכען, דאָס ער איז גאָר ניט אויפגעשטאַנען.

אַז עליזאַבעט איז אריינגעקומען און האָט איהם אינ'ם בעט דערזעהן, איז זי בלייך געוואָרען, געבליבען שטעהן אין דער גע־עפענטער טיר און האָט געפרעגט:

— איז דער גנעדיגער הערר קראַנק?

— יאָ, אבּיסעלע.

— זאָל איך דעם דאָקטאָר רופען?

— ניין, איך ווייס אַליין וואָס מיר פעהלט.

ער האָט בעשטעלט זיין וואגע, א פאָר אייער צום פרישטיק און טהעע פאר דעם גאנצען טאָג. אָבער מיטאָג־צייט איז איהם געווארען אזוי לאנגוויילינ, דאָס ער איז בעסער אויפגעשטאנען. עליזאבעט, וועלכע ער האָט נאָכאנאנד גערופען און וועלכע האָט אויסגעזעהן אונרוהיג, טרויעריג, ווען זי האָט איהם דערזעהן אריינקומענדיג א נערוועזען, אָן אויפגערעגטען, האָט איהם פאָרגעלעגט, גאנץ רויט פון איהר דרייסטקייט, פאָרצולעזען עפּעס. ער האָט געפרעגט:

— קענט איהר גוט פאָרלעזען?

— יאָ. איך האָב אין דער שוהל דעם ערשטען פּרייז בעקומען פאר לעזען. און מיין מאַמען האָב איך אויך פיעל ראָמאנען פאָרגעלעזען.

ער איז געוואָרען נייגעריג און זי געשיקט אין דאָס אטעליער צו נעהמען דעם ראָמאַן: מאנאָן לעסקו.

דערנאָך האָט זי איהם צורעכט געמאכט דאָס בעט; ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען אָן צוויי קישען און זי האָט זיך געזעצט דערביי אויף א שטוהל און גענומען לעזען. זי האָט באמת גוט געלעזען, מיט א ריכטיגער בעטאָנונג און פערשטענדיגער אויסשפּראך. פון אָנפאנג האָט עס איהם אונטערהאַלטען און ער האָט פערפאָלגט די געשיכטע מיט אזא אינטערעס, דאָס ער האָט זי יעדע ווייַלע אונטערבראָכען, אום מיט איהר צו ריידען וועגען דאָס פאָרגעלעזענע.

דורך דאָס אָפענע פענסטער האָט דאָס ווארימע ווינטעל אריינגעבראכט דעם דופט פון בלעטער, די טרעלען און דעם געזאנג פון נאכטיגאלען, וועלכע אין דער דאָזיגער צייט פון ערוואַרטענדער ליעבע האָבען, אויף אַלע בוימער פון דער געגענד, ארום זייערע ווייבלאך ארומגעשפּרונגען און געזונגען.

מאריאַל האָט אַנגעקוקט דאָס יונגע מיידעל, וועלכע האָט מיט שיינענדיגע אויגען נאָכגעפאָלגט די געשיכטע זייטעל פאַר זייטעל.

אויף די פראַגען וואָס ער האָט איהר געשטעלט האָט זי געענט־פערט קלוג און ריכטיג, נור אביסעלע ניט קלאָהר, ווייל נאָך אַלעם איז זי פאָרט געווען אַן אונוויסענדע מיידעל. און ער האָט גע־טראַכט: אַך, ווען דאָס מיידעל וואָלט אביסעלע געווען גע־בילדעט, זי וואָלט שוין געווען קלוג.

דער דאָזיגער ווייבליכער רייץ, וואָס ער האָט שוין אין איהר געשפירט, האָט אויף איהם אין דעם דאָזיגען ווארימען רוהיגען נאָכמיטאָג אַנגענעהם געווירקט און זיך אין זיין גייסט אויסגע־מישט מיט יענעם מערכענהאַפטען שטאַרקען רייץ פון דער העלדין פון דעם ווערק, וואָס זי האָט איהם פאַר איהם געלעזען, פון דער דאָזיגער מאנאַן, וועלכע וועקט אין אונזער הארצען די מערקווירדיגסטע גע־פיהלען, וואָס די מענשליכע קונסט האָט ווען־עס־איז אויפגעוועקט.

די שטימע האָט איהם איינגעוויעגט. ער האָט זיך געפיהלט פון דער גוט בעקאַנטער און דאָך אימער נייער געשיכטע בעצווי־בערט און האָט געטרוימט פון אזא פערפיהרערישער געליעבטע ווי מאנאַן, וועלכע איז מענשליך און רייצענד אפילו אין איהרע מורא׳דיגע פעהלערען, אַפילו אין איהר אונטרייהייט, אין איהר בעטרוג.

אַך, ווען די, וואָס ער האָט פערלאָרען, וואָלט אין איהרע אָדע־רען געהאַט די ליעבעס־גלות, די פייערדיגע ליידענשאַפט פון דער דאָזיגער אויפגערעגטער קורטיזאנקע, דאַן אפשר וואָלט ער קיינ־מאָל פון איהר ניט אַוועק. מאנאַן האָט בעטראָגען, אָבער זי האָט געליעבט, זי איז געווען אַ ליגנערין, אָבער זי האָט זיך אָפּגעגעבען.

דעם גאַנצען טאָג דערנאָך האָט מאריאַל געטרוימט פון פרווי־ען. ווען דער אבענד איז צוגעפאַלען, האָט ער איינגעדרעמעלט. אַן אונגעוועהנליכער גערויש האָט איהם אויפגעוועקט.

דעם דאָזיגען גערויש האָט ער אין די פריהערדיגע נעכט אויך אַ פאָר מאָל געהערט. אויף דעם אונטערשטען שטאָק האָט זיך

עמיצער בעוועגט און פון דארט, וואו דאס וואנע־צימער האט זיך געפונען, האט זיך געהערט ווי א פליעסקען פונ'ם וואסער. פריהער האט ער דעם קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט.

אבער אין דער דאזיגער נאכט, נאך א גאנצען טאג ליגען, האט ער קוים איינגעדרימעלט, און ווען דער אונגעוועהנליכער גערויש האט איהם אויפגעוועקט, איז ער א היבשע צייט געלעגען און האט זיך צוגעהערט צו איהם. דערנאך האט ער בעשלאסען, אויפצושטעהן און זעהן, וואס דארט איז אזוינס. ער האט אנגעצונדען דעם לאמפ און א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער. עס איז נאך קיין צעהן ניט געווען. ער האט זיך אנגעטהאן, גענומען דעם רעוואלווער און איז מיט שטילע טריט ארונטער פון די טרעפ.

ווען ער איז אין די קיך אריין, האט ער זיך פערוואונדערט: אויפ'ן פריפעטשיק האט א פייער געברענט. קיין גערויש האט זיך מעהר ניט געהערט, אבער עס האט זיך איהם אויסגעגעבען, אז עמיצער איז אין דעם וואנע־צימער.

ער איז צוגעגאנגען, האט שטיל, גאנץ שטיל א דרעה געטהאן דעם שליסעל, אויפגעריסען פלוצים די טיר און דערזעהן אין דער וואנע א פרויען־קערפער מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס, מיט די שפיצען פון די בריסט איבער דעם וואסער, דעם שעהנסטען פרויען־קערפער, וואס ער האט אמאל אין זיין לעבען ווען געזעהן.

זי האט ארויסגעלאזט א פערצווייפלונגס־געשריי, אזוי ווי זי האט ניט געקענט אנטלויפען. ער האט זיך שוין ארונטערגעלאזט אויף די קניע נעבען דער וואנע, פערשלונגען זי מיט ברענענדיגע בליקען און א ציה געטהאן זיך מיט די ליפען צו איהר.

זי האט פערשטאנען און פלוצים אויפגעהויבען דיביידע ארעמס, פון וועלכע וואסער האט געטריפען; דאן האבען זיי זיך א ציה געטהאן צו איהם און ארומגעכאפט זיין נאקען.

XIII

אויף מארגען, ווען זי איז ווידער פאר איהם ערשיענען מיט'ן טהעע אויף א טאץ און זייערע אויגען האבען זיך געטראפען, האט זי אזוי געציטערט, דאס די גלאז און די צוקערניצע האבען זיך א פאר מאל אנגעשטויסען מיט א קלינגעריי.

מאריאל איז איהר אנטקעגען געלאפען, האט גענומען דעם טאץ פון איהרע הענד, געשטעלט איהם אויפ'ן טיש און איהר געזאגט, ווען זי האט די אויגען ארונטערגעלאזט:

— קוק מיר אין די אויגען, קליינע.

זי האט איהם אנגעקוקט מיט טרעהרען אין די אויגען.

ער האט זיך אנגערופען:

— דו זאלסט ניט וויינען.

ווען ער האט זי צו זיך צוגעדריקט, האט ער געפיהלט, ווי זי ציטערט פון קאפ ביז די פיס און זי האט ארויסגעפליסטערט: „אה, מיין גאט!" ער האט פערשטאנען, אז דאס איז ניט געווען קיין חרטה, קיין קימער, קיין געוויסענסביסע, נור גליק, דאס אמת'ע גליק. און ער האט דערפיהלט מערקווירדיג בעפריעדיגט, מעהר קערפערליך ווי גייסטיג, וואס דאס דאזיג קליין מיידעלע ליעבט איהם. ער האט איהר גערדאנקט, ווי א פערוואונדעטער וואנדערער א פערבייגעהענדיגער פרוי, וואס איז איהם צו הילף געקומען. ער האט איהר געדאנקט מיט זיין גאנצען אויסגעמוטשעטען הארצען, וואס האט געהונגערט נאך ליעבע צוליעב דער גלייכגילטיגקייט פון אן אנדער פרוי. אין זיינע געדאנקען האט ער זי אביסעל בעדויערט. און ווי ער האט זי אזוי געזעהן, א בלייכע און א וויינענדיגע מיט איהרע פערליעבטע ברענענדיגע אויגען, האט ער נישט ווי־לענדיג א טראכט געטהאן:

„איז זי אָבער שעהן! ווי שנעל אַ פרוי פערענדערט זיך דאָס, ווען די וואונשען פון איהר הארצען און די בעדערפנישען פון איהר קערפער ווערען בעפריעדיגט!”

— זעץ זיך! — האָט ער זיך אָנגערופען.

זי האָט זיך געזעצט. ער האָט גענומען איהרע הענד, איהרע ארבייטס־הענד, וועלכע זיינען איצט פאר איהם ווייס און צארט געוועזען, און צו איהר גענומען ריידען, גאַנץ שטיל מיט אויסגע־וועהלטע ווערטער, וועגען איהר נייע בעשעפטיגונג אין זיין הויז. זי וועט מעהר זיין דיענסט ניט זיין, נור וועט דארפען עפעס טהאָן, כדי ניט אויפצורייסען לייטישע מיילער אינ'ם דאָרף. זי וועט ביי איהם לעבען, ווי אַ זאָרט געזעלשאַפטערין, וועט איהם אָפט פאָר־לעזען און דאן וועט עס הייסען, אז זי איז ביי איהם אָנגעשטעלט אַלס פאָרלעזערין. שפּעטער, ווען זי וועט זיך גוט איינאיבען אַלס פאָרלעזערין, וועט זי מיט איהם ביי איין טיש עסען.

אזוי שנעל ווי ער האָט עס איהר פאָרגעלעגט, האָט זי גע־זאָגט איינפאך:

— ניין, איך בין און איך וועל בלייבען אייער דיענסט. איך וויל ניט, מען זאָל דאָ ריידען און מען זאָל בעמערקען, אז עפּעס האָט פּאסירט.

פיעל ער האָט זי ניט איינגערעדט, זי האָט זיך פער'עקשנ'ט — זי וועט בלייבען אינ'ם הויז אַלס דיענסט, ווי פריהער. און נאָכדעם, ווי ער האָט זיין טהעע אויסגעטרונקען און זי איז מיט'ן טאַץ ארויס, האָט ער זי בעגלייט מיט צערטליכע בליקען און גע־טראַכט:

„זי איז אַ פרוי. אַלע פרויען זיינען גלייך, ווען זיי געפעלען אונז. פון מיין דיענסטמיידעל האָב איך מיין געליעבטע געמאַכט. זי איז שעהן. זי וועט פיליכט נאָך ווערען רייצענד. יעדענ־פאַלס איז זי אינגער און פרישער ווי די אריסטאָקראַטישע דאמען פון דער געזעלשאַפט און די אַנדערע פרויען, וואָס מען קען זיי פאר געלד קויפען — די קאָקאָטען. איז ניט מאנכע בעריהמטע

אקטעריסע די טאכטער פון א פריהערדיגער דיענסט? און דאך ווערען זיי ווי דאמען אויפגענומען, ווי העלדינען פון א ראמאן געפייערט, און פרינצען בעהאנדלען זיי, ווי הערצאגינען. עס הענגט אפ אין גאנצען פון דעם איינדרוק, וואס די פרוי מאכט,, ווער און וואס זי זאל ניט זיין."

ביי טאג האט ער געמאכט א לאנגען שפאציער. און הגם אין דער נשמה האט ער נאך אלץ וועהטאג געשפירט און אין די פיס א שווערקייט, אזוי ווי דער קימער וואלט זיינע כוחות אויס־געזויגט, האט ער זיך דאך געפיהלט פרעהליכער, ווענינער אליין, ווענינער פערלאזען. דער וואלד האט זיך איהם אויסגעוויזען ווע־ניגער איינזאם, ווענינער טרויעריג, ווענינער לעדיג און וויסט. און ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים, האט ער א וואונש געהאט, אז עליזאבעט זאל איהם אנטקעגען קומען מיט איהר פער־שעמט שמייכעל און פערליעבטע אויגען.

א מאנאט לאנג האט זיך אפגעשפיעלט א קליינע אידיליע נעבען קליין טייכעל. מאריאל איז געווען געליעבט, גאנץ וועניג מענער זיינען אמאל אזוי געליעבט געווען, אנימאליש, משוגע, ווי א קינד פון זיין מוטער, ווי א יעגער פון זיין הונד.

ער איז געווען אלסדינג פאר איהר, וועלט און הימעל, גליק און לופט. ער האט געפיהלט אלע איהרע גליהענדע נאאיווע וואונשען און אין איין קוש האט ער איהר געגעבען אלסדינג, דאס גאנצע גליק, פון וועלכען זי האט גע'חלום'ט. זי האט נאכאנאנד גע־טראכט פון איהם, איהר נשמה און הארצען, איהר פלייש און בלוט איז פול געווען מיט איהם, נור מיט איהם אליין, אין איהרע ארעמס האט ער איינגעשלאפען און איהרע קושען האבען איהם בעגעגענט, ווען ער האט אויפגעוואכט. ערשטוינט און פערפיהרט, האט ער גענאסען דאס פול אפגעבען זיך און איהם האט זיך אויס־געוויזען, אזוי ווי ער וואלט די ליעבע געטרונקען פון דער נא־טור'ס קוואל אליין.

און דאך איז ער נאך אלץ געבליבען טרויעריג, טרויעריג,

אמאָל אויף טעג לאנג. זיין קליינע געליעבטע איז איהם געפעלען געווען, אָבער די אַנדערע האָט איהם געפעהלט. און ווען ער האָט אויף די לאַנקעס געשפּאַציערט פּאַזע דעם טייכעל, האָט ער זיך אָפט אליין געפרעגט: ווארום פערגעס איך ניט יענע? און ווען ער האָט זיך דאָס געפרעגט, איז ער גלייך אַזוי נערוועז געוואָרען, דאָס ער האָט זיך געמוזט אהיים צוריקקעהרען, כדי ניט צו בלייבען אליין מיט זיך.

דערנאָך האָט ער זיך געוויעגט אויפ'ן העמאַק און עליזאבעט איז אויף אַ שטוהל געזעסען און איהם פאָרגעלעזען. ער האָט געקוקט אויף איהר, צוגעהערט זיך און בעת דעם געטראַכט וועגען די געשפּרעכען אין דעם סאַלאָן פון זיין פריינדין, ווען ער האָט די אבענדען ביי איהר פערבראַכט. און אזא בענקעניש האָט איהם אַנגעכאַפּט און אַזאַ מורא'דיגער אומעט, דאָס ער וואָלט, האָט זיך איהם געדאַכט, אַלסדינג געוואָרפען און נאָך פּאַריז געפאָהרען, אָדער אנטלאָפען ערגעץ אויף אימער, וואוהין האָט ער אליין ניט געוואוסט.

אַז עליזאבעט האָט איהם דערזעהן אַזוי טרויעריג און פערטראַכט, האָט זי איהם געפרעגט:

— איהר זייט קראַנק? איך פיהל, אַז איהר האָט טרעהרען אין די אויגען.

ער האָט געענטפערט:

— קוש מיך, קליינע. דו פערשטעהסט דאָס ניט.

אַן אונרוהיגע האָט זי איהם געקושט, וואָרים זי האָט געפיהלט עפּעס אַ דראַמע זיך נעהענערען, פון וועלכע זי האָט ניט געוואוסט. ער אָבער האָט זיך פיעל־וועניג פערגעסען ביי איהרע צערטליכקייטען און געטראַכט: „אָה, ווען מען וואָלט געקענט מאַכען פון די דאָזיגעביידע פרויען איינע, וועלכער זאָל האָבען די ליעבע פון איהר און דעם רייץ פון יענער! פאַרוואָס געפינט מען קיינמאָל ניט דאָס, פון וואָס מען חלום'ט? און וואָרים,

אין דעם בעסטען פאל, טרעפט מען עטוואס, וואס איז נור „עהנליך?"

ער האט זיך ניט געקענט בעפרייען פון זיין פערלארענער געליעבטער, פון איהר געטראכט ווי פער'כישופ'ט, און מאנכעס־מאל האט ער זיך געפרעגט: בין איך דען פערשאלטען, איך זאל זיך קיינמאל ניט קענען פון איהר ארויסרייסען?

און ווידער האט ער שטונדען לאנג געשפאצירט, געהאפט פון זיין בענקעניש צו בעפרייען זיך ערגעץ־וואו אינ'ם וואלד, אין א טהאל, הינטער א פעלז, אויפ'ן שליאך, אזוי ווי עמיצער זוכט זיך אמאל אויף די ווייטע וועגען צו בעפרייען פון א הינטעל, וואס טויטען איהם האט ער קיין הארץ ניט.

איינמאל איז ער געקומען אין דעם ביכען־וואלד, וועלכער האט זיך איצט געהאט צו־וואקסען און אויסגעזעהן שווארץ, ווי די נאכט, אין זיין אונדרינגליכען בלעטער־ים. ער איז געגאנגען אונטער די ריזיגע, פייכטע, הויכע גרינע קרוינען, אויף וועלכע די זון האט איהרע שטראהלען געגאסען. און פלוצים, ווען ער איז געגאנגען איבער א שמאלען שטעגעלע איז ער שטעהן געבליבען פערוואונדערט פאר די צוויי בוימער, וואס האבען צוזאמען גע־וואקסען.

ווי א פערצווייפעלטער ליעבהאבער מיט געוואלדיגע גליעדער האט א ביכען־בוים מיט צוויי ריזיגע צווייגען געהאלטען ארומ־גענומען דעם שטאם פון א דעמב. און דער דעמב, מיט די ארעמס פון דעם ביכען־בוים ארום זיך, האט זיך ארויסרייסען געוואלט, האט ער זיך גלייך און שלאנק אויסגעצויגען און איז געשטאנען הויך איבער דעם קאפ פון זיין אנגרייפער און האט געקוקט כמעט מיט פעראכטונג. אבער טראץ זיין פעראכטונג און זיין ווילען ארויסצורייסען זיך, האט ער אין זיין גוף געטראגען דיביידע טיעפע וואונדען, וואס די צווייגען פון דעם ביכען־בוים האבען אין איהם אריינגעשניטען. אויף תמיד פעראייניגט דורך די דאזי־גע וואונדען, זיינען זיי צוזאמען געוואקסען און זייער זאפט האט

זיך אויסגעמישט און אין די אַדערען פון איינעם האָט געשטראָמט און געקאָכט דאָס בלוט פון דעם אַנדערען.

מאַריאַל האָט זיך געזעצט, כדי די בוימער לענגער צו בע־טראַכטען. אין זיין קראַנקער נשמה האָבען זיי אָנגענומען א סימ־באָלישע, שרעקליכע און ערהאַבענע בעדייטונג — זיי האָבען דער־צעהלט די געשיכטע פון זיין ליעבע.

דערנאָך איז ער אַוועק ווייטער, נאָך טרויעריגער. און פּלוצים, אַזוי ווי ער האָט זיינע אויגען אַרונטערגעלאָזט, האָט ער דערזעהן אויפ׳ן גראָז, שמוציג אין פונ׳ם רעגען דורכגעווייקט, אַן אַלטע דעפּעשע, וואָס א דורכגעהער האָט אַוועקגעוואָרפען, אָדער פערלאָרען. ער איז שטעהן געבליבען. וואָס האָט דאָס דאָזיג שטיקעל פּאַפּיער, וואָס איז דאָ ביי זיינע פיס געלעגען, אָנגעזאָגט א לעבעדיגען הארצען — טרויעריגעס אָדער פרעהליכעס?

ער האָט עס געמוזט אויפהויבען. און האַלב נייגעריג, האַלב מיט עקעל האָט ער עס פאַנאַנדערגענומען. מען האָט נור גע־קענט לעזען: קום... מיר... 4 אַזייגער...

דעם נאָמען האָט דער רעגען אָפּגעווישט.

דאָ האָבען זיך אין איהם אויפגעכאַפּט די עראינערונגען, אַזוינע טרויעריגע און אַזוינע פרעהליכע, פון די אַלע דעפּעשען, וואָס ער האָט פון איהר בעקומען, דאָ בעשטעלענדיג איהם צו קומען אין דאָס פערבאָרגענע ווינקעל און דאָ אָנזאָגענדיג איהם, אַז זי קען ניט זיין. נאָך קיינמאָל האָט איהם עפּעס אַזוי בעוועגט, אַזוי איהם דורכגעטרייסעלט, ווי די דאָזיגע דעפּעשע, וואָס ער האָט פונ׳ם גראָז אויפגעהויבען.

ער איז געשטאַנען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטען קאָפּ און דאָס הארץ אין זיין ברוסט איז צוריסען געוואָרען פאַר פערצווייפלונג.

שוין קיינמאָל מעהר וועט ער אַזוינע טעלעגראַמען ניט בעקו־מען.

און ווידער האָט ער זיך געפרעגט: וואָס איז מיט איהר געוואָרען, זינט ער האָט זי פערלאָזען? האָט זי געליטען? האָט

עס איהר פערדראָסען, וואָס זי האָט איהר פריינד מיט איהר גלייכגילטיגקייט פון זיך פערשטויסען? אדער נור איהר אייגענ־ליעבע האָט דערפון געליטען?

און א פערלאנג האָט זיך אין איהם ערוועקט, א שטארקער פערלאנג, עטוואָס פון איהר צו וויסען. ער איז געגאנגען נאָך פאנטאנבלוי. אז ער איז אין דער שטאָדט געווען, איז ער אוועק צום טעלעגראַף־אָפיס. א מורא'דיגע קראפט האָט איהם אהין געטריבען, וועלכער ער האָט ניט געקענט ביישטעהן. און ער האָט צו מאדאם דע בורן אוועקגעשיקט א דעפעשע:

„איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס איהר דענקט וועגען מיר. איך קען ניט פערגעסען. אנדרע מאריאָל, מאנטיגני.”

דערנאָך האָט ער א וואָגען גענומען און איז אוועקגעפאָהרען צוריק נאָך מאנטיגני, אונצופריעדען און מיט פערדרוס וועגען דעם, וואָס ער האָט געטהאָן.

ער האָט אויסגערעכענט, אז אויב זי וועט איהם וועלען ענטפערען, וועט ער ערשט אין צוויי טעג ארום פון איהר א בריעף קריגען. אָבער שוין אויף מאָרגען איז ער פונ'ם שטוב ניט אוועק, האָפענדיג א דעפעשע פון איהר צו ערהאַלטען.

אזייגער דריי האָט ער זיך נאָך געוויעגט אויף זיין העמאק. פלוצים איז עליזאבעט געקומען איהם אָנזאָגען, אז א דאמע פרעגט אויף איהם.

ער האָט זיך אזוי דערשראָקען, דאָס א רגע האָט ער דעם אָטהעם ניט געקענט אָפכאָפען. און מיט א קלאפענדיגען הארצען און ציטערענדיגע קניע איז ער צום הויז אוועק. אָבער אז זי זאָל דאָס זיין, האָט ער זיך זיכער נישט געריכט.

ווען ער האָט געעפענט די טיר פון זיין צימער, האָט ער דערזעהן מאדאם דע בורן אויף דער זאָפע זיצען. זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז איהם אנטקעגען געגאנגען מיט אן עטוואָס צוריקגעהאַלטענעם שמייכעל און האָט צו איהם אויסגעשטרעקט די האנד מיט די ווערטער:

— איך האָב געוואָלט אַליין זעהן, וואָס איהר מאַכט. פון אייער טעלעגראַמע האָב איך ניט געקענט וויסען.

ער איז אַזוי בלייך געוואָרען, דאָס איהרע אויגען האָבען מיט פרייד אַ שיין געטהאָן. ער איז געווען אַזוי בעוועגט, דאָס ער האָט אַ וואָרט נישט געקענט ארויסריידען, נור די האַנד, וואָס זי האָט איהם אויסגעשטרעקט, האָט ער צו זיינע ליפּען צוגעדריקט.

— גאָט, ווי גוט איהר זייט! — האָט ער צום סוף געזאָגט.

— ניין. אָבער איך פערגעס ניט מיינע פריינד, און איך אינטערעסיר זיך מיט זייער שיקזאַל.

זי האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין, טיעף, מיט יענעם ערנסטען פרויען־בליק, וואָס דרינגט דורך די געדאַנקען ביז צו זייערע וואָרצלען און בעמערקט יעדע קליינינקייט. זי איז, קאָנטיג, געבליבען צופריעדען, וואָרים איהר פּנים האָט גענומען שטראַהלען.

זי האָט זיך אָנגערופען:

— די געגענד דאָ איז זעהר שעהן. איהר פיהלט זיך דאָ געווים זעהר גליקליך.

— ניין, מאַדאַם.

— עס קען ניט זיין. אין אַזאַ שעהנער געגענד, אין אַזאַ שעהנעם וואַלד, נעבען דעם דאָזיגען קליינעם, רייצענדען טייך? ניין, איהר לעבט זיך דאָ געווים רוהיג און גליקליך!

— ניין, מאַדאַם.

— וואָרום ניט?

— ווייל דאָ קען מען אויך ניט פערגעסען...

— מוזט איהר דען עטוואָס פערגעסען, אום צו זיין גליקליך?

— יאָ, מאַדאַם.

— מעג איך פרעגען וואָס?

— איהר ווייסט עס. איך פיהל זיך דאָ זעהר עלענד.

— דאָס האָב איך מיר געדאַכט, ווען איך האָב אייער טע־לעגראַמע ערהאַלטען, און דערפאַר בין איך אַהער געקומען. טאָ־

מער האָב איך אַ טעות — האָב איך ביי זיך אָבגעמאַכט — וועל איך גלייך פאָהרען צוריק.

נאָך אַ קורצען שווייגען האָט זי צוגעלעגט:

—און אַזוי ווי איך האָב קיין טעות ניט געהאַט, קען איך נאָך אַ ווײַלע דאָ פערברענגען. דאָרט איז אַן אַלעע פון לינדען-בוימער, וואָס זעהט אויס זעהר רייצענד. דאָרט זיצען איז זיכער קיהלער, ווי אינ׳ם סאַלאָן.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען. זי האָט געטראָגען אַ לילאווען קלייד, וואָס האָט זיך אַזוי אריינגעפּאַסט צו דער גרינקייט פון די בוימער און צו דער בלויקייט פונ׳ם הימעל, דאָס זי איז אונער־וואַרטעט איהם פאָרגעקומען ווי אַ גאַנץ נייע ערשיינונג, אַזוי רייצענד און פערפיהרעריש. איהר לאַנגע, שלאַנקע טאַליע, איהר פרישער, ערדעלער פּנים, די גאָלד־בלאָנדע האָר אונטער אַ גרויסען הוט, וואָס איז אויך געווען פון אַ לילאָווען קאָליר, אַ הוט, איבער וועלכען אַ גרויסער שטרויס־פעדער האָט זיך גראַציעז געבויגט, איהרע שלאַנקע אָרעמס מיט די הענטשלאַך, וואָס האָבען אַ צו־געמאַכטען זונען־שירם געטראָגען, איהר שטאָלצע האַלטונג און גאַנג האָבען אריינגעבראַכט אין דעם דאָזיגען קליינעם, פּויערשען גאָרטען עטוואָס אונגעוועהנליכעס, פאַנטאַסטישעס, אַן עפעקטפולע סצענע, וואָס איז ווי געבוירען געוואָרען אין דער פאַנטאַזיע פון אַ דיכטער צו פון אַ מאָהלער, וועלכע האָבען זייער העלדין גע־בראַכט אויף דאָס לאַנד, אום צו ווייזען, ווי שעהן זי איז.

אין דעם בליק, מיט וועלכען מאַריאַל האָט זי בעטראַכט, האָט געציטערט די גאַנצע אויפגעוואַכטע ליידענשאַפט פון זיין האַרצען. און ער האָט ווידער געטראַכט וועגען די צוויי בוימער, וואָס ער האָט אויפ׳ן וועג אין מאַנטיגני געזעהן.

זי האָט זיך אָנגערופען:

— ווער איז דאָס מיידעל, וואָס האָט מיר געעפענט?

— מיין דיענסטמיידעל.

— זי זעהט גאָר ניט אויס ווי אַ דיענסטמיידעל.

— ניין.
— וואו האָט איהר זי גענומען?
— דאָ אין אַ האָטעל, וואו די געסט האָבען זי פערפאָלגט...
— און איהר האָט זי געראַטעוועט?...
ער איז רויט געוואָרען און האָט געענטפערט:
— איך האָב זי געראַטעוועט.
— פיליי׳כט פאר זיך?...
— געוויס פאר מיר. וואָרים עס איז מיר אַנגענעהמער צו קוקען אויף אַ שעהנעם פּנים ווי אויף אַ העסליכען.
— נור צוליעב דעם? נור צוליעב דעם קוקען אויף איהר שעהנעם פּנים?
— זי האָט מיך דערמאָנט אָן אייך. דען יעדע שעהנע פרוי, וואָס ציהט צו מיין אויפמערקזאַמקייט, דערמאָנט מיך אָן אייך.
— זעהר קלוג געענטפערט. נו, ליעבט זי איהר רעטער?
ער איז ווידער רויט געוואָרען. מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ איז איהם דער געדאַנק דורכגעפלויגען, אַז די אייפערזוכט איז דאָס שנעלסטע מיטעל צו געווינען אַ פרויען־הארץ. ער האָט זיך ענטשלאָסען האלב צו לייגען און ער האָט געענטפערט:
— איך וויים ניט. קען זיין. זי איז צוגעבונדען צו מיר און זעהט מיך זעהר גוט צו.
מאַדאַם דע בורן האָט ווייטער געפרעגט:
— און איהר?
ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט אויגען, פון וועלכע די ליעבע האָט גערעדט, און געענטפערט:
— קיינער און גאָר נישט קאָן מיך ניט מאַכען פערגעסען אייך.
דאָס איז ווידער געווען אַ געשיקטער, קלוגער ענטפער; איהר אָבער האָט ער געקלונגען אויפריכטיג, אמת, פון זיין הארצען ארויס, און זי איז געווען זעהר צופריעדען און האָט ניט געטראַכט מעהר פון עליזאַבעט.

זיי האָבען זיך געזעצט אויף צוויי שטוהלען אין דעם שאָטען פון די לינדען־בוימער נעבען דעם וואסער, און ער האָט זי אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס האָט איהר פון מיר געטראַכט?

— אז איהר זייט זעהר אונגליקליך.

— דורך מיין שולד אָדער אייערע?

—דורך אונזער ביידענס שולד.

— און וואָס נאָך?

— און וואָס נאָך? אַזוי ווי איך האָב געזעהן, אז איהר זייט זעהר אויפגערעגט און נערוועז, האָב איך מיר איבערגעלעגט, אז די קלינגסטע זאך וועט זיין, ווען איך וועל אַ געוויסע צייט אייך צורוה לאָזען, ביז איהר וועט אַליין קומען צו זיך. און איך האָב געוואַרט.

— אויף וואָס האָט איהר געוואַרט?

— אויף אַ וואָרט פון אייך. איך האָב עס בעקומען און איך בין דאָ. איצט וועלען מיר אַביסעל ערנסט ריידען. איהר ליעבט מיך אַלזאָ נאָך אַלץ? איך פרעג עס אייך ניט אויס קאָקעטעריי, נור אַלס פריינדין.

— איך ליעב אייך ווי פריהער.

— וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם?

— איך ווייס ניט. דאָס ליגט אין אייערע הענד.

— איך האָב געוויסע פּלענער, אָבער איידער איך בעקען אייך מיט זיי, וויל איך וויסען אייערע פּלענער. דערצעהלט מיר, ווי איהר האָט געפיהלט, זייט איהר זייט אַנטלאָפען.

— איך האָב שטענדיג געטראַכט פון אייך. איך האָב אַנ־דערש ניט געקענט.

— יאָ. אָבער ווי? וואָס האָט איהר געטראַכט פון מיר? און צו־וואָס פאר אַ רעזולטאַט האָט איהר זיך דערטראַכט?

ער האָט איהר דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט ביי זיך אָפּגע־מאַכט אויסצוהיילען זיך פון איהר, ווי ער איז אַנטלאָפען און איז

אָנגעקומען אהער. ווי טאָג און נאַכט האָט איהם דער געדאַנק וועגען איהר נישט אָפּגעלאָזט, ווי די אייפערזוכט האָט איהם גע־מאַטערט. ער האָט אַלסדינג איהר דערצעהלט ווי עס איז געווען. נור פון זיין ליעבע צו עליזאַבעט האָט ער ניט גערעדט, איהר נאָמען האָט ער מעהר ניט דערמאָנט.

זי האָט איהם אויסגעהערט, איבערצייגט אין די אויפריכטיג־קייט פון זיינע ווערטער, און זי האָט זיך געפיהלט גליקליך וואָס זי האָט ווידער איבער איהם געהערשט, וואָרים ער איז איהר נאָך אַלץ ליעב געווען.

די דאָזיגע צוועקלאָזע סיטואַציאָן האָט איהם טרויעריג גע־מאַכט, און אַזוי ווי דער געשפּרעך וועגען דעם, וואָס ער האָט גע־ליטען, האָט איהם אויפגערעגט, האָט ער מיט ליידענשאַפטליכע ווערטער, אָבער אָהן כעס און ביטערקייט, איהר ווידער אויפגע־וואָרפען, ווי אַמאָל, אַז זי איז ניט פעהיג ריכטיג צו ליעבען.

ער האָט איהר געזאָגט:

— אַנדערע פערשטעהען ניט, ווי צו געפעלען, און אייך פעהלט די פעהיגקייט צו ליעבען.

זי האָט איהם אונטערבראָכען מיט היץ:

— איך האָב ווענינגסטענס איין גוטע מעלה, וואָס איך בלייב טריי. וואָלט איהר ווענינער אונגליקליך געווען, אַז איצט, נאָכ־דעם ווי איך האָב אַ האַלב יאָהר אייך מיין ליעבע אַרויסגעוויזען, וואָלט איך זיך אין אַנדערע משוגע'נערהייט פערליעבט?

ער האָט אויסגערופען:

— איהר ווילט זאָגען, אַז עס איז אונמעגליך, אַז אַ פרוי, וואָס איז פעהיג צו ליעבען, זאָל ליעב האָבען נור איין מאַן?

זי האָט געענטפערט:

— מען קען ניט אימער ליעבען, מען קען נור טריי זיין. גלויבט איהר ווירקליך, אַז די ליעבע קען זיך יאָהרען לאַנג ציהען? ניין, ניין! די מעהרסטע פרויען, וועלכע ליעבען, וועל־כע גיבען זיך אָפּ צו זייערע ליידענשאַפטען און קאַפּריזען פאַר אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט, מאַכען איינפאַך אַ ראָמאַן פון

זייער לעבען. זייערע העלדען זיינען פערשיידען, די אומשטענדען און פּאַסירונגען זיינען אַנדערע, געענדערטע, נייע — קורץ, ווי אין אַ ראָמאַן. איך גיב צו, אז פאר זיי איז דאָס אינטערעסאַנט, אַמוזאַנט און יעדער נייער העלד, וואָס טרעט אויף, וועקט אויף די געפיהלען ביי זיי; אָבער פאר א י ה ם, ווי שמעקט דאָס א י ה ם, ווען דער ראָמאַן האָט זיך געענדיגט און אַ ן א נ ד ע ר האָט זיין פּלאַץ פערנומען? איהר פערשטעהט מיך?

— יאָ. אַ געוויסע טהייל וואַרהייט איז דאָ דערין. אָבער איך פערשטעה ניט, וואָס איהר מיינט מיט דעם...

— טאָ הערט־זשע: ליידענשאַפט, איך מיין, אַ פּלאַ־קערענדיגע, מאַטערענדיגע ליידענשאַפט ווי די, פון וועלכער איהר ליידעט נאָך, קען זעהר לאַנג ניט געדויערען. איהר האָט צוליעב מיר, איך ווייס עס, אַ שווערען, זעהר אַ שווערען קריזיס דורכ־געלעבט, אָבער דער דאָזיגער קריזיס וועט פאַראיבערגעהן, ער קען ניט לאַנג געדויערען.

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען. ער האָט מיט אַנגסט גע־פרעגט:

— און וואָס וועט דערנאָך זיין?

— איך מיין, אז פאר אַזאַ פערנינפטיגע, רוהיגע פרוי, ווי איך בין, וועט איהר קענען זיין אַ פּאַסענדער ליעבהאָבער, ווארים איהר האָט פיעל טאַקט. אַלס מאַן אָבער, איך מיין, ווען איך זאָל מיט אייך אָפיציעל הייראַטהען, וואָלט איהר געווען דער ערגסטער. אָבער קיין גוטער מאַן איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, קען נישט זיין.

ער האָט געפרעגט פערוואונדערט:

— אָבער וואָרום זאָל מען וועלען אַנהאַלטען בעציהונגען מיט אַ ליעבהאָבער, וועלכען מען ליעבט ניט?

זי האָט געענטפערט מיט היץ:

— ליעבער פריינד, איך ליעב אויף מיין שטייגער. איך ליעב צוריקגעהאַלטען, אָבער איך ליעב.

ער האָט בעמערקט טרויעריג:

— איהר דארפט נור האבען עמיצען, וואס זאל אייך ליעב האבען און זאל עס ארויסווייזען.

זי האט געזאגט:

— דאס איז אמת. איך לייקען עס ניט. אבער מיין הארץ דארף אויך האבען א פערבארגענעם בעגלייטער. די בעוואונדע־רונג און די קאמפלימענטען פון די אנדערע אין דער געזעלשאפט שטערט מיר גאר ניט צו זיין טריי און איבערגעבען צו איינעם, וואס איך האב אויסגעוועהלט. דאס איז ניט די ליעבע, ווי איהר פערשטעהט זי, אבער עס האט אויך זיין ווערט.

ער האט זיך צוגעבויגט צו איהר, ציטערענדיג פאר אויפרע־גונג, און ארויסגעשטאמעלט:

— בין איך עס דער אויסגעוועהלטער מאן?

— יא. אבער אפריהער מוזט איהר זיך בעסער אויסהיילען. דערווייליג אבער וועט איהר ניט דארפען פאראיבעל האבען אויף מיר, ווען איך וועל אייך נאך פערשאפען שמערצען. עס וועט פאראי־בערגעהן. און אזוי ווי איהר ליידעט דאך דא אויך, איז בעסער, ווען איהר וועט ליידען נעבען מיר און ניט ווייט פון מיר. האב איך ניט רעכט?

מיט א שמייכעל האט זי איהם געשיינט צו זאגען: „האט דאך אביסעל צוטרויען צו מיר.“ און אזוי ווי ער האט געציטערט פאר ליידענשאפט, האט זי געפיהלט אין איהר גאנצען קערפער אזא גליקזעליגקייט און צופריעדענהייט.

זי האט איהם געפרעגט:

— ווען פאהרט איהר צוריק?

ער האט געענטפערט:

— נו... מארגען.

— גוט, מארגען. ווילט איהר זיין ביי מיר צום דינער?

— יא, מאדאם.

— און איך, איך פאהר גלייך! — האט זי געזאגט און א קוק געטהאן אויפ'ן זייגערל, וואס איז איינגעפאסט געווען אין דעם שטאק פון איהר זונען־שירם.

—וואָרום אזוי שנעל?

— ווייל איך וויל פאָהרען מיט דעם פינף־אזייגער צוג. איך ערוואַרט היינט א פאָר לייט צו דינער: פרינצעסין מאלטען, בערנ־הויז, לאַמאַרט, מאסיוואל, מאלטריע און נאָך איינעם א נייעם גאַסט, דע שאַרליין, דעם בעריהמטען רייזענדען, וועלכער האָט זיך ערשט צוריקגעקעהרט פון א ווייטער רייזע, וואו ער האָט געמאַכט אַן ענטדעקונג. די וועלט קלינגט מיט איהם.

מאריאל'ען האָט פערקוועטשט דאָס הארץ. אלע די דאָזיגע אויסגערעכענטע נעמען האָבען איהם געשטאָכען.

ער האָט זיך אָנגערופען:

— אלזא, איהר ווילט גלייך אָפּפאָהרען? אויב אזוי וועל איך אייך בעגלייטען א שטיקעל וועג.

— זעהר אנגענעהם. קען איך אפריהער א גלאָז טהעע ביי אייך קריגען?

ווען מען האָט דעם טהעע דערלאַנגט, איז עליזאבעטה אין הויז ניט געווען. די קעכין האָט געזאָגט:

— זי איז ערגעץ אוועק.

מאַדאַם דע בורן האָט מעהר פון דער דיענסט מיידעל ניט געטראַכט. און אין דער אמת'ן, וואס איז איהר אָנגעגאַנגען א דיענסט?

דערנאָך האָבען זיי זיך געזעצט אויפ'ן וואַגען, וואס האָט פאר'ן הויז געוואַרט אויף זיי. מאריאל האָט געהייסען דעם קו־טשער פאָהרען דורכ'ן וואלד.

ווען זיי זיינען געפאָהרען אונטער דעם הויכען בלעטער־דאַך פונ'ם וואלד, וואו נאַכטיגאַלען האָבען געזונגען און די דונקעלהייט האָט מיט קיהלער פרישקייט געאָטהעמט, האָט זי זיך אָנגערופען, בעוואונגט פון דער ארומיגער גוואלדיגער שעהנקייט:

— אָה, ווי דאָ איז שעהן! ווי דאָ איז שעהן! און אזוי שטיל און רוהיג.

זי האָט געאָטהעמט מיט דעם גליק און מיט דער שטילער

גערירהרטקייט פון א זינדער, וואס איז זיך מתודה, און ארויפגע־לעגט איהר האנד אויף מאריאל׳ס.

אבער ער האט געטראכט:

— יא, די יאמור איז נאך אלץ דער מאנט סען־מישעל, — מיינענדיג דערמיט, אז אונטער דעם איינדרוק פון נאטור׳ס שעהנ־קייט ביים מאנט סען־מישעל האט מאדאם דע בורן דעמאלט אויך איהר ליעבע דערפיהלט.

ער האט זי געבראכט צום באהן.

ווען זי האט איהם די האנד דערלאנגט, האט זי געזאגט:

— אלזא, מארגען אום אכט?

— מארגען, אום אכט, מאדאם.

מיט א שטראהלענדיגען פנים איז זי אוועקגעפאהרען. און ער האט זיך איינ׳ם וואגען צוריקגעקעהרט, צופריעדען, גאנץ גליק־לאך, הגם נאך אלץ מיט א געוויסער בענקעניש אין דער נשמה.

אבער ווייטער קעמפפען האט קיין זין ניט געהאט. ער האט מעהר ניט געקענט. פון איהר רייץ האט ער זיך ניט געקענט בע־פרייען, האט קיין קרעפטען ניט געהאט. ווען ער איז אפילו אנט־לאפען פון איהר האט ער אלץ איינס געפיהלט איהרע קייטען אויף זיך...

די פערד האבען זיך געטראגען אונטער די ביימער. און ער האט געטראכט, אז וועהרענד דער דאזיגער גאנצער בעוועגונג איז איהר אפילו אויפ׳ן זינען ניט ארויף איהם די ליפען אנצובאטען. זי איז געוועזען די אייגענע, געבליבען טריי זיך אליין. קיינמאל וועט זי זיך ניט ענדערען. און פילייכט וועט ער אלע מאל אזוי דורך איהר ליידען. און ווידער האט ער זיך דערמאנט אן די אלע פיינליכע שטונדען, וואס ער האט דורכגעלעבט, און האט שוין געפיהלט די נייע יסורים, וואס וועלען זיך פון מארגען אן ווידער אנהויבען. אבער דאך איז ער געווען ענטשלאסען בעסער אלע יסורים איבערצוטראגען, איידער זי אין גאנצען צו פערלירען.

און פלוצים, ווען ער האט אזוי געטראכט און זיך שוין גע־נומען מוטשען, האט ער זיך דערמאנט אן עליזאבעט, וועלכע האט

איהם ערוואַרט, אַ יונגע, אַ פרישע, מיט אַ האַרצען פול ליעבע, מיט אָנגעגרייטע ברענענדיגע קושען אויף די ליפּען, און עס איז איהם אַביסעל לייכטער געוואָרען. באַלד וועט ער זי אין די אָרעמס האַלטען און מיט צוגעמאַכטע אויגען, בעטריגענדיג זיך אַליין, ווי מען בעטריגט אַנדערע, וועט ער אין דעם רויש פון דער ליעבע זי פערמישען מיט יענער, און אַזוי וועט ער זיי ביידען האָבען...

אין דעם דאָזיגען אויגענבליק איז ער אמת דאַנקבאַר געווען דער פערפיהרטער מיידעל פאַר איהר ליעבע, וועלכע האָט בעלעבט, ווי אַ פרישער קוואַל וואַסער אַ דורשטיגען אין דעם מדבר, זיין פערטריקענטע, טרויעריגע ליעבע.

אָבער ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט עליזאַבעט זיך נאָך ניט געהאַט צוריקגעקעהרט. ער איז געוואָרען אונרוהיג און זיך אָנגערופען צו די אַנדערע:

— ווייסט איהר זיכער, אַז זי איז ערגעץ אַוועק?

— זיכער.

דאַן איז ער אַוועק זי זוכען. ער איז געגאַנגען איבערן טהאַל, האָט דערזעהן פאַר זיך די אַלטע, ברייטע, נידריגע דאָרף קירכע מיט'ן גלאָקען־טורם, וואָס איז געלעגען אויפ'ן בערגעל איבער די קליינע הייזלאַך פונ'ם דאָרף ווי אַ הוהן אויף היהנדלאַך.

אַ חשד, אַ געפיהל האָט איהם אַהין געטריבען. ווער קען אַריינקוקען אין דאָס האַרץ פון אַ פרוי? אפשר האָט זי זיך אָנגעשטויסען, און ווען דער אמת איז איהר קלאָר געוואָרען, איז זי אַהין געלאָפען נאָך שוץ?

די קירכע איז געווען זעהר דונקעל, וואָרים דער אָבענד האָט זיך שוין אָנגערוקט. נור דער אויביגער לאָמפּ, וואָס איז אַרונטערגעהאַנגען אויף אַ דראָט, האָט אָנגעקינדעט די געגענוואַרט פון דעם געטליכען טרייסטער. מאַריאַל איז מיט שטילע טריט אַריין אין די קירכע. דאָרט פאַר דעם אויביגען לאָמפּ האָט ער דערזעהן אַ פרויען־געשטאַלט אויף די קניע, דעם פּנים אין די הענד פערבאָרגען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט דערקענט עליזאַ־

בעט און ארויפגעלעגט די האנד אויף איהר שולטער. זיי זיינען געווען אליין.

זי האט זיך א צאפּעל געטהאן און אפּגעקעהרט דעם קאפּ. זי האט געוויינט.

ער האט זיך אנגערופען:

— וואס פעהלט דיר?

זי האט געפליסטערט:

— איך פערשטעה אלעס. איהר זייט אהער געקומען, ווייל איהר האט יענע ליעב געהאט. זי איז געקומען אום אייך אוועקצונעהמען.

ער האט געשטאמעלט, געריהרט, וואס איצט איז דאס ער געווען, וועלכער האט א ליעבענדען מענשען שמערצען פערשאפט:

— דו האסט א טעות, קליינע. אמת, איך פאהר צוריק נאך פאריז, אבער דו פאהרסט מיט.

זי האט געענטפערט, ניט גלויבענדיג איהם:

— אך, דאס איז ניט אמת! ניט אמת!

— איך שווער עס דיר.

— און ווען?

— מארגען.

זי האט ווידער אנגעהויבען צו שלוכצען און געקרעכצט:

— מיין גאט! מיין גאט!

דא האט ער זי ארומגענומען, אויפגעהויבען זי און זי אוועקגעשלעפּט מיט זיך, איז ארונטערגעגאנגען מיט איהר פון דעם בערגעל אין דער דונקעלער נאכט. און ביים ברעג פונ'ם טייכעל האט ער זיך געזעצט אויפ'ן גראז און זי צוגעצויגען צו זיך.

ער האט געהערט דאס קלאפּען פון איהר הארץ. ער האט געהערט דאס סאפּען פון איהר אטהעם. און פון געוויסענס-ביסע געמאטערט, האט ער זי געדריקט צו זיך און איהר אין אויער געפליסטערט אזוינע זיסע ווערטער, וועלכע ער האט איהר ביז אהער נאך קיינמאל ניט געזאגט. פול רחמנות, און ברענענדיג פאר בעגעהר, האט ער איהר ניט געלייגט און ניט בעטראגען. און ער

איז אליין פערוואונדערט געווען פון דעם, וואס ער האט איהר גע־זאגט, פון דעם, וואס ער האט צו איהר געפיהלט.

ער האט איהר פערשפראכען זי צו ליעבען, — ער האט ניט געזאגט אזוי אפען: צו ליעבען, — נור אז ער וועט איהר א שעהן הויז איינריכטען מיט שעהנעם מעבעל און א דיענסט וועט ער איהר געבען זי צו בעדיענען.

זי האט זיך צוגעהערט, איז רוהיגער געווארען, אלץ מעהר רוהיג. אין זיין שטימע האט זי געפיהלט אז ער האט געמיינט וואס ער האט געזאגט, אז ער וועט זי ניט אפנארען. און צום סוף, איבערצייגט און פערבלענדעט פון דעם געדאנק, א דאמע צו שפיע־לען, די געליעבטע פון אזא רייכען און עלעגאנטען מאן צו זיין, וואס דאס איז געווען דער העכסטער טרוים פון דער דאזיגער ארי־מער מיידעל, דער קעלנערין — האט זי זיך געפיהלט ווי פער־שיכור'ט און צו איהר ליעבע האט זיך נאך צוגעמישט א געפיהל פון שטאלץ און דאנקבארקייט.

זי האט זיך צוגעדריקט צו איהם און ארויסגעשטאמעלט, בע־דעקענדיג זיין פנים מיט קושען:

— איך האב אייך זעהר ליעב. איך טראכט נור פון אייך.

ער האט געפליסטערט ווייך, ענטפערענדיג איהר אויף איהרע צערטליכקייטען:

— ליעבע, גוטע קליינע.

זי האט שוין כמעט אין גאנצען פערגעסען די פרעמדע, וואס האט איהר פריהער אזוי וועה געטהאן. אבער דאך איז אן אונ־בעוואוסטער צווייפעל אין איהר נאך פערבליבען, ווארים זי האט געפרעגט מיט איהר חנפה'דיגער שטימע:

— וועט איהר מיך דארט אזוי ליעבען ווי דא?

ער האט געענטפערט בעשטימט:

— איך וועל דיך ליעבען ווי דא.

ע נ ד ע.